STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02876

FUN MAYNE HEYMEN

Yaakov Shtraykher

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב שטרייכער

פון מיינע הימען

בוענאָס־איירעס

1953

ארויסגעגעבן פון פריינט און חברים.

Copyright by I. Streijer
Angel Aguirre 2089
Buenos Aires

I. STREIJER

DE MIS HOGARES

מיינע קינדער פאני און
מיגעל גלאָצער
אַ מתנה

Buenos Aires
1953

Editado por amigos y simpatizantes

י. שטרייכער, — מענטש און כאַראַקטער

איך בין נישט אויסן קיין אָפּהאַנדלונג וועגן י. שטרייכער דעם דיכטער, אָדער שרייבן אַ קריטיק וועגן די דערציילונגען און סקיצן וואָס גייען אַריין אינעם בוך. וועגן י. שטרייכער דעם דיכטער איז שוין אויסגעקומען צו שרייבן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, אָבער וועגן י. שטרייכער דעם מענטש און זיין כאַראַקטער און זיין ביישטייער פאַר דער יידישער קולטור אין אַרגענטינע האָט מען נאָך נישט געזאָגט דאָס ריכטיקע וואָרט, וואָס דאַרף געזאָגט ווערן. און דאָס וואָרט איז „פּיאָנער". ער געהער צו די, וואָס דאַרפן מיטן פולן רעכט אָנגערופן ווערן „מתחילים", וואָס האָבן די ערשטע אָנגעהויבן דענקען וועגן געבן און האָבן געגעבן אַ קולטור־אויסזען דעם יידישן ישוב אין אַרגענטינע, אין די צייטן, פון דעם ערשטן דור אימיגראַנטן, אַ געקומענער קיין אַרגענטינע צו שאַפן אינעם לאַנד אַ „דירת קבע" פאַר זיך און פאַר די ווייטערדיקע, וואָס וועלן נאָך קומען. מיט דעם ערשטן דור איז געקומען אויך י. שטרייכער, אַ יונגער מענטש אין בליענדיקער יוגנט, אַ בחור אַן „אָנגעזעטיקטער" מיט ליידן און פיין דאָרט אינעם אַלטן רוסלאַנד, וואָס איז פאַר אים נישט געווען אַפילו אַ שטיפמוטער. דאָרט האָט ער געווים נישט געטראַכט, אַז דער גורל אַליין האָט אים אָנגעצייכנט צו לאָזן זיך אין ווייטן אַרגענטינע, צו ווערן אין איר דער פּיאָנער פון אַ יידישן קולטור־אָנהייב און זיין איינער פון די, וואָס קומען צו דער נייער סביבה מיט אַ דיכטערישן וואָרט.

שוין דאָס אַליין איז אַ גרויסער פאַרדינסט. דורכלייגן און אויס־פלאַסטערן אַ וועג, איז ווי שאַפן אַ גאַנצע וועלט, אָבער י. שטרייכער האָט אויך ריכטיק אָפגעשאַצט, אַז אַ פיאָנער קען נישט קומען גלאַט אַזוי, נאָר מוז אויך זאָגן זיין וואָרט, און געזאָגט האָט ער אויף אַזאַ דיכטערישן אופן, אַז זיין ליד איז געוואָרן דער אויסדרוק און באַוווסטזיין פון אַ רעאַליסטישן ראָמאַנטיזם, וואָס דרינגט אַריין נישט אַזוי אינעם פסיכאָלאָגישן ווי אינעם סאָציאַלן. און אַזוי קען מען אויך כאַראַקטעריזירן י. שטרייכערן: דער דיכטער־פיאָנער פון ראָמאַנטיש־סאָציאַלע מאָטיוון.

און ענלעכע מאָטיוון וועט מען אויך געפונען אין זיינע דערציילונגען, געשריבן אין אַ פשוטער מענטשלעכער שפּראַך און וועלכע עס איז פליטערלעך. י. שטרייכער מאַכט נישט זיינע דערציילונגען און סקיצן אונטערטעניק דעם וואָרט, ענטפערט זיי נישט איבער צו דער געפליגלטער פראָזע, נאָר אין אַן אויפריכטיק־מענטשלעכן וואָרט דערציילט ער אמתן, דירעקט געשעפטע פונעם לעבן. — נישט גרינג און נישט גאָלדן־ליכטיק איז געווען דאָס גיין פון די איינוואַנדערער אויף די וועגן פון דער נייער היים, י. שטרייכער האָט נאָכגעפאָלגט, איז מיטגעגאַנגען מיט די אַלע מענטשן, אַלע זייערע ליידנס־ און פיין־וועגן און וואָס ער האָט באַמערקט, געזען און צוזאַמען מיט די פערסאָנאַזשן מיטגעלעבט, גיט ער איבער אין זיינע פאַרצייכענונגען. עס זיינען ווי פאַרצייכענונגען צו ראַדיאָגראַפיעס, וואָס קוקן אַריין טיף־טיף אין דער נשמה. און ער ווייזט אָן אויפן סך־הכל, וואָס איז געשען מיט איינעם אָדער מיט אַ צווייטן, ווי עס איז געגאַנגען דאָס לעבן פון איינעם אָדער אַ צווייטן און ווי עס זעט אויס דער ענדלעכער תכלית, — די אַלע דערציילונגען און סקיצן פון י. שטרייכער זיינען דאָס בוך פון די אַלע מענטשן, וואָס האָבן געלעבט, איבערלעבט און טרויעריק פאַרענדיקט. און י. שטרייכער האָט מיט זיי מיטגעלעבט נישט נאָר דעם געמאַכטן וועג, נאָר אויך געטיילט מיט זיי די איינזאַמקייט פון זייערע היימען. דאָס אַלץ גיט ער איבער דער עפנטלעכקייט צו איר וויסן און קענטעניש, און די מעלה פון די אַלע פאַרצייכענונגען איז, וואָס זיי זיינען געשריבן „אָן פרעטענזיעס", נאָר פשוט און איינפאַך, היימיש־פאָלקסטימלעך און ליבנדיק־מענטשלעך.

ד״ר. ל. זשיטניצקי

שלמהקעס טרויער מאַרש

אַזעלכע חלומות הויבן זיך אָן וועבן אין דער יוגנט, זיי קומען אומגעריכט. אין אַ שיינעם פרימאָרגן שטייסטו אויף אַ דערוואַקסענער מענטש, דיר דאַכט זיך אַז צירל, צי פריידל האָט אויף דיר געוואָרפן אַנדערע בליקן ווי צוריק מיט עטלעכע חדשים. נישט קיין געוויינטלעכע מיידלשע בליקן מיט אַן אומשולדיקן שמייכל, נאָר גרויסע ערנסטע בליקן. אַ לייכטער ציטער האָט זיך געפילט אין איר שמייכל, עפּעס פון אַן ערנסטן איבערגאַנג... שלמהקע האָט דאָס שוין לאַנג באַמערקט און זיך ערנסט פאַרטראַכט.

ביידע זיינען נאָך געווען גרינע אין לאַנד, קוים די ערשטע צוועלף חדשים אַרגענטינער לעבן פאַרצייכנט. פון 1905 ביז 1906, האָט דאָס לעבן אַ ווונק געטאָן צוביידן אויף הוה׳ס און אָדמס שפּראַך און מען איז געוואָרן חבר און חברטע אויף אַן אַנדער שטייגער... אַלס פרייע סאָציאַליסטישע מענטשן האָט קיין אַנדער וועג נישט געקאָנט זיין צו זייער ערנסטן איבערגאַנג אין לעבן, די באַוועגונג אין יענע יאָרן וועגן פרייער ליבע האָט געקלאַפּט אין יעדן האַרץ מיט סאַנינס טעמפּ...

די חתונה האָט מען געפּראַוועט אין פּאַלערמאָ־וועלדל וואָס שטייט הינטערן זאָאָלאָגישן גאָרטן און געקינצלטע גערטנער. אָן בלומען, נאָר געדיכטע אוראַלטע צעוואַקסענעביימער מיט ריזיקע קודלעוואַטע צע־שויבערטע קעפּ, האָבן דעם נייעם פּאָרל געדינט פאַר אַ חופּה. דעם חתונה־מאַרש האָבן אָפּגעשפּילט צוויי פייגל, וועלכע מען רופט ביטשאָ פעאָ און קוקו, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעהערט מער פון די איבעריקע פויגלען. אָט דער חופּה־מאַרש האָט זיך שלמה׳קען ווי בליי אויפן האַרץ געלייגט... עס האָט דעם גאַנצן זונטיקדיקן טאָג געקלונגען אין זיינע אויערן, בלויז די סאָלאָ פון די צוויי פייגל...!

ווי יונגע מענטשן מיט שטאַרקע געזונטע פאַרלאַנגען האָט אים צירל צום יאָר געבוירן אַ טעכטערל. שלמה׳קע איז אָנגעגאַנגען מיט זיין

טאָג־טעגלעכער טישלער־אַרבעט. ער האָט אָבער נישט געקאָנט פאַרגעסן בערלס שפּיזיקע בליקן וואָס זיינען געפאַלן אויף אים... און ליבע האַרציקע בליקן אויף צירלען... אַזוינע בליקן קענען נשמות אויפפרעסן און הערצער פאַרפירן... און צירל איז טאַקע געוואָרן אַן אַנדערע.

דאָס איז אייגנטלעך געשען פאַראיאָרן ווען מען האָט די חתונה געפּראַוועט אין פּאַלערמאָ־וואַלד באַ אַ קריאַזשאַ אַסאַדאַ, אַף אַ בראָט־אייזן מיט אַ פּאָר פלעשער וויין.

בערלס אויגן האָבן זיך דערמאָלט איינגעשטאָכן אין צירלס הויכע יונגע ברוסטן און ווי אַ וואָלף זיי געוואָלט פאַרצוקן. שלמה׳קע האָט דאָס באַמערקט, אַ שרעקלעכער שוידער איז אים אַריבער איבער זיין לייב! אים האָט נאָך נישט אויפגעהערט צו קלינגען אין זיינע אויערן קוקו, קוקו! ביטשאַ פעאַ, ביטשאַ פעאַ! שלמה׳קען איז דאָס אַריין אין לייב און אין זכרון, אויב ער וועט דאָס חוזק געזאַנג נישט דאַרפן איבערזינגען אין זיין איינזאַמקייט...

דאָס לעבן איז זיך געגאַנגען זיין וועג, לייכטזיניקע מענטשן גייען צום אָפּגרונט, שוואַכע כאַראַקטערן גייען צו דער איינזאַמקייט; מיט די צוויי מענטשלעכע שוואַכקייטן האָט שלמה׳קען מיט צירלען צולאַדעט.

הגם עס זיינען שוין געווען פיר קינדער, די עלטסטע טאָכטער איז שוין געווען אַ גאַנצע פאַרדינערקע, געאַרבעט אין אַ ביוראָ, האָט מען זיך שיין געקענט דורכלעבן אָן דעם טאַטנס פאַרדינסטן און אויף דעם האָט זי אַרויסגעקוקט. ווייל שלמה׳קע האָט איר שוין צופיל געגעבן אָנצוהערן וועגן די אינטימע באַציונגען וואָס זי האָט מיט בערלען!

ער האָט אַלע יאָרן די לײדן אַראָפּגעשלונגען, זיך געשעמט פאַר עפנטלעכע סקאַנדאַלן, ער האָט געפילט אויף שריט און טריט אַז ער איז דער אָפּגענאַרטער אָבער ווי אַזוי קאָן מען אַזאַ שוידערלעך חטא פאַר קינדער דערציילן! זיי וואָלטן אים דאָך פאַרשטיינערט, ווי קאָן מען אַזעלכעס זאָגן אויף זייער מאַמען... ס׳איז שוין פאַר אים קיין סוד נישט געווען אַז קינדער וועלן פאַר דער מוטער גיין אין פייער און אין וואַסער.

ער האָט אויך גוט געקענט די געזעלשאַפט, מען קוקט אַרויס אויף נייעס־לעך כדי די צינגער צו שאַרפן... נאָר איידער ער איז געקומען צו זיין טרויעריקן באַשלוס האָט ער געזוכט מיטלען ער זאָל זיך אַראָפּ־ריידן פון האַרץ, איר אויפווייזן די ערטער פון אירע פאַרדאַרבענע שריט. אַז נישט נאָר אים און די קינדער האָט זי גענאַרט נאָר אויך זיך אַליין. דאָס גאַנצע לעבן אָפּגענאַרט. אַזוי מיאוס, אַזוי עקלהאַפט און אַזוי פאַר־דאַרבן!

וואָלט דען נישט גלייכער געווען איבעררייסן צוריק מיט יאָרן, ווען

די קינדער זיינען קליין געווען, האָבן זיי יאָ געהאַט אַ טאַטן, אָדער נישט געהאַט קיין טאַטן? איצט דערוואַקסענע קינדער, גרעסערע ליידן!

צירל האָט דערפילט די געפאַר אַז זיין שווייגן איז ערב אַ שטורעם און זי האָט צוגעגרייט דעם באָדן, פריער אָדער שפּעטער וועט אַלץ פּלאַצן, אַלץ וועט אויפרייסן! דאַן איז זי פאַרפאַלן און זי האָט זיך געפּרוווט אויסבאַהאַלטן אונטער שלמה׳קעס ערלעכן שאָטן.

דער גרויסער אומגליק פון 1914, האָט איר צוגעשפּילט, זי האָט געגומען אָנריידן די קינדער אַז ער איז געוואָרן אַ פּוילענצער, ער וויל נישט אַרבעטן. אַרבעטסלאָז אין יענע אומגליקלעכע יאָרן איז נישט געווען קיין תירוץ, מענטשן אַרבעטן דאָך... און ער וויל לעבן אויפן חשבון פון די קינדערס פאַרדינסטן. און דערצו נאָך אַ שכור געוואָרן...

אָט דעם צוגאָב וואָס איז אויך פון די קינדער געפאַלן אויף זיין געוויסן האָט ער שוין נישט געקאָנט איבערטראָגן. אוממאָראַלישע ווערעם ווילן צעפרעסן זיין נשמה. אַ יעדער וואָרט זיינס איז געפאַלן ווי אַ שווערער שטיין איבער איר געוויסן. די שטים זיינע האָט גערונערט אין איר נשמה אַריין!

— דיר איז גוט באַקאַנט די גאַס באַרטאָלאָמע מיטרע אַפּן ראָג בערמעכאָ (איצט כואַן כאורעס) דאָרט האָסטו דיך און מיך און דיינע קינדער געשענדעט! דאָרט האָסטו פאַרקויפט דיין געוויסן! און מיך מאָראַליש און גייסטיק צעבראָכן!

צירל איז געזעסן ביים טיש אַ דערשלאָגענע, דעם קאָפּ אונטערגעשפּאַרט איןביידע הענט, זי האָט זיך האַסטיק אַ הייב געטאָן פון אָרט און ווי אַ ווינט צוגעשפּרונגען צו שלמה׳קען און מיט דער האַנט אים פאַרשטעלט דאָס מויל.

— שווייג דו ביסט שכור, ווייסט נישט וואָס דו רעדסט. די עלטערע מאָכטער דערזעענדיק דעם גערודנגל האָט זיך דערנענטערט צום שלאָבטפּעלד... און זיך אַריינגעשטעלט צווישן ביידע.

— דו ביסט אַ שכור, טאָרסט נישט זיין מיט אונדז! מיר וועלן נישט דערלויבן אַז דו זאָלסט דער מאַמען באַליידיקן! און אים אין זיין פּנים געשפּיגן.

שלמה׳קען האָט אַ קאַלטער שוויים באַגאָסן. די קני האָבן אים געציטערט ווי טרוקענע צווייגן אין אַ שטורעם־ווינט. יעדער סימן פון מענטש האָט זיך אויסגעלאָשן אין זיינע אויגן, זיינע פויסטן האָבן זיך געביילט, וועלטן חרוב מאַכן און וועלטן איינגעמען, ער האָט דערפילט די ענדע פון זיין צעבראָכענעם לעבן און נישט ווילנדיק האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן דאָס געזאַנג... פון זיין אונטערגאַנג: קוקו, קוקו! בימשאָ פּעאָ, בימשאָ פּעאָ!

צירל האָט זיך זיגעריש געווענדעט צו די קינדער: איר זעט ער איז שוין באַלד משוגע פון שכרות.

שלמהקע האָט זיך שווער אויפגעהויבן פון בענקל, ווי פון אַ שווע־רער לאַנגסטיקער קרענק, צוזאַמענגענומען זיינע זאַכן און אַוועק ווי אַ געשלאָגענער הונט.

צירל איז געזעסן שטום און פאַרטראַכט, מען האָט נישט געקאָנט וויסן צי טראַכט זי וועגן שלמה'קעס פאַרשווינדן צי וועגן איר פערזענ־לעכן וויטערדיקן לעבן...

גרויסע טרערן ווי פערל האָבן זיך געקייקלט איבער איר פּנים, זיך אַריינגעקייקלט אַף איר לייב ווי טייכן אין ים אַריין. אַ שטורעם האָט אַ בלעטער געטאָן איבער פאַרגאַנגענע יאָרן. זי האָט זיך געהאַלטן פאַר שולדיק און געדעכט... גערעכט... ווייל זיי זיינען דאָך פרייע מענטשן, און יעדער האָט אַ רעכט צו טאָן מיט זיך וואָס ער וויל...

אומגערעכט קעגן דעם ערלעכן באַשיידענעם מענטשן. נישט געע־דאַרפט נאַרן, געדאַרפט מיט אים איבעררייסן באַצייטנס, איידער בערל דאָט חתונה געהאַט מיט דער קרענקלעכער פרוי, האָב איך אים גע־האָלפן אַלס מענטש, אַלס חבר... און מער נאָך אויס ליבע צו אים. ליבע וואָס האָט נישט קיין גרענעץ און פרעגט אויך נישט קיין שאלות. און עס איז געשען אויף אַ מיאוסן און נידעריקן אופן. די קינדער וועלן זיך אַמאָל אָפּגעבן חשבון. און עס קאָן אַמאָל געשען ווי ער האָט געזאָגט פאַר זיין פאַרלאָזן זיי. דו האָסט צוגעגרייט די קינדער מיר אין פּנים אַריינצושפּייען! וועט קומען אַמאָל אַ צייט ווען אַלע צוזאַמען וועלן דיר אין פּנים שפּייען! נישטאָ קיין סודות אָן אַנטפּלעקונג! זיי וועלן זוכן אַמאָל דעם אָפּגענאַרטן צעבראָכענעם מענטשן וואָס האָט געהייסן שלמה'קע. און אויב זיי וועלן אים אַמאָל יאָ געפינען וועט דאָס זיין אַ שאָטן פון יענעם, אַז אַ שפּיי'אין פּנים וועט זיין פאַר אים ווי אַ שלונג וואַסער!

ווען שלמה'קע האָט זיין שטוב פאַרלאָזט, האָט ער גענומען די ריכ־טונג צו ריוואַדאַוויאַ, זיך אַרויפגעזעצט אויף דעם טראַמוויי נומער 2. וווּ אָפּשטייגן האָט ער נישט געדענקט; איין פאַרלאַנג האָט ער געהאַט, אַז דער טראַמוויי זאָל אַזוי יאָגן, אַז נישט נאָר אין קאָפּ זאָל שווינדלען נאָר אַז אַלע שטובן מיט די מענטשן און גאַסן זאָלן שווינדלען ווי אַ ווירבער. קיין זאַך זאָל נישט בלייבן אויפן זעלבן אָרט, ביז בלינד ווערן.

ער איז געקומען צו זיך ווען דער גוואַרדאַ האָט אים אָנגערירט מיט אַ פינגער די פּלייצע:

— סעניאָר! ליניערס, איר ווילט צוריקפאָרן?

שלמה'קע האָט זיך מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ און אַ צעשראָקענער אויסגערופן:

— ניין, ניין, איך שטייג שוין אויס!

שלמה׳קע איז ארוים צו דער סטאַנציע ליניערם, אַ בליק געטאָן אויף די גלאַנציקע רעלסן. פון דער בליענדיקער זון, האָט אַ ניי לעבן אין אים אויפגעוואַכט:

אַ גרויסע וועלט, אַ ברייטע וועלט, מען קאָן אַוועק ווו מען וויל.

עפּעס אַ טעמפּקייט און אַנגסט האָט אים ווידער באַהערשט און ער האָט זיך אַליין געפרעגט:

„קאָן מען פון זיך אַליין אויך אַנטלויפן? ניין ברודער שלמה׳קע פון זיך אַליין וועסטו נישט ׳אַנטלויפן, דו ביסט שוין ברודערל צעשטויבט פון ליידן אַז זאָלסט קענען פונדאַסניי קעמפן פאַר אַ שענערער, בעסערער און ערלעכער וועלט״.

אַזוי שפּאַנענדיק און שמועסנדיק מיט זיך ביי דער זייט פון די באַן־רעלסן האָט ער אָנגעטראָפן אַ גרופּע יונגע מענטשן לעבן אַ שורה ליידיקע פּראַכט־וואַגאָנען. איינער פון דער גרופּע האָט אים באַמערקט און אויסגערופן! נאָך אַ יאָלד פאַרט אויף ערד־אַרבעט.

שלמה׳קע איז געבליבן ווי צעטומלט, אָבער באַלד געקומען צו זיך אויפגעהויבן זיינע סענקעוואַטע דלאָניעס צו די פאַרזאַמלטע, אַלע האָבן אויסגערופן! ער איז אַ חבר, ער פאַרט מיט אונדז!

זיינע קעשענעס זיינען געווען אויסגעליידיקט ווי ביי אַ שלימזלדיקן בעטלער די טאָרבע.

ווען שלמה׳קע איז צוגעקומען צו דער גרופּע מענטשן, האָט איינער אַ קליין געוויקסיקער, טונקל־הויטיקער און ריידעוודיקער פאַרענדיקט זיין רעדע.

— אַ חברים קאָמונע וועלן מיר שאַפן. נישט נאָכטאָן דעם ביישפּיל וואָס עס טוט זיך אויף אַנדערע ליניעס, גאַנצע מחנות אַרבעטסלאָזע חברים באַפאַלן פּראַכט־וואַגאָנען און מען שטורעמט צו זעטיקן דעם הונגער!

איך האַלט אַז אַ געוויינהייט איז אַ צווייטע נאַטור... אויב נישט אַלע פון אונדז וועלן אַרבעט באַקומען זאָל קיינער נישט דאַרפן הונגערן, נישט זיין אויסגעשטעלט צו דעם פיינלעכן גורל פון איבערפאַלן!

אַלע פאַרזאַמלטע זיינען געוואָרן אויסגעזעצט אויפן גראָז נישט ווייט פון די באַן־רעלסן, מיט אָראָפּגעלאָזטע קעפּ אויסגעהערט די קלוגע עצות פון משה׳לע דעם שוואַרצן. אַ צעוואַקסענער יאַט, וואָס איז גע־זעסן לעבן שלמה׳קען האָט אים וווילינגעריש אַ שטורך געטאָן מיטן אַקסל און מיט די אויגן אָנגעוויזן אויף משה׳לע דעם שוואַרצן:

— דו הערסט! חבר׳ל דאַכט מיר ער איז קרופּאָטקינס אייניקל. ווען אַזעלכע משה׳לעך זאָלן געווען קומען אין די ניינציקער, ווען דער באַראָן הירש האָט אָפּגעקויפט דעם באָדן פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע, וואָלטן

מיר, היינט צו טאָג אויף די יידישע קאַמפּן געהאַט אַ שיינע קאָמונע־וועלט.

ער האָט פריער אַרויסגעלייענט עפּעס פון אַ בוך. ווי אַזוי האָט ער אים אָנגערופן. אַ יאָ „קאַפּיטאַל״; מאַרקס האָט אָנגעוויזן מיט ציפערן, מיט מאָס און וואָג, וועגן אויסלענדישע מערק, וועגן קאָנצענטרירן דעם קאַפּיטאַל, דו הערסט חברל, אַ שווערן קאָפּ האָב איך. דעם אמת געזאָגט האָב איך נישט פאַרשטאַנען וואָס ער האָט געלייענט, אָבער איך פיל אַז עס איז נישט שלעכט...

די זון האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרגיין, אַ לייכט זומערדיק ווינטל האָט אַ שטויס געטאָן די פאַרשוויצטע פול טרויעריקע פּנימער, מחנות פייגל האָבן זיך מיט אַ סווישטשעריי געלאָזט אין פעלד און אויףביימער צו זייערע נאַכט־געלעגערס. די נאַכט־טריט האָבן זיך שאָטנדיק אַרום פאַרשפּרייט און אַרויפגעצויגן אויף די דערשלאָגענע געמיטער אַ געדיכטן אַנגסטלעכן שלייער.

דער נאַכט־וועכטער פון די באַן־ליניעס האָט געוויזן די אָנגעצונדענע אויגן פון זיין לאַמטערנע, מען האָט זיך אָנגעהויבן טוליען איינער צום צווייטן ווי אַ סטאַדע צעשראָקענע שאָף. משה'לע מיט זיין רירעוודיקייט און געשליפן צינגל האָט גענומען באַרויקן:

— חברים, איך האָף, אַז אונדזער פּלאַן וועט נישט צעשטערט ווערן, מיר וועלן נאָך די נאַכט אַרויספאָרן. מיר זיינען דאָך נישט דאָרט אינעם וועלט אומגליק אונטער דייטשישער צעשטערונג ווו עס זיצט אַ טייוול ווילהעלם דער צווייטער און שמייכלט רויט אַריין אין זיינע וואָנצעס פאַר גרויס נחת פון זיינע צעשטערערישע כוחות!

— מוי בוענאָס, קאָמפּאַניעראָס! האָט דער וועכטער שמייכלענדיק באַגריסט די גרופּע מענטשן און האָט צוגעגעבן:

— בעסער אַ גוטע עצה פון אַ פּשוטן מענטש, איידער די גוטע פאַרשפּרעכן פון גרויסע פּאָליטיקער... איר זייט נישט פון די ערשטע פּאַסאַזשירן וואָס זוכן ערגעץ ווו צו שטילן דעם הונגער. צען אַזייגער גייט אָפּ די באַן. דאָס איז אַ לאַסט־צוג וואָס גייט קיין ריווערא פּול־שטענדיק מיט ליידיקע וואַגאָנעס. פאַרזיכטיק, צו צוויי אין די אָפענע וואַגאָנען און קומט אָן בשלום אַהין ווו אייערע טרויעריקע בליקן דערוואַרטן!... אַ גליקלעכער צוריק וועג ווייל אַהין ווער ווייסט... מוט חברים! אַרבעט וועט אייער לעבן פאַרזיסן, אַדיאָס!

דאָס רויטע גלעזל פון דער לאַמטערנע האָט עקשנותדיק זיך געשטאָכן אין דער נאַכט־פינצטערניש אַריין. דער צעוואַקסענער יאַט האָט נאָכגעקוקט דעם נאַכט־וועכטער און אַ צופרידענער אַ זאָג געטאָן: אָט דאָס איז אַ חבר!

שלמה'קען איז אויסגעקומען אַריין אין איין וואַגאָן מיטן צעוואַק־

טענעם בחור וואָס וויל פאַרשטיין און קאָן נישט באַנעמען. דעם גאַנצן וועג איז מען געווען שטום. זיך אפילו געשראָקן פאַרן קלאַפּן פון די רעדער אויף די אייזערנע רעלסן... האָט מען דערהערט אַ פייף פון לאָ־קאָמאָטיוו האָט זיך יעדן געדאַכט, אַז דאָס רופט מען הילף אַראָפּצו־נעמען די אומגעבעטענע פּאַסאַזשירן...

דער לײַדיקער פראַכט־צוג מיט מענטשלעכע לײַדן און פאַרשיידענע טראַכטענישן האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט אַ שווערן לאָקאָמאָטיוו־זיפץ... די בינטלעך צעבראָכענע גלידער האָבן זיך אַריבערגעוואָרפן איבער די הויכע וואַגאָנען־ווענט און שווער אָפּגעזיפצט...

מען האָט זיך געלאָזט פון יענער זייט ליניע צום אָפענעם פעלד. און אַלע זיינען דערשטוינט פון דער מענטשן־מאַסע וועלכע איז געליגן אויסגעלייגט אויפן גראָז. ס'איז שווער געווען אונטערצושיידן צי דאָס איז אַ דייטשישער קאָנצענטראַציע־לאַגער אָדער אַ שלאַכט־פעלד. אַלץ האָט געקרעכצט. אַלץ האָט געזיפצט ווי אין צייט פון מבול. יעדער האָט זיך אוועקגעוואָרפן אויפן גראָז מיט די אָרעמע רענצלעך צוקאָפּנס און מיטגעזונגען אין גרויליכן כאָר. שלמה'קע האָט מיט אַנגסט אוועק־געשאַרט דאָס אַרומיקע און אַ טראַכט געטאָן וועגן זיך:

„איז דאָס די גרענעץ וווּ איך קען פון זיך אויסלאָדן מיין שרעקלעכן שיקזאַל? ניין שלמה'קע, אָט דער פּרייווויליקער קאָנצענטראַציע־לאַגער זאָגט דיר אָן דאָס פאַרקערטע, דו ביסט חבר'ל פאַרמשפּט צום אונטער־גאַנג! דיין נעסט איז צעשטערט געוואָרן מיט אַ שפּיי אין פּנים. דיין אונטערגאַנג איז פאַרזיגלט".

ווען די סודותפולע נאַכט איז אוועק איר ווייטערדיקן וועג און די שטערן האָבן זיך אויסגעלאָשן איינער נאָכן אַנדערן ווי שלמה'קעס האָ־פענונג צום לעבן, האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּעריי פון פערדישע פיס און אַ סקריפּעריי פון רעדער אויף טרוקענע אַקסן פון יידישע סולקיס באַגלייט מיט אַ געדיכטן שטויב ווי גרויע וואָלקנס. האָט שלמה'קע זיך אויפגעזעצט באַטראַכט דעם אַרום מיט נישט דערשלאָפענע אויגן און טראַכטנדיק זיך דערטראַכט אַז דאָס מוזן זיין קאָלאָניסטן, וועלכע קו־מען אין שטעטל באַזאָרגן זייערע טאָג־באַדערפענישן.

האָט זיך שלמהקע אויפגעהויבן זיך אויסגעצויגן און יעדער גליד האָט אויסגעקרעכצט אָן אַנדער ווייטיק. אַריבערגעשפּאַנט די באַן־רעלסן, אַריינגעקומען אין אַ גרויסן לײַדיקן אָרט וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ מאַרק־פּלאַץ, דאָרט לעבן דער סטאַנציע אַ גרויסער הילצערנער בנין מיט אַן אָפּבלאַקיר־טן שילד ווו עס האָט זיך געלייענט: קאָאָפּעראַטיווע.

און שלמה'קע האָט באַלד פאַרשטאַנען אַז דאָ ווערן איבערגע־וועקסלט... יידישע קאָלאָניסטישע לײַדן...

פערד האָבן נערוועז געשאַרט מיט די פאָדערשטע פיס די ערד

אונטער זיך. מיידלעך ברונעטקעס מיט געפלאָכטענע צעפּלעך אריבערגע־וואָרפן אויף זייערע פלאַטערנדיקע ברוסטלעך, האָבן מיט ליכטיק שטראַ־לנדיקן גוט מאָרגן צוגעוואָרפן:

— טשע, כאַ־כאַ־כאַ! און דאָס איבעריקע איז דערטרונקען געוואָרן אין די שטורמישע מיידלשע הערצער!

שלמה׳קע האָט זיי שטיל אין הארצן געווונטשן אז זיי זאָלן נישט דערלעבן צו קומען צו זיין מדרגה. צירל האָט אים אויך אַמאָל צוגעוואָרפן איר מיידלשן כאַ־כאַ־כאַ!...

זיין פּנים איז געוואָרן אַזוי פאַרוואָלקנט, אז א פּשוטער מענטש וואָלט איבערגעלייענט זיין גאַנצע טראַגישע פאַרגאַנגענהייט.

מיט אימפּעט האָט זיך באַוויזן א סולקי מיט סקריפּענדיקע רעדער זיך געווינגט און געוואַקלט ווי דאָס גאַנצע יידישע לעבן. א מענטש אין די פופציקער איז יינגלש אראָפּגעשפּרונגען פון סולקי א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו די מענטשן וועלכע האָבן געוואַרט ביי דער פאַרשלאָסענער טיר פון דער קאָאָפּעראַטיווע. אַלע האָבן מיט א ליבלעכן שמייכל גע־ענטפערט:

— האַלאָ, א גוט מאָרגן הער משה!

שלמה׳קע האָט באַטראַכט דעם מענטשן, א פּשוטער ייד אָנגעטאָן אין געקעסטלטע באַמבאַטשן מיט א גרויער בלוזקע איבער זיין; אויף די פיס אָלפּאַרגאַטן מיט געפלאָכטענע שטריק־פּאָדעשוועס, ווו עס האָבן ארויסגעקוקט צעפלאָכטענע שטריקלעך פון אַלע זייטן.

שלמה׳קע האָט אויפגעכאַפּט קורצע איבערגעוואָרפענע ווערטער פון צוויי יידן אויפן חשבון פון ערשט צוגעקומענעם קאָלאָניסט:

— ער איז אָרעם ווי די נאַכט אָבער רייך אין גייסט. און דערפאַר האַלטן אים אזוי אין קלעם די ייקאַ־משרתים.

שלמה׳קע האָט פאַרשטאַנען אז דאָ שטייט א פּראָגרעסיווער מענטש וואָס וואָלט אים אויך געקאָנט מיט עפּעס העלפן. און ער האָט זיך אָנ־גענומען מיט מוט און זיך צוגעשאַרט צו אים. מיט א שטילן ווייטיקלעכן אָטעם ארויסגעריסן פון האַלדז:

— א גוט מאָרגן מיין ליבער ייד!

משה האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ. צוויי גרויסע גוטמוטיקע אויגן האָבן ארויסגעקוקט פון אונטער זיינע געדיכטע ברעמען און אים פריינט־לעך געענטפערט:

— א גוט מאָרגן, מיין ליבער פריינט!

ער האָט אים ארומגענומען מיט זיינע גוטמוטיקע בליקן און צו־געגעבן:

— איבעריק אייערע ווערטער איך בין נישט קיין פּסיכאָלאָג אָבער אייערע געזיכט־שטריכן האָבן אייך פאַרמסרט... איר פאָרט מיט מיר!

שלמה׳קע איז געבליבן שטיין א פארגליווערטער. צוויי גרויסע טרערן האָבן ארויסגעשפּארט פון זיינע אויגן. משה האָט דאָס באמערקט, אים ליבלעך א קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע: מוט חבר! דאָס ביסל גוטס וואָס איז פאראן אויף דער וועלט איז שלעכט פארטיילט געוואָרן. מען טאָר זיך נישט פארלירן! מיר וועלן פון פעלד אראָפּנעמען א יאָר הארעוואַניע וואָס באהאנדלט אונדז אין דער פּאמפּא ווי א שטיפמאמע, אבער גאליעט פעלט נישט, וואָסער האָב איך פון אייגענעם ברונעם... איר פאָרט מיט מיר!

משה איז אריין אין קאָאָפּעראטיווע, אָנגעקויפט די נייטיקע זאכן. מען האָט פארשריבן אין די ביכער, דערלאַנגט משה׳ן טינט און פעדער און ער האָט אונטערגעשריבן. ביים אונטערשרייבן האָט ער אנגסטלעך אויסגעקרעכצט:

נאָך א מצבה אויף מיין קאָפּ!

ער איז ארויס מיט א פולן זאק, איינגעלאָדן שלמה׳קען אין סולקי:

— מיר פאָרן פריינט. עטלעכע לעגוועס. אין א פּאָר שעה זיינען מיר אין שטוב.

ארויס פון שטעטל אויפן פרייען פעלד, האָט משה זיך פריינטלעך געווענדעט צו שלמה׳קען:

— דערציילט, וואָס הערט זיך עפּעס אין דער גרויסער שטאָט?

שלמה׳קעס הארץ איז געווען אזוי איינגעשרומפּן פארן ארום, אז ער האָט נאָר גערעדט פון זיך. משה האָט א שמייכל געטאָן און אים איבערגעריסן זיין דערציילונג:

— אנטשולדיקט מיין ליבער ייד, פאמיליע־טראַגעדיעס דערציילט מען נישט פאר קיינעם. דער קלוגער מענטש וועט אייך האלטן פאר א נאר, א נאר וועט אייך אויסלאכן, אָדער ווייל־יונגעריש א זאָג טאָן: ביסט א יאָלד... און נאָך אלעמען פארשטיי איך נישט. מענער נארן מער די פרויען ווי פרויען מענער, פונדעסטוועגן איז פאראן אין א געוויסער מאָס שלום בית... נאָר ווען א פרוי נארט אָפּ דעם מאַן ווערט אלץ צעשטויבט און צעבראָקלט ווי אונדזער שווערע ארבעט פון א קאַפּריזנעם פּאמפּרא:

שלמה׳קע האָט א ציטער געטאָן מיט זיין גאנצן גוף און אנגסטלעך אויסגעקרעכצט:

— קוקו, קוקו! ביטשאָ פּעאָ ביטשאָ פּעאָ!

ער האָט דערמיט געוואָלט געבן צו פארשטיין דעם גוטן מענטשן אז דער סוף איז געקומען פון אַנהייב!

משה איז געבליבן ווי געפּלעפּט: וואָס מיינט איר מיט דעם?

שלמה׳קע האָט נישט געענטפערט...

כדי נישט מער אויפרעגן דעם מענטשן האָט משה אָנגעוויזן אין דער וויטקייט מיט דער האַנט אַ צופרידענער:

— אָט דאָרט. איר זעט די רויטע קו מיט די ווייסע פלעקן, אָט דאָרט איז מיין באַגרעבעניש!

ענדלעך האָט זיך דאָס פערד אָפּגעשטעלט אין אַ ברייטן גרויסן הויף אַרומגעצוימט מיט דראָטן. דערפילנדיק דאָס פרישע גראָז האָט דאָס פערד צעשפּרייט די נאָז־לעכער און זיך פריידיק צעהירזשעט. שלמה'קע מיטן בעל הבית האָבן אָפּגעשטיגן פון דער סולקי, אַריינגעגאַנגען מיט אָנגעבויגענע קעפּ אין אַ גרויסער לײמענער שטוב, ווו עס איז געשטאַנען אַ לאַנגער ווייסער טיש פון פיינענע ברעטער, אַ נאַקעטער, אָן אַ צודעק. צוויי לאַנגע בענק ביי די זייטן. צוויי קאַטרעס מיט צוגעדעקטע גרויע בילקע קאָלדרעס. צוויי קישעלעך אָנגעפּילט מיט שטרוי. ביים אָפענעם פענצטער מיט אייזערנע גראַטקעס, אַ בראַסערא מיט אַ גרויסן טשייניק געקאָכט וואַסער. די בעל הביתטע איז אַריינגעקומען פון הויף מיט אַ פולן פאַרטעך פרישע אייער פון אייגענעם פליד. אַ בנימעות־דיקן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אויסגעזוגגען:

— אַ גוט מאָרגן מיינע געסט! די מאַטע איז שוין צוגעגרייט. זייט היימיש, סעניאָר, מיר זיינען נישט קיין פּאַמעשטשיקעס וואָס בלאָזן פון זיך...

— זעצט אייך צום טיש, טרינקט אַ מאַטע קאַסידאַ און בייסט צו אונז רוט אייך אויס. מאָרגן מיטן זון־אויפגאַנג, מאַרש אָפן גאָלדענעם פעלד. און ביי די ווערטער אַ צאַרטן שמייכל געטאָן: אַ יאָ, איך קען באַפעלן.

שלמה'קע איז שוין די נאַכט נישט געשלאָפן, עפּעס אַ פאַרגעפּיל האָט אים געמוטשעט אז ער וועט די עטלעכע וואָכן פעלד אַרבעט נישט אויסהאַלטן. די ווערטער פון זיין בעל הבית זיינען אים די גאַנצע נאַכט פון קאָפּ נישט אַרויס. נו שטעלט אייך פאָר — האָט ער געזאָגט צו שלמה'קען — אז מען האָט אייך אָפּערירט אויף אַן אַפּענדיציט און נאָך דער אָפּעראַציע דורשט אַזוי אז איר האָט גאָר קיין באַגריף נישט. איך פיל נאָך דעם טעם. מען גיט אייך מיט אַ שטיקל אייז איבער די ליפּן און מיט דעם אַ געטראַנק... מוזט איר שטילן דעם דורשט. שטעלט אייך פאָר איר וועט מאָרגן אַרויס צו דער אַרבעט, און אין מיטן טאָג שטעלט זיך אַוועק די זון איבער אייך און גליט ווי אין גיהנום, מיט גליענדיקע שפּיזן... זאָל זיך אייך דעמאָלט אויסווייזן מען האָט אייך אויסגעשניטן דאָס איבעריקע קישקעלע... און אויב איר ווילט נישט קראַנק ווערן, איז ראָט איך אייך זיך נישט צוכאַפּן צו דעם וואַסער, אין פעלד שטייען צעשטעלט ערדענע כלים מיט וואַסער, מען דאַרף ווימן ווי אַזוי צו טרינקען, עטוואָס באַנעצן די ליפּן אויב איר ווילט נישט אז מען זאָל

אייך דעם מאָגן אויך אויסשניידן... א לעק און ווייטער אין שפּאַן ווי דאָס פערד...

משה האָט א גוטמוטיקן שמייכל געטאָן און ליבלעך צוגעגעבן:

— פון אזויפיל אָפּעראַציעס קען מען שוין צום פעלד ניט דערגרייכן. אָ, חבר, די פּראַקטיק וועט אייך שוין אויסלערנען.

שלמה׳קע איז ארוים אויפן פעלד מיט נאָך איינציקע אַרבעטער באַגלייט פון בעל הבית פארן זון־אויפגאַנג. ער האָט גלייך איבערגענומען דאָס פּאַך לויט דער אויפקלערונג פון בעל הבית: נאָכגיין דער מאַשין, אויפקלייבן די סנאָפּעס און זיי לייגן אין הויפנס.

ווען די זון האָט א שפּיגל געטאָן מיט איר ליכטיקן גוט מאָרגן, איז שלמה׳קען הײמלעכער געוואָרן אפן הארץ. ארום די האָריזאָנטן האָט זיך געהויבן א פּאָרע פון נאַכטיקן טוי, אָנזאָגנדיק אויף א שווערן גליענדיקן טאָג. ארום אכט אזייגער איז אָנגעקומען די סולקי מיטן פרישטיק פאר די מענטשן. דער קאַפּאַטאָס האָט גענומען בלאָזן אין א האָרן אריין. א סיגנאַל זיך נעמען צו דער אכילה.

שלמה׳קע איז געפאַלן אויף דער ערד ווי א סנאָפּ פון דער מאַשין, זיך אויפגעהויבן ווי א שווערער שטיין פון וואַסער ארוים. ווען די זון האָט א גלי געטאָן אויף דעם זומערדיקן שטייגער איז נישט נאָר דאָס העמד אויף דעם לייב נאָר אויך די הויזן זיינען נאַס געוואָרן. ער האָט די אַרבלען פון העמד פארשארט כמעט ביז די אַקסלען. די ווייסע הויט איז טונקל געוואָרן, נאָכהער רויט טונקל און אביסל געשמארצט. ער האָט פאָרזיכטיק אַראָפּגעשארצט די אַרבל אז קיינער זאָל נישט באַמערקן. דער ערשטער האָט אים דער בעל הבית אָפּגעשטעלט ווי עס איז אים געגאַנגען דעם ערשטן טאָג.

— גאַנץ גוט!...

— הלוואי חבר אויף ווייטער!

די מידקייט האָט אים אזוי איינגעשלעפּערט, אז ער האָט קיין צייט געהאַט צו טראַכטן וועגן זיך. און ווידער איז געקומען דער באַגין, און ווידער אין שווערן שפּאַן. נעכטן מיט שרעק, אפשר נישט קענען. היינט מיט ווייטיק א שרעק. און וואָס וועט איבערמאָרגן זיין?

דער איבערמאָרגן איז פאר שלמה׳קען געווען פאַטאַל.

אין איינעם פון בעל הבית קאָטרעס איז שלמה׳קע געליגן מיט א פיבערדיקן גהינום אין זיין גאַנצן לייב. צופיל וואַסער געטרונקען צו שטילן דעם אייבל פון זיינע ווייטיקן אויף די הענט. די רעאַקציע איז געווען אין אים, אוועקגעוואָרפן ווי א סנאָפּ! ער האָט גערעדט פאר פייער און וואַסער...

די צאַרטע בעל הביתטע איז געזעסן לעבן אים, געטרייסט מיט מאַמע־ווערטער צו שטילן זיינע ווייטיקן. שלמה׳קע האָט זיין גאַנצע לעבנס

טראַגעדיע איבערדערציילט אין פיבער, יעדעס וואָרט אונטערגעשטראָכן וואָס איז געפאַלן ווי גרויסע האָגלען אויף דער גוטער צאַרטער פרוי!

ווען משה איז מיט דער נאַכט אריינגעגאַנגען אין שטוב פון פעלד, זיינען זיינע ערשטע ווערטער געווען:

— וואָס מאַכט דער קראַנקער?

די גוטע צעבראָכענע פרוי, מיט פאַרוויינטע אויגן, האָט משהן איבערדערציילט וואָס דער קראַנקער האָט אויסגערעדט אין פיבער און צוגעגעבן:

— איך האָב מורא, משה, אַז דער אומגליקלעכער מענטש איז נישט ביים קלאָרן זינען...

משה האָט די גוטע האַרציקע פרוי בארויקט:

— מיין טייערע, דער מענטש איז נישט פון זינען. דאָס איז פון פיבער דריק. ער האָט מיר דערציילט פאָרנדיק אַהערצו. עס זיינען פאַראַן פאַרשיידענע טראַגעדיעס אין מענטשלעכן לעבן און וואָס ביי אַ ניכטערן אויף דער לונג איז ביי אַ שיכורן אויף דער צונג!...

ווען שלמה׳קע האָט זיך געראַנגלט אין דער פּאַמפּאַ צווישן פרעמדע מענטשן מיט לעבן און טויט האָט צירל אין בוענאָס איירעס געלעבט אין טרויער און אין פרייד...

בערלס קראַנקע פרוי איז אַוועק אין דער אייביקייט. עס האָט צירלען מענטשלעך וויי געטאָן אויף אַ פאַרגאַנגענעם לעבן, געפרייט האָט איר אַז איצט איז די צייט אָנצוהייבן אַן עפנטלעך לעבן מיט בערלען, ווייל זי איז צו קיינעם נישט צוגעבונדן. זי האָט גוט געקענט שלמה׳קעס כאַראַקטער: אָדער ער וועט ערגעץ אויפקומען, אָדער וועט ערגעץ ווו פאַרלוירן גיין. איר שטערן וועט ער שוין נישט.

אַ שווערער געדאַנק האָט זי באַלאָדן: ווי אַזוי גרייט מען צו די קינדער צו דעם איבערגאַנג, אַז זיי זאָלן זיך נישט כאַפּן אַז זייער טאַטע איז אַמאָל געווען געדעכט מיט זיינע פאַרווורפן.

חיה׳קעלע, די עלטערע טאָכטער האָט איר שוין געבראַכט אַן איי־ניקל און עס איז נישט אַזוי לייכט פונדאַסניי אַ מיידלשן שפרונג טאָן. אָבער אַזוי לעבן איז אויך נישט גוט. וועגט האָבן אויערן און גאַסן האָבן אויגן... אַמאָל צוליב אַן אומפאָרזיכטיקייט זיך נישט דאַרפן נעמען אויף דעם וועג ווו שלמה׳קע איז אַוועק, און פאַר אַ פרוי איז דאָס אַן אומגליק. בערל האָט דעם פּלאַן צוגעשניטן, אָפּגעמאָסטן שניידעריש, און אויסגערעכנט סוחריש.

— אַזוי איז דאָס, מיין טייערע צירל, אונדזער לעבן מוז לעגאַליזירט ווערן. און דער פּלאַן ׳איז אַ פּשוטער: די צוויי מיידלעך וועלן פאַרלאָזן די פאַבריק, נישט לעבן קיין יאָגעדיק לעבן צו דער ארבעט, פון דער

ארבעט און אויסקוקן זייערע אויגן מיט יונגע קלאַפּנדיקע הערצער דעם שבת און זונטיק צו קענען יונגטלעך אַ פּליטער טאָן... מיינע מאַטעריעלע מעגלעכקייטן וועלן דאָס אויך דערלויבן. דאָס ייִנגל וועט פֿאַרזעצן מיט זיין לערנען. די עלטערע טאָכטער האָט דיר שוין געמאַכט פֿאַר אַ באָבע. אַזוי אַז דו קענסט שוין מער נישט קויפֿן אויפֿן ווייבערישן מאַרק... און נישט קאָנקורירן מיט דיינע טעכטער וועגן קינדלען!

צירלס אויגן האָבן געשטראַלט מיט אַ מיידלשן ברען, אויפֿלעבן פֿונדאַסניי... זי האָט זיך מיט אַמאָליקן ברען אַ וואָרף געטאָן אין בערלס אָרעמס, אַרומגעכאַפּט זיין קאָפּ און כמעט יעדע האָר באַזונדער אויסגעקושט און מיט אַ קלינגענדיק געלעכטער אויסגערופֿן:

— מיר זיינען גליקלעך, מיין ליבער. די לאַנג דערוואַרטע פֿרייד איז צוריקגעקומען!...

אין זעלבן מאָמענט האָט איר שלמה'קע אַ שוועב געטאָן פֿאַר די אויגן מיט זיין ערלעך געשטאַלט! זי האָט אַ שטילן אַנגסטלעכן זיפֿץ אין זיך דערשטיקט.

דאָס לאַנג־דערוואַרטע גליק צווישן צירלען מיט בערלען האָט פֿאַרזיגלט אַ יאָרן לאַנגן מאַסקאַראַדן־באַל... איר עלטערע טאָכטער חיה'קעלע איז געוואָרן אַן אַנדער מענטש שווייגנדיק פֿאַרזאָרגט... און ערנסט פֿאַרטראַכט. אירע פֿרויען־געפֿילן האָבן נישט דערלויבט אַזוי חוצפּהדיק באַהאַנדלען דער מאַמען וועלכע האָט דעם אומגליק געבראַכט, ווי זי האָט באַהאַנדלט איר ליבן... ערלעכן טאַטן!

הייסט עס, אַז מיין טאַטע איז נישט געווען פֿון זינען, אַ שיכור, יאָ! אָבער פֿון אַנגסטלעך מענטשלעכע איבערלעבונגען. ער האָט געשריגן אַז עס האָט מענטשלעך און ערלעך ווי געטאָן! איז דאָס גלויבלעך אַז אַ מאַמע פֿון פֿיר קינדער זאָל אַזוי האַנדלען? יאָ, שוואַכזין און לייכטזין! דער באַווייז איז אַ קלאָרער. ביי יעדן צוזאַמענשטויס מיט דער מאַמען פֿלעגט ער מיט נישט קיין מענטשלעכן כוח אויסקריצן דעם נאָמען בערל!

— ווען איך וואָלט מיין צונג געקאָנט אַרויסרייסן, מיינע ליפּן שניידן אויף דינע פּאַסיקלעך ביז בלוט ווייטיק, פֿאַר שפּייען דעם ערלעכן מענטש אין פּנים און האָבן מוט צו שפּייען די וועלכע האָבן דאָס פֿאַרדינט! גאָט מיינער, ווו נעמט מען מוט דערצו!...

חיה'קעלעס דערשיטערונג איז דערגאַנגען ביז מעלאַנכאָליע און אַלע מאָל אויסגעוויינט דעם טרויער פֿון איר טאַטן.

— קוקו!... פּאַפּאַ, אָרעמער פּאַפּיטאַ! מיר האָבן דיך נישט פֿאַרשטאַנען!

צירל האָט אין דעם קוקו פֿאַרשטאַנען, אַז איר טאָכטער איז געקומען אויף די שפּורן פֿון פֿאַראַט. זי האָט זיך אָבער גאָרנישט געקאָנט

העלפן. אראָפּשלינגען, ווי ביטער עס זאָל נישט זיין, איר פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט! און געקומען צום שלום אַז דאָס גאַנצע לעבן איז אַ שפּיל און קוקו!...

צירל האָט איצט שוין אַנדערש פאַרשטאַנען דאָס לעבן. זי האָט שוין דערפילט אַז אירע קינדער ווילן אַרויסרייסן מיט געוואַלד דעם סוד פון איר נשמה. זי האָט אויך שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען איז ביי איר עלטערער טאָכטער חיה'קעלען ווי אויף דער האַנט. ס'האָט נאָר געפעלט אַ קליינע אויפרעגונג, אַז זי זאָל איר אַלץ אויסוואַרפן.

צירל האָט געמוזט שפּילן טעאַטער... צו קענען אַלץ פאַרגלעטן. פאַרגלעטן יעדע קלענסטע אַנדייטונג פון נעכטן. פון פאַר צען נעכטנס פון אַמאָל... פאַרגלעטן אַרטיסטיש, מיט אַ לאַך, מיט אַ שפּרונג און געזאַנג... מיט אַ לידל.

חיה'קעלען האָט דאָס לידל ווי מיט שפּיזן אַ שטאָך געטאָן אין איר נשמה! זי האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל, צוגעגאַנגען צו דער מאַמען מיט ברייטע צעעפנטע טרערנדיקע אויגן און איר אַריינגעשריגן אין פּנים אַריין: אַ גוטע נאַכט מאַמע!...

נאָך שווערע לאַנגע חדשים פון אַנגסטלעכע ליידן האָט זיך שלמה'קע געשטעלט אויף די פיס. מיט אַ ליידיקן קאָפּ אויף די אַקסלען ווי דער מאַרך וואָלט איינגעטריקנט געוואָרן. לאַנגע דינע פינגער ווי וואַקסענע ליכטלעך. דאָס פּנים ווי אַ געלבל פון אַן איי, מיט אַ גרוי צעשויבערט בערדל, ערטערווייז נאָך יונגט בלאַנדע פלעקן. דער קערפּער האָט זיך געוויגט אַף זיינע שטעקל פיס ווי צווייגן אויף אַן אָפּגעלעבטן בוים. און מיט אויגן אויסגעלאָשענע געקוקט אַהין געקוקט אַהער און זיך אַליין נישט דערקענט.

די קאָלאָניסטישע האַרציקע מענטשן, משה מיט זיין פרוי האָבן שלמה'קען באַדינט ווי אַן איינציקן זון. אים אָפּגעהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ. קיין זאַך נישט געשפּאָרט לויט זייערע מעגלעכקייטן. די גרעס־טע פרייד אין זייער לעבן איז געווען ווען זיי האָבן שלמה'קען אויפגע־שטעלט אויף די פיס. זיי זיינען שוין געווען אַזוי צוגעוווינט צו אים, אַזוי נאָענט צוגעוווינט אַז מען האָט אים נישט געלאָזט אוועקפאָרן פון קאָלאָניע, אָבער שלמה'קעס באַשלוס איז געווען שאַרפער פון זיין קרענק.

איינגנטלעך אין לעבן האָט אים שוין גאָרנישט אינטערעסירט, ער קען שוין במילא פון גאָרנישט געניסן! אָבער דער פאָטערלעכער דראַנג, דער ווילן, דער באַגער כאָטש נאָך איין מאָל אין לעבן זען די קינדער! זיך נישט צוטוליען צו זיי... נישט אָפּרייסן קיין קראַנקן פאָטערלעכן קוש, נאָר אַ בליק טאָן פון ווייטנס אויף זיין שטאָם. וואָס ברענגט פאַמיליעס

שאפט געזעלשאפטן. און אלץ צוזאמען א וועלט געראנגל...! פון פאר־שיידענע אידעען, געזעלשאפטלעכע, פאליטישע אינטריגעס. פארטיי־אינטריגעס. געזעלשאפטלעכע אינטריגעס. און פאמיליען אינטריגעס!

שלמהקען האט דער געדאנק צוזאמענגעבראכן און יאמערלעך קראנק־לעך... זיך צעוויינט ווי א דערוואקסן קינד, אפגעשמיסן פון לעבן...

די גוטע הארציקע קאלאניסטישע פרוי האט אים געפרווט בארויקן מיט ליבלעכע מאמע־ווערטער:

— איר דארפט זיין רויק מיין פריינט! עס קאן נאך פארערגערן אייער געזונט־צושטאנד. מוט! איר דארפט האבן כוח אויפצונעמען ווייטער־דיקע ליידן! קענען דען ארימע מענטשן עפעס אנדערש דערווארטן אין לעבן ווי בלויז ליידן און קאמפן?

שלמה׳קע האט אויפגעהויבן דעם קאפ וואס איז געליגן אנגע־שפארט אויף זיינע קנאכיקע הענט און אנגעשטעלט זיינע נאס־גלאנציקע אויגן אויף דער גוטער פרוי און מיט א ציטערדיק קול איר געענטפערט:

— איך אליין, מיין ליבע פרוי, בין שוין ווי א טרוקענער בוים אויף די פאמפא־סטעפעס, וואס ווערט געשמיסן פון שטורעם און רעגן! איך האב דאך ערגעץ געלאזט יונגע ווארצלען וואס בליען און וואקסן אין לעבן אריין! כאטש א לעצטן אויסגעלאשענעם בליק ווארפן אויף מיין שטוב!

ביי די ווערטער האט שלמה׳קע צ׳ וואקל געטאן מיטן קאפ אף זיין ב־רוסט. אן הילף פון זייטיקע מענטשן וואלט ער זיכער צו זיך נישט געקומען. נאך עטלעכע חדשים אפזיין אין קאלאניע האט זיך שוין שלמה׳קע געפילט פיזיש אלס שטיקל מענטש.

אפגעריסן, און אפגעשליסן, אן א העמד אויפן לייב, אזוי א האט ער זיך געוואלט לאזן אין וועג אריין. די גוטע קאלאניסטישע מענטשן האבן אים געגעבן מיט הארצוויייטיק וואס זיי האבן נאר געקענט. א פאר געקעסטלטע באמבאטשן, א בלוזע, א פאר אלפארגאטן, און א דיטל אויפן קאפ. מיט וואס שלמה׳קע האט געקאנט אפדאנקען און אויס־טוישן די גאלדענע מתנה פאר אים איז געווען זיין לידיק רענצל... די גוטע הארציקע פרוי האט אים דערלאנגט, מיט טרערן אין די אויגן, א זאק מיט עטלעכע גאליעטן און טרוקענעם ווורשט און אים געווונטשן א פאר־געזונט נאר ווי א מאמע קען!

משה האט אים אויף זיין סולקי צוגעפירט אין שטעטל אריין ווו ער האט נאך געדארפטווארטן עטלעכע שעה אויף א באן. אים געקויפט א פלאש וויין און אריינגעלייגט אין זאק. אים נישט צו פארשעמען האט ער מיט דער רעכטער האנט מיט אים זיך געזעגנט און מיט דער לינקער אים אריינגעלייגט א פאר פעזעס אין קעשענע אריין און אים געווונטשן דאס בעסטע וואס א גוטער מענטש קען!

עס האָט שוין געהאַלטן ביי זון־אונטערגאַנג, הינער האָבן נאָך גע־מאַכט דעם לעצטן פליטער פון טאָג און מיט שווערע צעעפנטע פליגל זיך ארויפגעכאַפּט אויף זייערע זיץ־געלעגערס. די פויערים ארום האָבן אָפּגעלאָזט די הינט פון די קייטן, וואָס זיינען געלאָפן אין די גערטנער און געגניאַכעט. פאַרהויבן אַ פּוס לעבן אַ בוים. פאַרשאַרט מיט די הינ־טערשטע לאַפּעס. און ווייטער געלאָפן מיט אַרויסגעשטעקטע צינגער קעגן דער נאַכט.

נאָך פולע טראַכטעניש איז שלמה'קע געקומען צום שלום אַז סע איז אַ שאָד אוועקגעבן די עטלעכע פּעזעס פאַר אַ באַן בילעט:

„וואָס איז דאָס איילעניש. וואָס האָב איך אַנצוווערן? נאָך אַ שפּיי אין פּנים... איצט נישט נאָר קיין אויפגערעגטן שפּיי נאָר אויך מיט עקל אויף דעם איבערגעפאַרעמטן מענטש! ווי זאָגט מען בא אונדז. איך וועל גיין „פּאָ־שפּאַלאַך" און אַזוי זיך דערשלעפּן קיין ב. איירעס און אויס־הויכן די נשמה מיט מיין לעצטן בליק אויף מיינע קינדער!"

געגאַנגען איז ער מיט דער באַן־ליניע. און ווען די נאַכט פלעגט צופאַלן האָט ער זיך פאַרנומען צום אָפענעם פעלד. זיין זאַק שוין כמעט אַ ליידיקער צוקאָפּנס, געלייגט אַ שטעקן ביי דער זייט. מיטן היטל זיך פאַרדעקט דאָס פּנים פאַר די מאָסקיטן. און אַזוי אָפּטראַכטן קרעכצנדיק גאַנצע נעכט אליין נישט וויסן וועגן וואָס, געשלאָפן איז ער מער בייטאָג ווי ביינאַכט. האָט ער נאָר אויף זיין וועג באַמערקט אַ שאָטנדיק ביימל איז ער געפאַלן ווי אַ שטיין אין שאָטן, אויסגערוט זיין מידן קערפּער און זיינע שלאָפלאָזע אויגן. דאָס אויפשטיין איז אים אָנגעקומען שווע־רער ווי דאָס אוועקלייגן זיך, שרעקלעכע ווייטיקן אין זיינע שוואַכע פיס און אַ מין מאָדנע מידקייט איבערן גאַנצן קערפּער, אַ שטעכעניש אין די אויגן ווי אַלע זאַמדן געיאָגטע פון פּאַמפּעראָ וואָלטן זיך אין זיי באַזעצט.

מער פון אַלעם האָט אים געערגערט ווען ער פלעגט פאַרבייגיין אַ דערפל אָדער אַן איינזאַמע „ראַנטשאָ" וווּ גוטע מענטשן פלעגן אים אָנ־באָטן עפּעס צו עסן האָט ער מיט כעס אויסגערופן:

— נישט אַלע וואַגאַבונדן זיינען שנאָרער! אַ היימלאָזער בין איך אָבער נישט קיין שנאָרער.

ווו ער האָט געקענט האָט ער זיך עפּעס איינגעקויפט און אָפּגעהיט דעם זאַק ער זאָל נישט ליידיק ווערן... די איינציקע בקשה צו די מענטשן אין די דערפלעך איז אַז מען זאָל אים אָנפילן די פלאַש מיט וואַסער.

צוקומענדיק צו אַ דערפל נישט ווייט פון בראַגאַדאָ האָט ער די מידקייט שוין נישט געקאָנט איבערטראָגן, ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין אַ בוים אַראָפּגעלאָזט דעם זאַק לעבן זיך.ביידע הענט אַרויפגעלייגט

אויפן שטעקן אראפגעבויגן דעם קאפ און מיטן שטערן זיך אנגעשפארט אויף זיינע הענט.

מיטאמאל האט ער דערפילט א שווערע האנט פאלן אויף זיין אקסל און א שטארקע בראנדזוענע שטים האט א קלינג געטאן:

— הע, טיאטקא, בוענאס טארדעס!

שלמה'קע האט לאנגזאם אויפגעהויבן זיין מידן קאפ. מיט א צע־שויבערטן בליק א קוק געטאן אויף דעם מענטשן און שטיל כמעט ארויסגעקרעכצט:

— א ייד?

— יא פעטער, וואס איז, איר זייט קראנק?

— שלום עליכם, פון וואנען און ווו גייט א ייד?

— פון וואנען איך גיי ווייס איך נאר ווהין איך גיי ווייס איך נישט!

— זעצט אייך, פעטער!

שלמה'קעס אומגעבעטענער גאסט האט אוועקגעשטעלט זיין רענצל אויף דער ערד זיך צוגעזעצט לעבן שלמה'קען ארויסגענומען א פלעשל שנאפס א בלעכל סארדינאס מיט ברויט. שלמה'קען האט אזוי אנגעהויבן נאגן ביים הארצן אז ער האט זיינע אויגן נישט געקאנט אפרייסן פון בלעכל סארדינאס... דער אומבאקאנטער האט וויל־יונגעריש ארויסגע־צויגן די פראפקע פון פלעשל:

— נאט, פעטער, גיט א טרונק. איר וועט אייך מחיה זיין, איר וועט באקומען מער קוראזש און געפינען אייער וועג אין לעבן!

שלמה'קען איז ווארעם געווארן איבערן גאנצן לייב פון דעם ביסל בראנפן מיט צובייסעכץ, וואס ער האט שוין א פאר יאר נישט געזען פאר זיינע אויגן:

— איר הערט, פעטער, איך פיר זיך ווי ביי אונדז אין אדעס, נישט נאר דא אויפן קאמפ, נאר אויך אין ב. איירעס, א לעבן אויף אונדזערע ברידערלעך אויף כונין און קאריענטעס, א גוט ביסעלע וואדקא. א גוט שטיקעלע „הערינג” מיט ציבעלעס און מאסלינעס אזש די פארב קומט אין די באקן!

— נאט, נעמט נאך אביסל פעטער. איר וועט שוין די נאכט מיט מיר שלאפן דא אין דערפל ביי די איטאליענער, ווילע יאטן איך ארבעט שוין מיט זיי א פאר יאר די מערסטע פון זיי ארבעטן ביי דער סטאנציע בראַ־גאדא. כמעט יעדן חודש, קום איך אהער איינמאנען און פארקויף אנ־דערע סחורות. א וועטשערע וועלן מיר היינט עסן א לא קריאזשא „טשוראסקאס” מיט א גוט שטיקעלע אסאדא אויף דעם בראט־אייזן געבראטן, מיט א גוט ביסעלע וויין פארטרינקען וועט איר אפשלאפן א גוטע רויקע נאכט.

שלמהקען האָט אַ ברי געטאָן אין געדאַנק אַ פרעג טאָן אויף בערל שניידער; דער מענטש האַנדלט דאָך מיט פּאַרטיקע אָנצוגן... אפשר וועט ער עפּעס זיך דערוויסן פון אים:

— אויף וועמען פרעגט איר פעטער, אויף בערל שניידער? ווער קאָן ניט דעם פּאַסקודניאַק! שוין אַ פּאָר יאָר ווי זיין ווייב איז געשטאָרבן און ער האָט חתונה געהאַט מיט איינער וואָס דער מאַן האָט זי אַוועקגעוואָרפן און מען ווייסט נישט, ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען. איר עלטערע טאָכטער האָט שוין צוויי קינדערלעך, זי איז נישט אַזוי איי איי מיט דער מאַמען. זי האָט זיך איינגערעדט אַז זי וועט איר טאָטן דעם תכשיט געפינען

שלמה׳קע איז געזעסן מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ און אויסגעהערט די מעשה און טרערן גרויסע האָבן זיך געקייקלט אין זיין שמוציק קערבל אַריין... דער ייד האָט דאָס באַמערקט:

— וואָס, איר וויינט גאָר פעטער? אַזוי טרויעריק איז געווען וואָס איך האָב אייך דערציילט?

— ניין, שוין לאַנג נישט געטרונקען. דער בראַנפן איז מיר אַריין אין די אויגן... קוקו.

— אָ, אויב אַזוי, מיין ליבער ייד, זיינט איר שוין טאַקע שיכור.

לעבעדיק, לעבעדיק, אַט אַזוי,
גייט אַ ייד אַ האָפּקע!
אַף גרינעם גראָז אין פרייען פעלד
נאָך אַ גלעזל וואָדקע...

דער אומבאַקאַנטער ייד האָט אַרויפגעלייגט זיין שווערע האַנט אויף שלמה׳קעס אַקסל און זיפצנדיק אַ זאָג געטאָן:

— אַי, פעטער, פעטער, ווען מיר זאָלן נישט פאַרמאָגן דעם כוח צו פאַרשייערן אונדזערע אייגענע ליידן, וואָלט שוין פון אונדזערע יידעלעך קיין זכר געווען!

ווען נישט דער שטאַרקער וויין ביים איטאַליענער וואָלט שלמה׳קע זיכער די נאַכט קיין אויג נישט צוגעמאַכט... באַגינען ווען ער האָט אויפגעוואַכט האָט ער ערשט דערפילט ווי גוט ער האָט אויסגערוט זיינע צעבראָכענע גלידער אויף דעם שטרויענעם מאַטראַץ מיט אַ פאַנטשאָ איינגעדעקט. אַז עס האָט זיך אים גאַרנישט געגלוסט אויפצושטיין.

אין זעלבן ליימענעם צימער איז נישט ווייט פון שלמה׳קען געלעגן און געשנאָרכט דער אומבאַקאַנטער ייד. דריי קליינע קינדערלעך זיינען געזעסן לעבן אַ גרויסן טאָפּ, וואָס איז געשטאַנען אויף צוויי ציגל אונטער אַ פייער און געקאָכט גרינע מאַטע וואַסער. דער איטאַליענער איז שוין לאַנג אַוועק צו דער אַרבעט. אַ לעגווע פון דערפל ביז דער סטאַנציע. זיין פרוי האָט זיך געפּאָרעט לעבן די הינער. זיין מאַמע, אַן עלטערע

פרוי, האָט געגעבן עסן די חזרימלעך. זיין שכן דער אומבאַקאַנטער ייד האָט זיך איבערגעוואָרפן, אויפגעהויבן די הענט אין דער לופטן, זיך אויסגעצויגן און אַ געזונטן שטאַרקן גענעץ געטאָן:

— אַ גוט מאָרגן, פעטער, זיך שוין אויסגעניכטערט קוקו!

שלמה׳קע האָט אַ ציטער געטאָן מיט זיין גאַנצן גוף, נאָר אַז יענער זאָל נישט באַמערקן זיין אויפרעגונג האָט ער אים געענטפערט אויף זיין גוט מאָרגן. און אַ טראַכט געטאָן אַזוי אין זיך אַריין... אַז ער האָט זיך אַראָפּגעוואָקלט פון שטרויענעם מאַטראַץ און יאָמערלעך אויסגעקרעכצט:

— שפּייט, שפּייט אין פּנים אַריין!

זיין שכן איז אַ דערשראָקענער אַראָפּ פון זיין געלעגער, צוגעשפּרונגען צו שלמה׳קען. וואָס איז געשען פעטער, איר פילט זיך נישט גוט?

שלמהקע האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם יידן מיט זיינע גלאַנציק רויטע אויגן און שטיל ווי אַ טויב אַרויסגעמורמלט:

— מיין ליבער ייד, דאָס האַרץ, דאָס האַרץ מיינס האַלט זיך אויף אַ האָר. פון דער מינדסטער איבעראַשונג אָדער ערגערניש גיי איך אַוועק אַהין פון וואַנען מען קומט שוין קיינמאָל צוריק!

נאָך דער מאַטע קאָסידאָ מיט צובייסן האָט שלמה׳קע צוגעגרייט זיין זאַק געגומען דעם שטעקן אין האַנט און אַרויס אויפן הויף. די גוטע אַלטע לעבעדיקע איטאַליענערן האָט אים דעם וועג פאַרשטעלט אין זיך גוטמוטיק צעבייזערט:

— פּאָרסאַ מאַדאָנאַ! דו ביסט דאָך קראַנק, וווהין לאָזטו זיך אין וועג אַריין. אַ גוט שטיקעלע כאַמאַן פון היימישער פּראָדוקציע, אַ ביסעלע ציגענע מילך, דאָס וועט דיר גוט מאַכן און דו וועסט כוח האָבן צו וואַנדערן... גיב אַהער דעם זאַק מיט דעם שטעקן.

דער אומבאַקאַנטער ייד פאַר שלמה׳קען האָט זיך אַריינגעמישט אין געשפּרעך:

— מיין ליבע אַלטע פראַנציסקע. דעם זאַק נישט, דעם שטעקן קענסטו ביי אים אַוועקנעמען.

— דו אויך מיין גוטער טשאַרלאַטאַן. ער וועט דאָך שטאַרבן אויפן וועג!

דער ייד האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין אויף האַלב יידיש און אויף האַלב שפּאַניש:

— פאַרשטייסט, דאָניאַ פראַנציסקאַ: און איר געטייטלט מיט דעם פינגער אין פּנים אַריין, מאָיסעס, דאָס הייסט אונדזער משה! האָט מיט אַ שטעקן געראַטעוועט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. דעם זאַק, דאָס הייסט די טאָרבע, זיי איבערגעלאָזט נאָך ביז היינט צו טאָג... איז אויב

כ׳איסעם האָט געקאָנט ראַטעווען אַ גאַנצן פאָלק מיט אַ שטעקן, נו, וועט דער מענטש זיך אַליין נישט קענען ראַטעווען!...

די אַלטע האָט זיך גוטמוטיק צעלאַכט:

— נאַ טע ענטיענדאַ, טשאַרלאַטאַן.

שלמה׳קען האָט געפעלט רו פּונקט ווי דאָס לעבן און ער האָט איינגעוויליקט. דער אומבאַקאַנטער האָט אים גוטמוטיק אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע:

— בראַוואָ אַמיגאָ! אוי אַנטשולדיקט פעטער איך האָב פאַרגעסן אַז איר לײדט אויפן האַרץ, עס איז געווען אומגערן.

— איך גיי צו קיין בראַגאַדאָ אין האָטעל. געלאָזט אייניקע אַרטיקלען וואָס איך דאַרף ברענגען פאַר דער פאַמיליע. אין אַ פּאָר טעג אַרום בין איך צוריק און איך וועל זען וואָס איך קען טאָן פאַר אייך, אַז איר זאָלט זיך קאָנען דערשלאָגן קיין בוענאָס איירעס.

שלמה׳קעס צעיאָטערטע אויגן זיינען נאָס געוואָרן קוקנדיק אויף דעם גוטן מענטשן.

אין אַ צוויי טעג שפּעטער איז דער ייד געקומען צוריק אין דערפל אַריין. גענומען שלמה׳קען מיט זיך ביז בראַגאַדאָ, אָנגעקומען זיינען זיי צו דער סטאַנציע איז שוין געווען נאַכט ער האָט אים אָנגעוויזן אַן אָפענעם וואַגאָן מיט אויפגעהויבענע ברעטער ווענט.

אָט אין דעם וואַגאָן פעטער וועט איר זיך איינאָרדענען. דער באַגלייטער איז מיינער אַ יאַט, ער וועט אייך פירן ביז ליניערס, ווייל אין אַנסע קען ער נאָך דורך אייך זיין שטעלע פאַרלירן.

ער האָט שלמה׳קען געהאָלפן אַריבערקלעטערן די וואַנט, אים אַריבערגעגעבן דעם זאַק מיטן שטעקן און דורך די שפּאַרונעס אים אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר פּעזעס. ווען די באַן האָט גערירט האָט דער ייד אים אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— קוקו! אָט אַ זליעדני וויל אַליין פּטרן דאָס לעבן...

די נאַכט האָט זיך פאַר אים געצויגן אומענדלעך. הגם ער האָט נישט געוווסט ווי אַזוי ער וועט קומען אויף די שפּורן פון זיינע קינדער, און ווי ער וועט זיך אָנטאָן אין דער גרויסער קאָכיקער שטאָט. קיין ערגערס וואָס ער האָט ביז איצט דורכגעמאַכט קען אים שוין נישט דערוואַרטן. וואָס קען נאָך ערגער זיין ווי זיך ראַנגלען צווישן לעבן און טויט!

כאָטש איין קוק אויף מיינע קינדער, נאָכדעם מעג קומען דאָס ליצטע!

מיט זון־אויפגאַנג האָט זיך דער פראַכט־צוג אָפּגעשטעלט אַ פּאָר קוואַרטאַלן פון עסטאַסיאָן ליניערס. שלמה׳קע האָט זיך מיט מאַטערניש אַריבערגעדראַפּעט די וואַנט און געבליבן שטיין צווישן די אייזערנע

רעלסן. זיך צוגעשארט ביז צום פארקן פון בית עולם און זיך אָנגע־שפּאַרט אין דער וואַנט, נישט ווייט פון דעם אריינגאַנג ביים גרויסן טויער. אַ מאַן מיט אַ פרוי אין טרויער אָנגעטאָן האָבן שלמה׳קען דער־לאַנגט אַ פּאָר סענט, זיין האַנט האָט אַ ציטער געטאָן! און אויסגעשריגן אין דער ריכטונג פון די מענטשן.

— „פּאָברע״ — האָט די פרוי אַ קרעכץ געטאָן. דער מאַן האָט שלמה׳קען נאָכגעקוקט און אויך טרויעריק אַ זיפץ געטאָן. קאַרג משוגעים אויף דער וועלט. עפּעס ווי פון אויבן געטריבן איז שלמה׳קע פארשוווּנדן פון דעם אָרט. זיך געשלעפּט מיט דער לענג פון ריוואַדאַוויאַ ביז מעדראַנאָ, זיך אָפּגעשטעלט אַפן ראָג און אַ טראַכט געטאָן אין וועלכער ריכטונג זיך צו נעמען. אַ קוק געטאָן אויף זיין הילוך און זיך אַליין אַ פרעג געטאָן:

„וועט דער קאָנדוקטאָר אויפנעמען דעם פּאַסאַזשיר אויף דעם טראַמוויי?״

און געקומען איז ער צום שלום: אפילו דעם טייוול וואָלטן זיי געפירט אַבי געלט... און אַזוי איז שלמהקע אָנגעקומען צו דער פּלאַסאַ איטאַליאַ. אַ בליק געטאָן צום גאַריבאַלדי־מאָנומענט ווי די לעצטע זון־שטראַלן פון טאָג האָבן פאַרענדיקט גלעטן זיין בראָנדזענע גרויסקייט. מיט דער לענג פון זאָאָלאָגישן גאָרטן האָט ער איבערגעקרייצט די גאַס ווו עס שטייט דער שפּאַנישער מאָנומענט, זיך אַביסל פאַרטראַכט און עס איז אים געקומען אויפן געדאַנק די אויפקלערונג פון אומבאַקאַנטן ייד דער אַלטער איטאַליענערקע וועגן משהן דעם דערלייזער, און ער האָט דערזען אין שפּאַנישן מאָנומענט טאָרקעמאַדאַס שייטער־הויפנס פאַר די יידישע מאַרטירער.

שפּאַנענדיק ווייטער איז ער געבליבן ווי צעטומלט. אַ מאָדערנע פּלאַסע מיט בלומען, ארומגעשווירענעביימער, בענק, פּלעצער פאַר קינ־דער־שפּילערייען. און אים איז געקומען אויפן געדאַנק צי האָט ער נישט באַרבלאָנדזשעט. דערזעענדיק פון דער ווייטנס הויכע צעשויבערטע ביי־מער, האָט ער פאַרשטאַנען אַז מען האָט דעם וואַלד אָפּגעקירצט דאָס לעבן ווי זיינס און דאָס רעשט פאַרשטופּט אין אַ ווינקל... ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן האָט זיך שלמה׳קע איינגעאָרדנט אין וואַלד אויפן בערגל לעבן דער באַן־ליניע.

בליצן ווי פאַר אַ שטורעם זיינען געלאָפן אין זיין מוח.

פון דאַנען האָט אַמאָל געזאָלט קומען גליק, און געקומען איז... ער האָט ארונטערגעבויגן די אונטערשטע ליפּ אויף זיינע צעקרישטע ציין און זיך אַליין איינגעביסן ביז בלוט און אַ יאָמער געטאָן אין זיך אַריין.

„דו, שלמה׳קע האָסט חתונה געהאַט... לויט סאַנינס שטייגער. אַ

פרייער מענטש געווען, נאָר אַ נאַיווער שוואַכלינג... קלוגע פוקסן האָבן דיך פאַראַטן און דיך דערפירט ביז צום אָפּגרונט, און מענטשלעכן גע־ווויסן אַז דו האָסט אויך אַ נשמה, אַ האַרץ, וואָס קען בענקען, ליידן גלייך מיט זיי". דער קאָפּ זיינער איז אַוועקגעפאַלן אַפן זאַק און די גאַנצע נאַכט אַריינגעקרעכצט אין גראָז אַריין...

אין די זונטיק־טעג פלעגט דאָס וועלדל זיין באַלעבט פון הונדער־טער מענטשן, פאַמיליעס האָבן מיטגעבראַכט בראָט־אייזנס, טעפּ, לעפל און גאָפּלען. און פראַווען זייערע מיטיקן ביז אין דער נאַכט אַריין.

לעבן אַ גרויסן שאָטנדיקן בוים איז געזעסן אַ פּאָרפאָלק מיט צוויי קינדער און געפּראַוועט זייער מיטיק, די קינדערלעך האָבן געשפּילט אין באַל.

שלמה'קע איז געזעסן און געקוקט אויף די מענטשן און אַ זינען, און עפּעס צו דענקען... זיין האַרץ האָט האַסטיק געקלאַפּט אַלע ווײַלע ווי זיך אָפּגעשטעלט איבערצוכאַפּן דעם אָטעם...

די צוויי קינדערלעך שפּילנדיק מיטן באַל, האָט ער זיך פאַרקייקלט נישט ווייט פון שלמה'קען, די קינדערלעך האָבן זיך דערשראָקן פאַרן „לינזשעראַ"... און צוגעלאָפן צו דער מוטער מיט אַ שרעק, די מוטער האָט זיי באַרויקט און מיטגענאַנגען מיט זיי, געגעבן אַ סאַנדוויטש די קינדער זאָלן דערלאַנגען דעם אָרימען מענטשן. שלמהקע האָט איינגע־גראָבן זיינע האַלב־פאַרמאַכטע אויגן אין געזיכט פון דער פרוי. זיך גע־וואָלט אין עפּעס דערמאָנען און בשום אופן נישט געקאָנט... די פרוי איז אויך ווי צוגעשמידט געוואָרן צום אָרט פון די האַלב טויטע בליקן אויף איר אָנגעשטעלט... מיט דער לינקער האַנט זיך געהאַלטן ביים האַרץ און מיט די לעצטע כוחות זיך אָנגעשטרענגט און אויסגעקרעכצט דעם לעצטן טרויער־מאַרש פון זיין לעבן.

— קוקו, קוקו! ביטשאָ פּעאָ, ביטשאָ פּעאָ!...

זיין טויטער קערפּער האָט זיך אַראָפּגעקייקלט פון בערגל צו די פיס פון דער פרוי וואָס האָט יאָמערלעך געוויינט און גערופן פּאַפּאַ, פּאַפּאַ! אָרעמער פאָטער!!!

אַ דאַך איבערן קאָפּ

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די פאַמיליע מיכלזאָן, הגם זייער האָב און גוטס איז צעשטערט און צעראַבעוועט געוואָרן, דאָך מיט־געבראַכט מיט זיך אַ קליין ביסל פאַרמעגן: דריי קינדער, שרעק און אָרעמקייט. די איינציקע האָפענונג איז געווען זיך קענען דערשלאָגן קיין אַרגענטינע. אויב קיין גרויסע גליקן דערוואַרט זיי נישט, איז כאָטש לעבן אָן שרעק, אָן באַליידיקונגען.

ווען מען האָט זיך אין האַמבורג אויפגעזעצט אויף דער באַוואָפנ־טער שיף „סאַנטאַ עלענאַ" וואָס האָט זיך געשלעפּט גאַנצע פערציק מעת־לעת קיין בוענאָס איירעס האָבן זיי אַלע געציטערט ווי די פיש בשעת די פישער שליידערן זיי אַרויס אויפן ברעג פון ים. נאָך לאַנגע מאַטערנישן און וואָגלעניישן האָט מען באַטראָטן די אַרגענטינע ערד.

דאָס ערשטע איז געווען דאגת פרנסה, די פּאָזיציע אין בעסאַראַבער שטעטל איז נישט געווען קיין שלעכטע, אַן איינענע שטוב צום וווינען, אַ שטיקל וויינגאָרטן ביי דער זייט, אַביסל טאַבאַק־בלעטער און העכער אַביסל אויפן באַרג אַ שטיקל מאַיס־פעלד.

קיין נגיד איז בערל מיכלזאָן נישט געווען, אָבער ס'האָט גאָרנישט געפעלט, אָבער וואָס זיין פאַמיליע האָט באַדאַרפט איז געווען. האָט רו־מעניען זיך פאַרגלוסט... בעסאַראַביע, און אַלץ צעשטערט, צעראַבעוועט. קוים מיטן לעבן געראַטעוועט.

אין יענע יאָרן איז אין בוענאָס איירעס געווען אַ שטיקל גן־עדן... אַ יידישע געזעלשאַפט האָט אויפגעקויפט ערד אין פלאָרעסטאַ, אויפגע־קויפט שטיבלעך און זיי פאַרקויפט אויף אויסצאָלן. האָט מען די עלטערע מאַכטער געשיקט אַרבעטן אין אַ שניידער טאַזשער מיט דער האָפענונג זיך קאָנען איבערפעקלען קיין פלאָרעסטאַ. אַ נאָדל אין דער האַנט האָט זי געקענט האַלטן און אַזוי איז זי געוואָרן אַ זשילעטן־מאַכערן.

דער פאָטער בערל האָט קיין פאַך אין האַנט נישט געהאַט בלית ברירה האָט ער זיך געקויפט צוויי קוישן און אָוועקגעשטעלט זיין געשעפט...

אויפן ראָג פון קאָריענטעס און כונין, אין איין קויש בייגל מיט ציבעלע פלעצל, אין צווייטן פרוכטן. די ערשטע צייט מאָראַליש שווער

געליטן. אין דער אַלטער היים געווען אַ בעל־הבית מיט בעלי־בתים גלייך, אַן אָנגעזעענער מענטש אין שטעטל און דאָ אַ בייגל־פּאַרקויפער. ס׳האָט געקלעמט ביי דער נשמה. אָבער דאָך אַ שטיקל טרייסט איז געווען פאַר אים און זיין פאַמיליע, ער פאַרקויפט פראַנק און פריי זיין סחורה אונטערן בלויען הימל אָן באַליידיקונגען.

נישט איינמאָל האָט בערל אַ טראַכט געטאָן און זיך באַראַטן מיט זיין פרוי צי עס וואָלט נישט גרינגער געווען זיך קאָלאָניזירן ביי דער ייקא. פּראַקטיק ביי ערד־אַרבעט האָט אים נישט געפעלט, אַליין זיין ווייַנגאָרטן באַאַרבעט, אַליין דעם טאַבאַק פאַרזייט, אַליין די פּאַפּשויעס פאַרזייט און געשניטן. אָבער לויט די גרוסן וואָס ער האָט אָפּגענומען פון דער פּאַמפּאַ וועגן דער ייקא באַהאַנדלונג איז אים שוין ליבער געווען בייגל פאַרקויפן אויפן גאַס. זאַמדיקע ערד, כמעט אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אַלטמאָדישע מאַשינעריע און אַז דער פּאַמפּעראָ האָט אַ טייוולשן טאַנץ געטאָן און אַלץ צעפּליט זיך דאָרט ווי די רומענער אין בעסאַראַביע. און די ייקא־משרתים האָבן פון גאָרנישט געוואָלט וויסן, הגם זיי האָבן גוט געקענט דעם פּאַמפּעראָ־שטורעם, איז די באַהאַנדלונג געווען אַזוי אוממענטשלעך, מען האָט דעם קאָלאָניסט געגעבן צוויי ברירות: אָדער צאָלן אָדער גייט לאָדט אייך מיט די ווינטן. אָט, וועגן דער אוממענטשלעכער באַהאַנדלונג האָט שוין בערל געוווסט און גענומען זוכן אַנדערע וועגן ווי צו דערגרייכן זיין דאָרשטיקן ציל: אַ שטיבל אין פלאָרעסטאַ.

זיין טאָכטער וועלכע איז שוין געווען אַ גאַנצע זשילעטן־מאַכערן האָט זיך אויך הויזן אויסגעלערנט מאַכן. נאָך אין יענע יאָרן האָבן זשילעטן אָנגעהויבן אַרויס פון דער מאָדע, און זי חיה׳קעלע וואָס איז אינגאַנצן אַלט געווען פופצן יאָר, האָבן איר די ליידן פון דאָרט, די ליידן דאָ ביז מען האָט זיך צו עפּעס דערשלאָגן איר פאַר דער צייט געמאַכט פאַר אַ דערוואַקסענעם מענטש. אָפּגעהיט די אַרבעט ווי דאָס אויג אין קאָפּ, געהאָלפן דעם פאָטער דורכברעכן די אייזערנע וואַנט פון צענטער שטאָט ביז פלאָרעסטאַ.

און אַ גליקלעכער געדאַנק איז איר איינגעפאַלן, און איר אידעע האָט געפירט אויף אַ שטיקל וועג. נאָך אַ רעגנדיקן טאָג זיינען אַלע פינף געזעסן ביים טיש ביי דער אָרעמער וועטשערע: אָפּגעזאָטענע קאַרטאָפל מיט הערינג, איז חיה׳קע אַרויס מיט איר פּלאַן.

— דו הערסט פּאַפּאַ? אין איר קול האָט זיך געפילט אַ פעסטקייט. אָבער בערל מיכלזאָן האָט גאָרנישט געהערט. געזעסן פאַרטיפט אין געדאַנקען, קיים אַ ביסן אַראָפּגעשלונגען, געטראַכט וועגן היינטיקן רעגן, וועגן אַנדערע רעגנדיקע טעג, קיין סענט נישט פאַרדינט. אַלע זיינע חלומות ווערן אָפּגעשווענקט מיט די רעגנס. חיה׳קעלע האָט ווייך און

ליבלעך אים אַנגענומען פאַר דער האַנט, בערל האָט אויפגעהויבן זיין מידן קאָפּ, זיינע אויגן זיינען געווען אָנגעגאָסן ווי מיט בליי און מיט ציטער אין זיין קול איר געפרעגט: — וואָס פאַרלאַנגסטו, קינד מיינס?

— איך בעט דיר פּאַפּאַ אַז דו זאָלסט מיך אויסהערן, אַז עס וועט דיר נישט געפעלן וועסטו בלייבן ביים דייניקן, קיינער וועט אויף דיר גאָרנישט אַרויפצווינגען. און זאָגן וויל איך דיר פּאַפּאַ אַז דיין באַשעפטיקונג געפעלט מיר נישט, האַנדלען מיט בייגל, דאָס איז אַ לעבערדיקע פּרנסה, מיר וועלן קיינמאָל צו גאָרנישט דערגרייכן. ווידער הערינג מיט קאַרטאָפל, ווידער מאַמאַליגע מיט זשאַרקויע, ווידער צאָלן דירה־געלט, פינף מענטשן אין איין צימער ווי די הערינג אין אַ פעסל. אַ, די פּאָר קליידלעך וואָס איך האָב מיטגעבראַכט פון דאָרטן וועל איך נאָך אַ יאָר זיי שלעפּן אויף זיך, אַבי צו עפּעס קומען.

בערל איז געוואָרן נערוועז!

— איך פאַרשטיי נאָך אַלץ נישט וואָס דו ווילסט האָבן פון מיר?

די מוטער האָט זיך אויפגעשטעלט, אַרויפגעלייגט איר אויסגעצערטע האַנט אַף חיה'קעלעס קאָפּ און זיך ווי געבעטן ביי בערלען:

— לאָז אויסריידן דאָס קינד, דאגת פרנסה מעג זי טראָגן און אַ מיינונג טאָר זי נישט זאָגן?

די רייד מיט מאַמע־ווייכקייט האָט אים גערירט, אַ טרויער־שמייכל האָט זיך צעשפּרייט אויף זיין געזיכט, און זיך ווי פאַרענטפערט, — ווער לאָזט דיך דען נישט רעדן? רעד חיה'קעלע.

— יאָ פּאַפּאַ, איך בין נאָך אַ קינד אַז איך זאָל דיר געבן עצות, אָבער דאָך, אפשר איז דאָס אַ גלייכער געדאַנק וואָס איך האָב פאַרבאַפּט, איך מיין דאָך נישט קיין שלעכטס פאַר קיינעם, אפשר וועלן מיר פּאָרט קאָנען אומבייטן אונדזער פינצטער לעבן עס זאָל ווערן אַביסל העלער און לייכטער.

דו הערסט פּאַפּאַ, איך האָב שוין אפילו גערעדט מיט מיין בעל־הבית, קיין לייכטע אַרבעט איז דאָס נישט, אָבער מען קאָן גוט פאַרדינען. דו זאָלסט זיך אויסלערנען זיין אַ פּרעסער. אַלע פּרעסערס פאַרדינען גוט, צען און צוועלף פּעזעס אַ טאָג.

בערל האָט אַנגעשפּאַרט זיינע עלנבויגנס אויפן טיש, אַריינגענומען זיין מידן קאָפּ איןביידע הענט, שווער אָפּגעזיפצט, גערעדט מיט אַ שווער קרעכצנדיק קול ווי איינער נאָך אַ שווערער קראַנקייט.

— הייסט עס אַז דו ווילסט איך זאָלן ווערן אַ פּאַלגע אויף דער עלטער. צום וויינקסטנס אַ יאָר צייט זיין אַ לערן־ייִנגל און נאָכער אַ האַלבער אַרבעטער, און ביי די אַכציקער ווערן אַ גאַנצער טשינאַווניק. דאָס הייסט אַ גאַנצער אַרבעטער. ווער האָט דאָס כוח אַזויפיל יאָרן צו לעבן!

זיין פרוי עלקע, האָט שוין נישט געקאָנט איבערטראָגן און נערוועז אויסגעשריגן:

— און אַז דו האָסט געמאַכט אונדזער טאָכטער פאַר אַ פּאַלגע איז דיר אָנגעשטאַנען? שטיין אויף דער גאַס און בייגל פאַרקויפן איז שענער? איבערגעפרווירן ווערן פון די קעלטן אין אַ רעגנדיקן טאָג, גאָרנישט פאַרדינען און פּטרן דאָס געזונט פון עגמת נפש ווייל דו האָסט גאָרנישט פאַרדינט, און פאַרגעס נישט, אַז נישט נאָר דיין געזונט שטייט אין קאָן, אונדזערע אַלעמענס לעבנס אויך!

חיה׳קעלע האָט דערפילט אַז עס רוקט זיך אָן אַ שטורעם צווישן טאַטע און מאַמע, און מיט טרערן אין די אויגן איז אויפגעקלערט וועגן דעם פּרעסער־פּאַך.

— ס׳איז נישט אַזוי פּאַפּאַ, ווי דיר דאַכט זיך, מען קען זיך גאַנץ לייכט אויסלערנען, אין געציילטע וואָכן ביסטו אַ גאַנצער אַרבעטער און פאַרדינסט מיט אַלעמען גלייך, אַ חוץ דעם פון ערשטן טאָג וואָס קומסט אין טאַזשער צאָלט מען דיר דריי פּעזעס אַ טאָג. געווים אַז מען פאַנגט אָן אַ זאַך מיט עקל און ווידערווילן טויג נישט, קאָן מען זיך קיינמאָל נישט אויסלערנען, ווי לייכט די אַרבעט זאָל נישט זיין.

בערלען איז ווידער אויפגעשווומען דער געדאַנק צו קומען צו אַן אייגן שטיבל אין פּלאָרעסטאַ. עס איז אַ יידישע געזעלשאַפט, מען קאָן זיך בעסער איינפאַרשטיין אַז מען זאָל נישט אָפּגענאַרט ווערן ביים קויפן. נישט אַזוי זיין טאָכטערס אויפקלערונג. נאָר אָט, דער לעבנס דראַנג האָט אים געבראַכט אין שניידער־טאַזשער.

בערל מיכלזאָן, דער רומענישער בעלי־בתישער ייד איז גיך געוואָרן אַ גאַנצער אַרבעטער און נישט שלעכט פאַרדינט. האָבן שוין די געזאָטענע קאַרטאָפל מיט הערינג נישט געשמעקט. זיך שוין צוגעוווינט עסן גאַוויאָלעס מיט טוקאָ. אין אַ זונטיק מיטאָג־צייט נאָך די געפילטע פיש מיט אַ גוט ביסל שנאַפּס, ווי אַמאָל אין דער אַלטער היים, האָט בערל אַרויסגענומען פון בוזעם־קעשענע דעם קאַרנעט פון זיין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין און זיך געווענדעט צו זיין טאָכטער חיה׳קעלען.

— דו הערסט חיה׳קעלע: אַ ווויל תהילימל, דאָ איז אָנגעשריבן שוואַרץ אויף ווייס, אַלע רעגלאַמענטן פון סינדיקאַט, מיך קאָן מען שוין נישט אָפּנאַרן, איך ווייס שוין דעם זין פון אַרבעט.

ווי זאָגן דאָרט דיינע צעצעליסטן: פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַרייניקט אייך! און אַ חוץ דעם בין איך שוין אַ גאַנצער שפּאַניאָל. איך קאָן שוין קויפן אַ שטיבל ביי אַ שפּאַנישער געזעלשאַפט און נישט אַריינפאַלן.

חיה׳קעלע האָט פריידיק געלאַכט. חיה׳קעלע האָט זיך געפילט פאַר דער העלדן, און מיט אַ קלינגענדיק געלעכטער צוגעגעבן: איצט פּאַפּאַ וועלן מיר שוין האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ!

פּערנאַנדאָ

גערופן האָבן אים זיינע אַדאָפּטירער פּרויקעלע: ווען די פאַמיליע פּערלמאַן האָט אים צוגעשריבן פאַר אַן אייגן קינד איז ער אינגאַנצן אַלט געווען פינף חדשים. זיין מוטער קריסטינע איז געקומען מיטן קינד קיין בוענאָס איירעס פון טוניזשאַן — אַ פּראָווינץ־שטעטל אין מענדאָסאַ: די מוטער אַליין האָט נאָך באַדאַרפט האָבן אַ מוטער נעבן זיך, קוים 15 יאָר אַלט געווען. זי איז אויסגעוואַקסן אין שרעקלעכער נויט און אָרעמקייט, ווען זי איז אַלט געווען וויפל איר זונעלע, האָט דעם ערשטן גלעט איר דערלאַנגט די נויט, ווען דער שניט פון די ווייַנטרויבן האָט זיך אָנגעהויבן.

לאַנגע קאַראַוואַנען מיט קאַמיאָנען האָבן געפירט די מענטשן צום שניט: די אייגנטימער פון די וויינגערטנער האָבן געהאַט קרעדיט אין טוניזשאַן און אויך אין מענדאָסער געשעפטן: קריסטינעס מאַמע איז אויך געפאָרן צום שניט מיט אַ פּיצל קינד אויף די הענט, מען האָט זיך פאַרגעסן אָן דער ווינטערנויט, קעלט און הונגער: מען האָט געזונגען, געלאַכט, געמאַכט מיט די הענט, זיך געזעגנט מיטן שטעטל אויף אַ פּאָר חדשים. קריסטינער פאָטער... איר מאַמעס געליבטער וועמען מען האָט גערופן אין שטעטל כּוזן מאָרערא. ער איז געווען פון די שטאַרקע ווויליונגען, אַ ספּעציאַליסט צו מאַנסירן ווילדע פערד און געמאַכט אַ לעבן פון זיינע געליבטע, וואָס האָבן אים יעדן שבת אַוועקגעגעבן די וואַליעס פון זייער וואָך אַרבעט: ער איז געשטאַנען נעבן קאַמיאָן ווו קריסטינעס מוטער איז געזעסן, געפּאָכעט מיט זיין רימען, וואָס איז געווען אָנגעקלאַפּט מיט מעשענע קנעפּלעך פוןביידע זייטן און ווויליונגעריש איר צוגעוואָרפן — אַדיאָס טשיניטאַ! דער פּאָך מיט דער רעבענקע האָט גערעדט פאַר זיך... דער טייל פון דעם זשעסט... אַז שבת וועט ער קומען נאָך די וואַליעס מיט וואָס מען צאָלט זיי פאַר דער אַרבעט, ביי דעם זשעסט האָט גערעדט דער ציטער פון קריסטינעס

מאמען. איר מאַט, געל, בראַנדז געזיכט האָט אַ ציטער געטאָן מיט געלן פיבער! מיט אויסגעלאָשענע בליקן געקוקט אויפן רימען מיט די מעשענע קנעפּלעך און טרויעריק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ.

אָנגעקומען אין ווייַנגאָרטן האָט מען אָן צייט־פאַרליר, יעדן אויס־געשטעלט אַ געפלאָכטן קוישל מיט אַ שערל און מאַרש צו דער אַרבעט: די מיליאָנען בוימער וואָס זיינען געשטאַנען ווי רייען סאָלדאַטן, באַלאָדן מיט זייערע פּרוכט, וואָס האָבן די צווייגן אַראָפּגעצויגן ביז צו דער ערד, קרעכצנדיק ווי מיט געבורט־ווייען. די גרויסע טרויבן־בלעטער האָבן געציטערט פון לייכטן ווינטל, אָדער גאָר פאַר די גזלנים... וואָס זיינען געקומען באַרויבן זייער פּרוכט וואָס וועלן אינגיכן צעדריקט ווערן פון מאַשינען אין וויין און פאַרשכורן די גאַנצע וועלט.

די מוטער האָט די קליינע קריסטינע אַוועקגעלייגט אויף שטרוי אונטער אַ דיק צעצווייגטן בוים נעבן אַ גרויסן שייער וואָס איז געווען אָנגעפּולט מיט שטרוי ווי בעטן פאַר די שניט־אַרבעטער: אין מיטן גרויסן הויף איז געשטאַנען אַ לאַנגע צעמענטענע קאָרעטע, אָנגעפּולט מיט וואַסער, ווו עס האָבן זיך אָרומגעדרייט פערד, קי, שעפּסן און מענטשן; ווי אַלץ האָט דאָרט אויסגעזען אינדיאַניש פּרימיטיוו; אַ גרויסער קאָד־לעוואַטער הונט האָט זיך אַוועקגעלייגט נעבן קריסטינען און איר גע־לעקט די הענטעלעך ווי איינער רעדט: ליג רואיק קינד, איך וועל דיך אָפּהיטן און באַשיצן.

יעדן שבת איז אין צייט פון שניט געקומען אין ווייַנגאָרטן, רייטנ־דיק אויף אָן אויסגעבאָרגטן פערד, און אַ גלאַנץ געטאָן מיט די מעשענע קנעפּלעך פון זיין רימען בואַן מאָרעראַ, מיט צעפליקטע באָמבאַטשן, אין אַ צעבראָשטעטע שמוציק העמד, צעטרענצלטע סאַפּאַטיזשעס ווי עס האָבן זיך נאָכגעשלעפּט פאַרפוילטע שטריקלעך און פון אונטער די פּיאַטעס האָבן זיך אַרויסגעשפּאַרט צוויי פאַרזשאַווערטע שפּאָרן. די האָר צעפלאָסן ווי פלאַקס, האָבן זיך פון ווינט געפלאַכט ווי פאַרזשאַ־ווערטע דראָטן איבערן פּנים און רוקן; זיין קערפּער האָט אויסגעזען ווי פון אַן אינדיאַנישן אַטלעט, וואָס ברענט מיט אָקסן־גבורה. האָט אַ זאָג געטאָן צו זיין טשיניטאַן מיט דער שפּראַך פון זיין רימען. קריס־טינעס מוטער האָט אַרויסגענומען פון בוזים די וואַליעס פון דער וואָך אַרבעט און זיי דערלאַנגט איר געליבטן; בואַן מאָרעראַ האָט געמאַכט אַ זויערע מינע, געוואָרפן אַ שטרענגן בליק צו דער קליינער קריסטינע, ווו דער קאָדלעוואַטער הונט איז געלעגן נעבן איר זייט מיט אויפגע־שטעלטע אויערן און אָנגעשפּיצטע אויגן אויף בואַנען. די הינטישע אויגן האָבן גערעדט — פּרוּוו עפּעס טאָן און איך צערייס דיך ווי אַ הערינג! ער האָט אַ ברום געטאָן צו זיין געליבטער ווי פון אַ ליידיקער פאַס אַרויס, אָנגעוויזן מיטן רימען אויפן קינד: דער קאָדלעוואַטער הונט

האָט זיך אויפגעשטעלט גרייט צום קאַמף — ווען נישט דאָס ממזר וואָלטן די וואַליעס פּעטער געווען...

די געשעפּטלייט פלעגן געבן סחורה לויטן באַטרעף פון די וואַליעס. אַ חוץ די גראָבע פאַרדינסטן האָט מען צוגערעכנט 5 פּראָצענט פאַרן טוישן, זיי דאַרפן דאָך וואַרטן ביז נאָך שניט־צייט, ווען די בערענטעס פון דעם געגנט פלעגן קומען טוישן די וואַליעס. אָבער פאַר בואַן מאָ־רערא האָט מען געציטערט. ער קען אַמאָל אַ בריקע טאָן מיט זיינע פאַרזשאַווערטע שפּאָרן אין די הילצערנע ווענטלעך פון די געוועלבן אַז עס זאָל זיי אויסמאַכן פיל טייערער פון די 5 פּראָצענט וואָס זיי נעמען פון די אַנדערע. אין צייט פון שניט האָט בואַן געלעבט אין דער ראַנטשע פון זיין געליבטער טשיניטאַ. דער פּלאַץ איז געשטאַנען אין דער פּאַמפּאַ, אַ גרויסער שטח זאַמדיקע ערד, באַזעצט מיט געדיכטע קוסטעס, וואָס שטייען נאָך פון יענע צייטן און פריער, ווען סאַן־מאַרטין איז געווען גובערנאַטאָר פון דער פּראָווינץ, צווישן די שטעטלעך גאַדאַי קרוס און טוניזשאַן, געשטאַנען נישט ווייט פון אַלגעמיינעם וועג נעבן אַ וואַסער וואָס האָט זיך טאָג און נאַכט געשלענגלט פון די שניי־קאָרדיליערן; צווישן פיר קוסטן איז געשטאַנען די ראַנטשיטע אַ מין באַפעסטיקונג קעגן די ווינטן און שניי־זאַווערוכעס פון פאַרזשאַווערטע בלעכן פאַר־דעקט מיט אַ פּאָר פאַרפוילטע זעק. אַ צוויי לעכער, וואָס האָבן געדינט פאַר אַ טיר און פענסטער מיט אַן אינדיאַנישער אויסמעבלירונג, אַ שטרוי־זאַק, אַ בראַסעראָ פון געפלאָכטענע דראָטן, אַ פאַרזשאַווערט פאַררויכערט טשייניקל, אַ קליין בלעכל וואָס האָט געדינט פאַר אַ מאַטע, אַ גרעסער פאַרזשאַווערט בלעכל וואָס האָט געדינט אויף עפּעס אָפּצו־קאָכן, צוויי בלעכענע טעלער, אַ מעסער וואָס האָט געהאַנגען אויף דער וואַנט אין אַ לעדערן שיידל באַקלאַפּט מיט מעשענע קנעפּלעך אויף אָנצוהאַקן אַ ביסל האָלץ פון די קוסטעס זיך צו דערוואַרעמען, ווען די קאָרדיליערן הייבן אָן צו פייפן אויף זייער שטורעם־לשון זיך אַ שפּיל טאָן מיטן אָרום און גיט צומאָל אַזאַ ווילדן פייף אַז נישט איינמאָל איז די ראַנטשע געבליבן אָן אַ דאַך. אָט אין דעם שטיקל מדבר־ווינקל איז קריסטינע געוואַקסן ווי ווילד גראָז.

צו 14 יאָר האָט קריסטינע אָנגעהויבן פילן... דאָס וואָס איר מאַמע האָט געפילט מיט איר, מיט 14 יאָר צוריק. איר האָט שוין דער מזל אַ שפּיל געטאָן אויף אַן אַנדער שטייגער, דער טאַטע פון איר פערנאַנדאָן איז געווען דעם בערענטעס זונדל, וואָס האָט איר דערלויבט רופן דאָס קינד אויף זיין נאָמען; אפילו איר מאַמע די טשיניטאַ איז געווען שטאָלץ מיט איר אייניקל... מאַמע און טאָכטער האָבן געאַרבעט אין זעלבן וויינ־גאָרטן, פערנאַנדאָ, דעם בערענטעס זונדל איז נישט געווען קיין איבער־קלייבער, אויך מיט דער שוויגער געבאָפּט אַ פלירט... די יונגע מאַמע־

לעך... אין צייט פון אַפּרו זיך איבערדערציילט דעם יחוס, פון זייערע נישט געזעצלעכע מענער און דאָס האָט פּערנאַנדאָן נישט געלוינט צוליב דער מאַמעס יחוס, וואָס האָט געהאַט אַ ברודער אַ גלח. און ער האָט באַפוילן קריסטינען צו פאָרן קיין בוענאָס־איירעס: ער האָט איר געמאַלט די גרויסע שטאָט מיט כישוף־ווערטער, וואָס זי האָט קיין איין וואָרט נישט פאַרשטאַנען. דאָס וואָרט בוענאָס־איירעס האָט געקלאַפט און גע־רופן מיט טויזנטער בענקשאַפטן. איין זאַך האָט איר געשראָקן, זי זאָל נישט פאַרבלאָנדזשען... און אויך דעם וועג צוריק נישט געפינען... ער האָט איר דערקלערט אַז זי קען דאָרט אַרבעטן ווי אַ דינסט אין אַ רייכער שטוב, נישט לעבן אין אַזאַ שמוץ אין טוניזשאַן, דאָס קינד אַריינגעבן אין אַ פינדל־הויז. ער האָט איר באַזאָרגט מיט אַ באַן־בילעט, געבראַכט פון מענדאָסאַ אַ ציילעמל מיט אַ קייטעלע פאַרן קינד, און עטלעכע רויטע פּאַפּירלעך פאַר קריסטינען, אָנצושמירן אירע געלע איינגעפאַלענע באַקן זי זאָל אויסזען מער מענטש...

קריסטינע האָט זיך איינגעאָרדנט אין באַן צווישן אַ פּאַרפאַלק לויטן נומער פון איר זיצפּלאַץ. ווען די באַן האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין פולן געלויף, האָט איר אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן. דער קאָפּ האָט זיך געדרייט ווי אַ ווינטמיל, אַלץ האָט זיך געדרייט מיט טייוולשן ווי־בער: פעלד, גראָז,ביימער, שטיבער, פערד, קי און שעפסן. זי האָט געטראַכט אַז נישט אַנדערש ווי די וועלט גייט אונטער! דער איינציקער כוח וואָס האָט איר אויפגעהאַלטן איז געווען בוענאָס איירעס, בוענאָס איירעס... די שכנים אירע אין באַן זיינען געווען די פאַמיליע פּערלמאַן, אַ רחמנות האָט זיי אַרומגענומען צו דער יונגער מאַמעלע מיטן קינד, איר אויסגעצערטער קערפּער האָט פּשוט געשווידערט. מיט איר איינגע־שרומפּנקייט האָט זי אויסגעזען ווי אַ קינד פון 10, 12 יאָר. דאָס קינד האָט קריסטינע געהאָדעוועט מיט אַ ביסל קאַלט וואַסער פון אַ פלעשל, זי אַליין האָט דעם גאַנצן פרימאָרגן אין מויל נישט געהאַט. ווען די קעלנערס האָבן זיך באַוויזן אין וואַגאָן מיט פּאַפּיר און בלייפעדער, האָט פרוי פּערלמאַן געבעטן ביי קריסטינען דאָס פלעשל, דערלאַנגט דעם קעלנער און געבעטן אַ פלעשל מילך פאַרן קינד. „באַלד וועט מען פאַר אייך אויך אַריינברענגען מיטאָג״. די פרוי האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן, דאַנקען צי וויינען פון פרייד... זי האָט בלויז גע־שאָקלט מיטן קאָפּ, גרויסע טרערן האָבן זיך געקייקלט איבער אירע אויגן און געמאַכט שאַרפע שניטן איבער אירע באַקן פון דער רויטער פאַרב.

ווען די פּערלמאַנס זיינען צוריקגעקומען פון קאָמעדאָר האָבן זיי קריסטינען מיטן קינד געטראָפן מיט מער לעבן. דאָס קינד האָט באַ־

קומען אַ ראָזן קאָליר און לעבעדיק געוואָרפּן מיט די הענטעלעך. די יונגע מאַמעלע איז אויך געוואָרן אַביסל מער לעבעדיקער און באַרע־דעוודיק. די פרוי פּערלמאַן האָט איר געפרעגט, צי זי וואָלט געטרונקען אַ שוואַרצן קאַפע — קריסטינע האָט איר געענטפערט: „איך האָב נאָך קיינמאָל אַזעלכעס נישט געטרונקען". די מענטשן זיינען קריסטינען גע־וואָרן אַזוי נאָענט, אַז זי האָט צו זיי באַקומען מער צוטרוי ווי צו איר אייגענער מאַמען. זיי דערציילט אויף איר פּרימיטיוון קינדערישן אופן, אפילו נישט אויסגעמיטן כואָנס רימען מיט די מעשענע קנעפּלעך... און וואָס זי דענקט צו טאָן מיטן קינד אין בוענאָס־איירעס אַז זי זאָל לייכטער קאָנען געפינען אַרבעט. אָבער ווו צו געפינען אַ פינדל־הויז, ווו זי וועט די ערשטע נאַכט איבערנעכטיקן אין דער גרויסער שטאָט ווייס זי נישט.

ווען די פאַמיליע פּערלמאַן איז אַריין אין קאָמעדאָר אויף נאַכטמאָל, האָבן זיי אויך נישט פאַרגעסן אַריינשיקן קריסטינען אַ פיינע פּאָרציע און אַ פּלעשל מילך פאַרן קינד. האָבן זיך מאַן און ווייב ערנסט פאַר־טראַכט וועגן קינד צי עס וואָלט נישט געווען קיין פּלאַן דאָס קינד אַדאָפּטירן. האָבן אַ קינד אין שטוב, וואָלט דאָס לעבן געווען מער שפּרודלדיקער און וואָס נאָך האָט זיי געפרייט אַ קריסטלעך קינד מאַכן פאַר אַ יידן! די פּערלמאַנס זיינען צוריקגעקומען אין וואַגאָן מיט אַ פאַרטיקן באַשלוס: אויפקלערן דער פרוי, אַז מיט אַ פּיצל קינד אויפן האַנט וועט זי אין ערגעץ קיין אַרבעט נישט געפינען. די פרוי פּערלמאַן האָט איר באַרואיקט, אַז די ערשטע נאַכט וועט זי איבערנעכטיקן ביי איר און זי וועט איר אויך פאַרשאַפן אַרבעט.

„יאָ קריסטינע, איך וועל אייך אויך פון קינד באַפרייען, פאַר־שפּאָרן אַריינגעבן אין אַ פינדל־הויז. איר וועט דאָס קינד איבערשרייבן אויף אונדזער נאָמען, דאָס הייסט מיר ווילן אים אַדאָפּטירן פאַר אונדזער קינד. אַלץ וועלן מיר מאַכן געזעצלעך דורכן געריכט. איר האָט דאָך אים אין מענדאָסאַ אין ערגעץ נישט פאַרשריבן, אַזוי וועט ער ווערן אַ געזעצלעכער אַרגענטינער בירגער! קריסטינע האָט אַ סך געטראַכט: אירע געדאַנקען האָבן שוואַך געאַרבעט... און שווערער איז איר געווען אויס־דריקן אין ווערטער אירע געדאַנקען: עפּעס רעדט מען צו איר אַזעלכעס וואָס זי קאָן דאָס נישט באַנעמען... בלויז איין געדאַנק האָט איר גע־פרייט... זי וועט זיין אַ פרייער מענטש אין בוענאָס־איירעס. זי האָט מיך אָפּגעזיפצט: אוי בוענאָס־איירעס, בוענאָס־איירעס — יאָ סעניאָראַ, מיך האָט מען אויך אין ערגעץ נישט פאַרשריבן, זאָל כאָטש מיין קינד זיין פאַרשריבן.

„יאָ קריסטינאַ, איין זאַך מוזט איר ביי זיך פועלן, אַז פון דעם

טאָג וואָס דאָס קינד ווערט איבערגעשריבן קאָנט איר אים מער נישט זען, ווייל אַ קינד האָט נישט קיין צוויי מאַמעס"...

קריסטינאַ האָט אַ שמייכל געטאָן. „יאָ סעניאָראַ, אין בוענאָס־איירעס, קאָן מען אויך האָבן קינדער, וועל איך זיך קויפן אַ צווייט קינד"... פון קויפן האָט זי געוווּסט, אָבער אַז זי פאַרקויפט זיך האָט זי נישט פאַרשטאַנען — עס איז בײַ איר געווען גאַנץ נאַטירלעך, וואָס זי האָט געזען פון אירע חברטעס, פון איר מאַמען, פון קעץ און הינט, קיין אַנדער לעבן האָט זי נישט געקענט.

ווען די באַן איז שוין געווען נאָענט פון רעטיראָ, האָט איר פרוי פּערלמאַן געזאָגט: „קריסטינאַ, מיר זיינען שוין נאָענט פון בוענאָס־איירעס, גרייט צו אייער וואַליזע." זי האָט אויסגעגלאָצט די אויגן, ווי איינער רעדט: זי ווייס נישט וואָס דאָס איז. נאָר זעענדיק אַז די פּערלמאַנס נעמען אַראָפּ די וואַליזעס פון די פּאָליצעס, האָט זי קוים פאַרשטאַנען וואָס די פרוי פּערלמאַן האָט איר געזאָגט. זי האָט אַרויסגענומען פון אונטערן באַנק אַ שמוציקן קלומעקל, מיט עטלעכע צעפליקטע שמאַטעס פאַר איר און פאַר איר קינד; די פּערלמאַנס דערזעענדיק איר באַגאַזש, האָבן טיף אָפּגעזיפצט און איר טיף באַדויערט.

פּערלמאַן האָט צוגערופן אַ טאַקסי, זיי אָפּצופירן אין שטוב, קריסטינאַ האָט זיך דערשראָקן און נישט געוואָלט אַריינגיין אין אויטאָ: „איך בין נאָך קיינמאָל נישט געפאָרן אין אַ קליינעם וואַגאָן אָן פערד. און בוענאָס־איירעס איז גאָר אַן אַנדער וועלט, בײַ אונדז גייט מען פון איין שטעטל אין דעם צווייטן צופוס און אַז מען קאָן אויסבאָרגן אַ פּערדל, מאַכט מען אַ גאַלאָפּ ווי כואַן מאָרעיראָ". מען האָט איר קוים איינגערעדט אַז עס וועט איר גאָרנישט שאַדן: „איר זעט דאָך אַז אַלע מענטשן פאָרן אין וועגענער אָן פערד און אָן געפאַר".

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין שטוב האָט דאָס שאַרפע עלעקטרישע ליכט קריסטינען פאַרבלענדט די אויגן, זי האָט מורא געהאַט אַ שפּאַן טאָן פון איין אָרט צום צווייטן. די פרוי פּערלמאַן האָט איר געמוזט אָננעמען פאַר דער האַנט און אַרויפפירן אין אַ קליינעם אייבערשטן צימער. קריסטינע האָט איר געבעטן זי זאָל אויסלעשן דעם שטערן און אָנצינדן אַ ליכט — „איך וועל נאָך בלינד ווערן". פרוי פּערלמאַן האָט פאַרהאָנגען דאָס עלעקטרישע לעמפּל מיט פּאַפּיר, קריסטינאַ איז געבליבן צופרידן און באַרואיקט — „אָט איצט זע איך עפּעס, פריער האָט אַזוי געשווינדלט פאַר די אויגן, ווי איך וואָלט געזעסן אין באַן"... ווען קריסטינאַ איז געבליבן אַליין, האָט זי אַלץ באַטאַפּט מיט די הענט, זיך געשראָקן פאַרן אייגענעם שאָטן, מורא געהאַט אין בעט זיך צו לייגן, באַטאַפּט דעם אָנגעפּולטן זאַק, דאָס ווייסע ליילעך האָט איר דערמאָנט

אין שנייִ אויף די קאָרדיליערן. אַז זי רירט אָן דעם זאַק, ווײַגט זיך דאָס גאַנצע בעט... זי האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און זיך אַרײַנגעלייגט אין בעט, פֿון דער ווייכקייט און וואַרעמקייט אײַנגעשלאָפֿן ווי אַ פֿליג אין האַרבסט.

די פֿאַמיליע פּערלמאַן האָט געמאַכט אַלע נייטיקע פֿאָרמאַליטעטן און צוגעשריבן דאָס קינד צו זיך. דער ריכטער האָט דערקלערט קריסטינען אַז זי קאָן דאָס קינד מער נישט זען, ווײַל אַ קינד האָט נישט קיין צוויי מאַמעס: פֿון איצטיקן מאָמענט געהערט דאָס קינד געזעצלעך צו דער פֿאַמיליע פּערלמאַן. קריסטינאַ האָט גלײַכגילטיק אויפֿגענומען דעם אַקט, וואָס דער ריכטער האָט געלייענט, זי האָט במילא גאָרנישט פֿאַרשטאַנען. די פּערלמאַנס האָבן אַראָפּגענומען דאָס צײַלעמל מיטן קייטעלע, וואָס פֿערנאַנדאָ האָט געקויפֿט אין מענדאָסאַ פֿאַרן פֿאָרן קיין בוענאָס־איירעס און איר דערקלערט אַז דאָס וועט זי האַלטן פֿאַר אַן אָנדענק און זיי וועלן קויפֿן אַ גאָלדן צײַלעמל פֿאַר פֿערנאַנדיטאָן... קריסטינאַ האָט געוויינט פֿאַר פֿרייד — עפּעס אַ קלייניקייט, אַ גאָלדן צײַלעמל מיט אַ גאָלדן קייטעלע פּונקט ווי די הייליקע אין קלויסטער! די פּערלמאַנס האָבן איר געזען אַ שטעלע, געקויפֿט אַ פּאָר פֿיינע קליידער מיט צוויי ווייסע פֿאַרטיכער, אַז זי האָט זיך אַליין נישט דערקענט; זי האָט נאָר געטראַכט, אַז ווען פֿערנאַנדאָ זעט איר איצט, וואָלט ער זיכער מיט איר חתונה געהאַט און זי וואָלט געווען אַ פּריצה, פּונקט ווי פֿערנאַנדאָס מוטער... כּוואַן מאָרעראַ וואָלט שוין נישט געפּאָכעט מיטן רימען מיט די מעשענע קנעפּ, נאָר געשטאַנען מיטן קאָפּ אַראָפּגעבויגן צו דער פּריצה...

אין דער שטוב ווו די פּערלמאַנס האָבן איר רעקאָמענדירט, האָט מען קריסטינען געמוזט לערנען האַלטן אַ בעזים אין האַנט, ווען זי האָט געקערט די ווערעדאַ, האָט זי זיך אָנגעשפּאַרט אויפֿן בעזים. ווי בליצן זײַנען זכרונות געפֿלויגן אין איר מוח וועגן דער צעפּליקטער ראַנטשע וואָס איז געשטאַנען אין שטיקל מדבר נישט ווײַט פֿון טוני־זשאַן, די קוסטעס, דאָס זאַמד וואָס פֿלעגט מיט אימפּעט קלאַפּן אין די בלעכענע ווענטלעך און מיט טיפֿן זיפֿץ גערעדט פֿאַר זיך — אָבער פֿרייַ פֿון רימען מיט די מעשענע קנעפּלעך... קריסטינע איז פֿון טאָג צו טאָג אײַנגעגאַנגען, זי האָט געצאַנקט ווי אַ חלבן ליכטל, איר האַרץ האָט געקלעמט, נישט ווויסנדיק נאָך וואָס און צו וועמען... ווען זי האָט זיך שוין געפֿילט גוט שוואַך, האָט אין איר דערוואַכט די מוטער־בענקשאַפֿט — ווען זי זאָל איצט נעבן זיך האָבן דאָס קינד, וואָלט איר באַשטימט לײַכטער געווען... ווען עס פֿלעגט איר באַפֿאַלן אָט די נודנע בענקשאַפֿט, פֿלעגט זי אַרויסנעמען דאָס צײַלעמל מיטן קייטעלע פֿון בוזים און עס באַדעקן מיט קושן און טרערן.

פרויקע איז געוואקסן ווי א בלום, שוין געווען א דערוואקסן יינגעלע, נעגאנגען אין דער יידישער שול, געערדט א פיינעם יידיש און געקענט לייענען און שרייבן. די פערלמאנס זיינען געווען גליקלעך מיט אים, די שטוב איז געווען פול מיט פרייד און געלעכטער. וואס די עלטערן האט געערגערט, וואס אלע קינדערלעך אין שול רופן אים שייגעץ, ממזר: ביז ער איז געפאלן אויפן געדאנק: ער האט ארופגעלאזט די הייזעלעך און באוויזן אז ער איז א ייד און נישט קיין שייגעץ. אבער א ממזר ביזטו! האבן זיך די קינדערלעך מיט אים גערייצט. די עלטערן האבן אים אויסגערעדט דאס הערצעלע: „קינד מיינס מען דארף זיין א שטאל־צער מענטש, ענטפערן מיטן זעלבן שטעקן, וועלן זיי חבר ווערן מיט דיר". פרויקעלע האט געפאלגט און די לאגע אין שול האט זיך געבע־סערט.

קריסטינע האט זיך שוין געהאלטן ביי אירע לעצטע כוחות און קוים זיך געשלעפט אויף די פיס. זי האט באשלאסן כאטש נאך איין מאל זען איר פערנאנדאן; זי האט געפילט אז איר לעבן איז שוין צו ענדע, כאטש א לעצטן קוש געבן איר בלום פון לעבן! זי האט שוין געוווסט אז א געזעץ דארף מען רעספעקטירן, דאך פלעגט זי אפט זען איר פערנאנדיטא, ווען מען פלעגט אים פירן אין גארטן מיט א לוכאסא ווענעלע; זי האט דערלעבט אים צו זען גיין אויף די פיסעלעך, און נאכהער אין שול מיטן ווייסן פארטעכל, באגלייט פון יענער מאמען, וואס בלויז דאס געזעץ האט איר געמאכט פאר אזעלכער. אזוי איז איר ביסלעכווייז אויסגעגאנגען דאס הארץ פון נודנער בענקשאפט! דארט אין דער צעפוילטער ראנטשע אויפן שטיק מדבר־זאמד, צווישן גאדאי קרוז און טוניזשאן. דא אין דער גרויסער שטאט בוענאס־איירעס האט זי דערפילט די נאגנדיקע בענקשאפט צו איר פערנאנדיטאן. אט פון די צוויי רויע און ביטערע לעבנס־קלעפ איז קריסטינע יונג אוועק פון לעבן. זי האט זיך מיט די לעצטע כוחות צוגעשלעפט צו דער שטוב וווּ איר פערנאנדיטא האט געלעבט אין נחת און פריידן; זי האט זיך ארופגע־לאזט אויפן שוועל פון אריינגאנג; דערזעענדיק פרויקעלען האט זי מיט אירע לעצטע כוחות אנגעטאן דאס קייטעלע מיטן ציילעמל, וואס יענער גרויסער פערנאנדא האט פאר איר געקויפט אין מענדאסא און אויס־געהויכט איר צעוואגלטע נשמה.

פרויקעלען האט ארומגענומען א מאדנע בענקשאפט, מיט כוח פון אונטערבאוווסטזיין זיך דורכגעשפארט דורך דער מענגע מענטשן וואס האבן זיך צונויפגעקליבן, זיך ארופגעלאזט אויף די קני און אפגע־פרעסט קריסטינאן א קוש אויף איר קאלטן שטערן.

סאָולס טאָג־בוך

דער גרויסער סאָול איז נאָך אַ קינד געווען פון 10 יאָר אַלט ווען ער איז געבליבן אַ קיילעכדיקער יתום; דערצויגן געוואָרן ביי זיין מאַ־מעס אַ שוועסטער, וועלכע האָט פון אים קיין גרויס נחת נישט געהאַט... נאָכן יאָר פאַרענדיקן קדיש זאָגן, און קדיש האָט ער באַדאַרפט זאָגן נאָך ביידע נאָך דער מאַמען און נאָכן טאַטן איז דאָס נישט געווען קיין לייכטע אַרבעט פאַר אים. ביי יעדער געלעגנהייט אַז ער האָט נאָר גע־קאָנט אויסמיידן נישט גיין אין שול אַריין האָט ער דאָס געטאָן, זיך געפּרוווט אייניקע מאָל קראַנק מאַכן אָבער דאָס האָט אים נישט גע־לונגען, זיין מומע האָט אים שוין גוט געקענט... זיין פעטער שמואל, אַ קרענקלעכער מענטש קוים זיך אויף זיינע פיס געשלעפּט, איז טאַקע זיין מומע געווען קינדערלאָז, האָט זי מיטן גאַנצן ברען פון אַ פרוי אים געוואָלט מאַכן פאַר אַ לייט און אים דערלעבן זען פאַר אַ שטיקל מאַן... די מומע האָט באַשלאָסן אים צו מאַכן פאַר אַ דאַמען־שניידער. זי האָט דערפילט, אַז ווען ער וועט עלטער ווערן וועט אים ציען קיין אַמעריקע, טאָ זאָל ער כאָטש האָבן אַ גוטן פאַך אין דער האַנט... זי האָט געוווּסט פון די בריוו וואָס זי פלעגט באַקומען פון אירע פריינט ווי מען פלעגט איר יעדעס מאָל שרייבן אַז וויל צו דער מאַמען וואָס האָט אַ זון אַ שניידער.

סאָול איז געוואַקסן ווי אַ סאָסנע אין וואַלד! ברייט ביינערדיקע פּלייצעס, זיין געזיכט איז געווען ראָז, פריש ווי אַ רויז פון אַ קנאָספּ. זיינע בלויע הימל־אויגן האָבן פאַרמאָגט אַזעלכע צויבער־פייערלעך ווי צוויי דימענטן וואָלטן אין זיי געזעסן! אפילו מענער זיינען נישט געווען גלייכגילטיק צו אים. ווען ער פלעגט זיך באַווייזן אין די שבת־פאַרנאַכטן אויפן שפּאַציר־פּלאַץ האָט זיין געשטאַלט קיינעמס בליקן נישט געקאָנט אויסמיידן, ער האָט יעדן פאַרכשופט מיט זיין גאַנג און אינטעליגענ־טער באַציונג, יעדן איינעם אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ מיט אַ ליבלעכן

שמייכל; זיינע לענגלעכע בלאָנדע האָר זיינען געפאַלן אויף זיין שטערן ווי זיידענע פעדים וואָס האָט זיין שיינקייט צוגעגעבן נאָך מער רייץ! די מיידלעך פון שפּאַציר־פּלאַץ האָבן אים געגעסן מיט די אויגן; ביי יעדער יונגער מיידל האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ, לויט דעם ריטם פון זיינע מאַיעסטעטישע טריט, יעדער מיידלס בליק האָט אין זיך געטראָגן אַלע מעגלעכע געפאַרן...

— 2 —

סאָול ווערט א שניידער־געזעל פון דאַמען־קליידער. זיין שלאַנקער קערפּער האָט אים פאַראַטן, זיינע צוועלף יאָר האָבן זיך לייכט פאַר־טוישט פאַר פופצן און נאָך מער. זיין יונגער קערפּער האָט געשטורעמט מיט לעבן פון אַלע קוואַלן, יעדער גליד זיינער איז געווען א האַרפן־סטרונע וואָס האָט אים געשטערט צו שפּילן אויף אַלע טענער איבער זיין פאַך. די באַלעבאַטישע מיידלעך פון שטעטל האָט פאַרדראָסן וואָס זיין מומע האָט אים געמאַכט פאַר א פּאַלגע, זיין פאַך האָט זיי געשטערט אים צו קאָנען צוואַרפן א געוואַגטן, גנבישן שמייכל... וואָס מער זיי האָבן געצוימט זייערע געפילן צו אים אַלץ מער האָבן געקלאַפּט זייערע הערצער אין פולער בענקשאַפט. איינע פון די גאָר פיינע באַלעבאַטישע מיידלעך האָט זיך אַנגענומען מיט מוט! דאָס האַרץ האָט איר גענומען נאָגן אומגעוויינטלעך, טעג פאַרבענקטע, נעכט פון פאַנטאַסטישע חלומות! ווי סאָול זיצט נעבן איר בעט, דריקט איר ליבלעך די האַנט, מיט דער צווייטער גלעט ער איר שוואַרצן סאַמעט־קאָפּ. די 15־יאָריקע הויכע ברוסטן באַוועגן זיך האַסטיק, געטריבן פון אירע צעשטורעמטע בלוט־קאַנאַלן... זי שטרעקט אויס אירע ווייסע זילבער הענט און וויל אים צודריקן צו זיך און שעפּטשעט ווי א רויז אין באַגין. אירע זאַפטיק־דינע רויטע ליפּן באַוועגן זיך ווי גראָז פון נאַכטיקן טוי. — מיין ליבער סאָול — זי ציטערט אויף אין ליידנשאַפט, מאַכט אויף אירע קאַרשן־אויגן און דערזעט בלויז די שאָטנס פון רויטן נאַכטלעמפּל אויף די ווענט, פאַרדעקט איר קערפּער מיטן לייכטן צודעק און פאַרשעמט זיך פאַר זיך אַליין.

חוהלע באַשליסט זיך צו טרעפן מיט סאָולן; קיין לייכט שטיקל אַרבעט איז דאָס נישט געווען פאַר איר. לויט איר אָפּשטאַם האָט איר אוודאי נישט געפּאַסט. איר טאַטע פאַרמאָגט די גרעסטע שניטקראָם אין שטעטל, גבאי אין שול, פרעזידענט פון דער ציוניסטישער פעדע־ראַציע, אָבער ליבע ווייסט נישט פון קיין גרענעצן און פון קיין יחוס. נאָך פיל נאָכקלערן איז איר אויפגעשוווּמען א גליקלעכער געדאַנק: ביי

דעם שניידער ווו סאָול ארבעט, און וואָס איז דער שניידער פאַר אַלע באַלעבאַטישע פרויען און טעכטער, האָט חווהלע באַשלאָסן זיך געבן נייען אַ קלייד... אויף דעם צעטעלע וואָס זי האָט איבערגעגעבן סאָולן זיינען געווען אָנגעצייכנט אָט די ווערטער: „סאָול אויב ס'איז נישט שווער פאַר דיר, לאָמיר זיך היינט אין אָוונט טרעפן אין טאָל נישט ווייט פון אונדזער שטוב וואָס שטייט אויפן באַרג". בשעת זי האָט אים דערלאַנגט דאָס צעטעלע האָט איר פּנים געפלאַמט מיט אַ רעגנבויגן קאָליר. די האַנט האָט איר געציטערט, ווי זי וואָלט באַגאַנגען דאָס גרעסטע פאַרברעכן. און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן אַוועק פון אים. פון סאָולס צוגעוואָרפענעם כשוף־שמייכל איז זי שיער נישט געפאַלן אין חלשות. דער יונגער יאַט האָט זיך געפילט שטאָלץ. עפּעס אַ קליי־ניקייט, חווהלע, דעם פּרעזידענטס טאָכטער וויל מיט אים אַ פלירטעווע טאָן און נאָך ביינאַכט אין טאָל... אויף דעם איז ער שוין געווען אַ ספּעציאַליסט. זיין הונגעריקע מומע האָט אים אויסגעלערנט...

— 3 —

עס איז געווען אַ זומערדיקע נאַכט, דאָס קלאָרע זילבער־וואַסער האָט זיך געשלענגלט צווישן די בערג; מיט אַ הייליקן ציטער האָבן זיך די שטערן געבאָדן אין וואַסערל, די ברוינע האַוועלאָדע וואַסער־שטיינדלעך האָבן אויסגעזען ווי יינגערישע פלוימען. די טרויבן־ביימלעך ביי די זייטן פון טאָל זיינען געשטאַנען ווי רייען סאָלדאַטן. די גרויסע גרינע בלעטער האָבן זיך באַוויגן פון לייכטן זומערדיקן ווינטל ווי זיי וואָלטן אַ תפילה געשעפּטשעט פאַרן דערפאָלג פון די צוויי יונגע מענטשן! סאָול האָט דערזען אַ שאָטן זיך באַוועגן. דאָס יונגע האַרץ האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט מענערישן קוראַזש! אין דערוואַרטונג פאַר אַ נייעם שריט אין זיין יונג לעבן!

— אַ גוטן אָוונט סאָול, דו וואַרטעסט שוין לאַנג אויף מיר? — האָט איר שטימע געפלאַטערט ווי די בלעטער אויף די טרויבן־ביימלעך.

אַ ווייַלע זיינען זיי ביידע געשטאַנען אָן אַ וואָרט אַרויסצורייַדן. סאָול האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און איר שטיל אַ פרעג געטאָן, ווי ער וואָלט נישט געוואָלט שטערן די שטילקייט פון דער נאַכט ווו עס האַלט זיך אין אויסקנייַלן זיין צוקונפט לעבן:

— איך, איך האָב געוואָלט וויסן חווהלע צוליב וואָס האָסטו מיר געהייסן קומען אַהער?

חווהלע האָט געהאַלטן זיין האַנט אין אירער און פון גרויס צע־רודערונג נישט געקאָנט ענטפערן. זי האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבן דעם

קאָפּ און זיך באַגעגנט מיט זיינע דימענט־בליקן, וועלכע האָבן געגלעט איר גאַנצן קערפּער. זי האָט אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף זיין ברוסט. ער האָט דערפילט דעם ציטער פון אירע הויכע רונדע ברוסטן און איר אַ פעסטן דרוק געטאָן צו זיך. זי האָט אַ לייכטן ציטער געטאָן, און אים געבעטן זיך אַנידערצוזעצן אויף אַ שטיין נעבן וואַסער.

— עס איז מיר שווער, זייער שווער, סאָול, אָבער מען מוז זיין אויפריכטיק, איך וועל דיר דערקלערן פּראָסט און פּשוט אַז... איך בין אין דיר פאַרליבט! ביז משוגעת! איך האָב נישט קיין טעג און נישט קיין נעכט, בייטאָג וויל איך דיך זען און ביינאַכט וויל איך דיך האָבן נעבן זיך. עס איז עפּעס אַזאַ מין געפיל וואָס אַ מענטשלעכע שפּראַך איז צו אָרעם אַז איך זאָל קאָנען דערקלערן.

זי האָט אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל און זיך שטיל צע־וויינט. סאָול האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ, מיט זיין טאַשן־טיכל איר די טרערן אָפּגעטריקנט און איר אַ לייכטן קוש געגעבן אין שטערן. זי האָט אַ ציטער געטאָן מיט איר גאַנצן קערפּער, אים טיף אַריינגעקוקט אין זיינע דימענט אויגן.

— יאָ סאָול, גליקלעך איז דער מענטש ווען זיין יונג הארץ האָפּט און קלאַפּט מיט אויפריכטיקער ליבע. אָבער צום באַדויערן זיינען נאָך די מענטשן צעטיילט אין קלאַסן, יעדער איינער מיט זיין יחוס־בריוו, אויסגיין פון בענקשאַפט איז דיר נישט דערלויבט אַריבערגיין די גרע־נעץ... איך ווייס סאָול, אַז דו פאַרשטייסט מיך נישט, אין דער ווירק־לעכקייט קאָן איך אויך נישט דאָס לעבן, מען דאַרף לייענען סאָול, איך דאָב אַ סך געלייענט און אַ סך רעטענישן זיינען מיר קלאָר געוואָרן אין קאָלעקטיוון לעבן! נישט נייטיק קיין פילאָזאָפישע ווערק ליטעראַטור, יאָ סאָול, ליטעראַטור! טאַלענטירטע שרייבער רייסן אַראָפּ דעם שלייער פון קלאַסן, פון געזעלשאַפטן, פון יחידים און שטעלן אַוועק יעדע זאַך אויף זיין אָרט! ווען איך וואָלט נישט געלייענט, וואָלט איך נישט געהאַט דעם מוט צו קומען צו דיר אָט מיט דעם אמת וואָס איך האָב דיר איצט אַרויסגעלייגט!

חווהלע האָט זיך געכאַפּט אַז זי זיצט שוין צו לאַנג. זי האָט אים איינגעלאַדן אויף שבת בייטאָג אין זייער פלוימען־גאָרטן וואָס שטייט ביים ברעג פון שטעטל, צווישן פּויערישע כאַטעס, דאָרט וועט מען זיך ערשט דורכריידן, זי וועט אים מיטברענגען ביכער צום לייענען.

—יאָ, יאָ, סאָול, שבת קאָנען מיר דאָרט פאַרברענגען אָן אַ זייטיק אויג און אָן מורא, ווייל מאָרגן פאָרט מיין טאַטע קיין כאַרקאָוו איינ־צוקויפן סחורה. שבת אַ גאַנצן טאָג גייט מיין מאַמע פון שטוב נישט אַרויס, זאָגט אַ גאַנצן טאָג דעם טייטש־חומש ביזן זון־פאַרגאַנג. סאָול אַ גוטע נאַכט — אים אויסגעשטרעקט איר ווייסע האַנט — סאָול האָט

מיט אַ לייכטן ציטער אָנגענומען איר האַנט. חוהלע האָט דערפילט אין זיין ציטער אַז אין דעם מאָמענט איז ער געוואָרן אַן אַנדער מענטש, זי האָט זיך געפילט גליקלעך מיט איר זיג!

— 4 —

סאָול האָט חוהלען אַרויסבאַגלייט פון טאָל ביז אַ קוואַרטאַל פון איר שטוב. זי האָט אים ווידער דערלאַנגט איר צאַרטע האַנט און שטיל ווי דער סוד פון נאַכט אים אַריינגעשעפּטשעט אין אויער: „אַ גוטע נאַכט סאָול, ביז שבת!” און פאַרשווונדן אין די פאַלדן פון דער נאַכט. ער איז געבליבן שטיין אַ לאַנגע ווײַלע ווי צעטומלט און נישט געקאָנט באַנעמען די געדאַנקען וואָס זי האָט צו אים גערעדט, אַז ליטעראַטור קען אים אַריינפירן אין יעדן ווינקל און ווינקעלעך פון לעבן און ווערן גאָר אַן אַנדער מענטש. ער האָט בלויז געוווסט פון זיין מומעס תאווה — קוק סאָול דער פעטער שלאָפט... קום, סאָול דער פעטער איז נישטאָ אין שטוב... אַ קלאָרער געדאַנק האָט אויפגעבליצט אין זיין מוח; זי, זיין מומע ווייס נישט מער אים צו האָדעווען מיט איר לייב־פלייש, כדי צו שטילן איר פרויען־הונגער, דאָס איבעריקע גייט איר נישט אָן — און דאָ האָט חוהלע פאַר אים אַנטפּלעקט גאַנצע וועלטן; אין שיינעם איז אויך אפשר פאַראַן געגנוג מאָסקייט אין גאָרטן פון לעבן. ער האָט געשפּרייזט איבער די קרומע געסלעך פון שטעטל פאַרטראַכט אין זיך צו קאָנען באַנעמען די געדאַנקען. אַזוי האָט ער ווי אַ לונאַטיקער צו־געשפּאַנט צו דער שטוב וווּ זיין מומע איז געשטאַנען ביי דער טיר און געוואַרט אויף אים... זי האָט זיך אויף אים געבייזער: „סאָוליקל, דו שלעפּסט זיך שוין אויך ביידערנאַכט אין די פינסטערע ווינקעלעך, נו קום שוין, קום אַריין” — סאָול איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך און כמעט ווי נישט געהערט וואָס זי רעדט צו אים — „ווייזט אויס אַז די שיקסלעך האָבן דיך גוט פאַרמאַטערט, צי אפשר אַ רבצין פון שטעטל האָט דיך פאַרפירט”?

ביי די ווערטער האָט סאָול אויפגעציטערט און איר שטרענג גע־ענטפערט:

— נישט פאַרפירט, נאָר אַרויסגעפירט אויפן גלייכן וועג! זי האָט נישט קיין פלייש צו פאַרקויפן! און צווייטנס מומע, פאַרגעס נישט אַז דער פעטער איז נאָך אַ לעבעדיקער מענטש, פאַרקירצט אים נישט די יאָרן! צי דו מיינסט אַז פון יענער זייט וואַנט ליגט שוין אַ טויטער מענטש? די מומע איז געבליבן איבעראַשט, זי האָט צום ערשטן מאָל דערהערט ווערטער ווי פון אַ דערפאַרענעם מענטשן; זי האָט אַ שפּאַן געטאָן אויף צוריק און זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין.

די ערשטע שלאָפלאָזע נאַכט האָט סאָול דורכגעמאַכט אין זיין יונג לעבן. חוהלעס זיסע צאַרטע שטימע לאָזט אים נישט איינשלאָפן; די רייד וואָס זי האָט צו אים גערעדט קלינגען אים אין די אויערן, אין מוח, אין האַרץ און נשמה! די מענטשן האָבן באַשאַפן קלאַסן, און אוועקגעשטעלט גרענעצן מיט זייערע יחוס־בריוו — מען דאַרף לייענען, לייענען סאָול! כדי צו קאָנען נעמען דאָס לעבן און נישט בלאָנדזשען ווי אַ שאָטן אין דער נאַכט; חוהלעס אויפריכטיקע ווערטער אַז זי האָט אים ליב האָבן אים געוואַרעמט ווי אַ מאַמעס צאַרטע רייד; מען מוז זיך באַלאָדן מיט וויסן כדי צו קאָנען אַריבערשפּרייזן די גרענעץ און זיך איינגלידערן אין דער שיינער זייט פון לעבן; צוויי קערפּערס מיט איין נשמה האָבן די נאַכט געפּיבערט מיט הערלעכער ליבע! חוהלע איז די נאַכט אויך נישט געשלאָפן, זי האָט זיך אַליין נישט געקאָנט אָפּוואונדערן ווי אַזוי זי האָט געוואַגט, זי האָט קיין פאַרענטפערונג פאַר זיך אַליין נישט געזוכט, זי האָט געטאָן וואָס איר האַרץ האָט איר דיקטירט אָן אַ זייטיקער כוונה; אַזוי דאַרפן אַלע ערלעכע מענטשן האַנדלען, און דאָס לעבן וואָלט דאַן געווען מער האַרמאָניש. קיין געפיל מיט ערלעכער כוונה טאָר מען נישט פאַרבאַרגן! וועל איך ליידן פון אַ דורכפאַל וועט דאָס זיין מיין אייגענע שולד; וועט צוקומען נאָך אַ קרבן צו די טויזנטער, וועלכע טראָגן דעם אמת אויף דער האַנט! איר האָט זיך געדאַכט אַז זי האַלט נאָך סאָולס האַנט אין אירע, געדריקט צו איר האַרץ, געקושט אירע אייגענע הענט, מיטן ווייסן טאָג איינגעשלאָפן מיט סאָולס נאָמען אויף אירע ליפּן.

סאָול איז אַריין אין קליידער־וואַרשטאַט מיט אַ קליינע פאַרשפּעטיקונג. זיין באַלעבאָס שמערל האָט שוין צוגעגרייט אַ גאַנצע לעקציע פאַר אים: „אַ גאָט העלף סאָולטשיק, וואָס מאַכסטו תכשיט, פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן צווישן די קרומע געסלעך וואָס פירן אין טאָל צום וואַסער זיך נאָכהער קענען אָפּטובלען. שיקסעס גייען אין מקווה נאָכן פּעטן בּיסן... אַז מען זאָל נישט דערקענען דיינע טריט טרייט דאַרפסטו טאָן ווי מיין פעטער דער ליוועראַנט האָט געטאָן, ווען אים איז געפעלן געווען אַ פּאָר פערדלעך אין אַ פרעמדער שטאָל: אַז מען זאָל נישט דערקענען זיינע טריט אויפן שניי, פלעגט ער זען אָנטון קאַלאָשן אויף די קאָפּעטעס, אַזוי דאַרפסטו אויך טאָן, וועלן דיר די שקצים גוט אָנברעכן די ביינער". סאָול האָט אָן אויפגערעגטער אָבער מיט טאַקט אים געענטפערט: „דעם טאָל באַלעבאָס טאָר מען נישט פאַרשוועכן מיט אַזעלכע רייד! דאָרט ווערט געבוירן דער אמת! פון דאָרט גייט מען אַרויס אַ געלייטערטער אין דער ברייטער וועלט! אַלע פּלאַנצן וואָס לעבן און אָטעמען ווי מיר, לעבעדיקע מענטשן, זאָגן יעדע נאַכט אַ תפילה צו גאָט; די

וואַסער־קוואַלן פון די בערג זינגען מיט איר כאָר, יאָ, יאָ באַלעבאָס הייליקע געזאַנגען״.

דער באַלעבאָס האָט זיך ברייטלעך צעלאַכט און גערופן זיין פלונתטע: „שיינדל, שיינדל, קום נאָר אהער אַ מינוט! קוק אים נאָר אָן״ האָט ער געקייכט פון געלעכטער — „מיר האָבן שוין אַ שטערנזעער ביי אונדז אין שטעטל — ער ווערט אַ גאַנצער פילאָזאָפּטשיק מיין גע־זעל״ — שיינדל האָט זיך שטאַרק צעבייזערט אויף איר מאַן — „ער איז שוין אַ דערוואַקסן יינגל און נאָך אַ יתום דערצו... וואָס זשע האָסטו געוואָלט, האָט ער זיך ביי זיין גוטער מומעניו געקאָנט עפּעס בעסער אויסלערנען?״

— 5 —

חוהלע און סאָול האָבן געוואַרט אויף שבת ווי פרומע יידן. יעדנס האַרץ האָט אויסגעקלאַפּט די זעלבע בענקשאַפט פון אומגעדולדיקער דערוואַרטונג פון דעם גליקלעכן שבת פאַר זיי. חוולע איז געווען די ערשטע — זיך אויסגעפּוצט ווי אַ פּרינצעסין פאַר איר נאָך נישט גע־זעענעם פּרינץ, אויסגעשפּרייט אַ פּרעכטיקן גרינעם טעפּיך מיט אַ טראַ־לאַ־לאַ אונטער געדיכטע אונגאַרישע פלוימען־ביימער און אומגעדולדיק געוואַרט אויף סאָולן. זי האָט נישט צוגעגרייט קיין אָפיציעלע ווערטער פאַר אים, ווי פאַרליבטע דאָן־זשואַנען: זי האָט געפילט מיט איר גאַנצן וועזן אַז די ערלעכקייט וועט זיגן: מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ דערוואַרט זיין אָנקום: זי איז געשטאַנען ביים פלויט מיט צעעפנטע ברייטע אויגן ווי זי וואָלט געוואַרט אויף משיחן, וואָס וועט ברענגען אַ דערלייזונג פאַר איר בענקענדיק האַרץ: די מינוטן האָבן זיך געצויגן ווי אומענדלע־כע טעג, איר האַרץ האָט געקלאַפּט מיט אַ ווונדערלעכן ריטם ווי די וואַסער־קוואַלן פון די בערג אין טאָל אַריין. ווען זי האָט דערזען פון דערווייטנס זיך וויגן סאָולס ווונדערבאַרע פיגור און זיין קערפּער וואָס האָט זיך באַוויגן ווי אַ לייכט גלעטנדיק ווינטל, ווי אַ ווייסע טויב וואָס האָט איר באַדאַרפט אָנזאָגן איר צוקונפט, וואָס פלאַטערט מיט אַזויפיל ליבע און דורשט! סאָול האָט אויפגעריגלט דאָס הילצערנע טירל און שטיין געבליבן אין גאָרטן: דער אַרומיקער גרינער צויבער האָט אים גענלעט מיט ליבשאַפט, ער האָט טיף אַריינגעאָטעמט די פרישע לופט, זיין ראָז פריש געזיכט האָט אויסגעזען מאַיעסטעטיש הינטער די גרינע שאָטנס פון די ביימער, דאָס פויגל־געזאַנג פון פאָמעשטשיקס וואַלד האָט אים ווי פאַרטויבט: געבליבן שטיין אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים: חוהלע איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען. „אַ גאָט העלף סאָול״ האָט איר געלעכטער

געקלונגען ווי זילבער־גלעקלעך — און אים דערלאַנגט איר ווייסע האַנט.
„האָסט מורא זאָלסט נישט פאַרבלאָנדזשען? קום מיט מיר, וואָס שטייסטו אַזוי צעטומלט? איז דען מעגלעך אַז אַ פרוי זאָל זיין דרייסטער ווי אַ מאַן? כאַ, כאַ, כאַ... אַט אַזוי געשפּאַנט, איך וויל זיין דיין קאָמאַנדיר!"
זי האָט אים אָנגענומען אונטערן אָרעם: — „קום סאַול, וועסט אַ ביסל אָפּרוען פון וויטן וועג, דאָרט אונטער די ביימער אויפן ווייכן גראָז: מען קאָן זיך דאָ דורכשמועסן רואיק, נישט ווי יענע נאַכט אין טאָל מיט ציטעריקע הערצער, איצט ווייסן מיר ביידע וואָס מיר ווילן... און אויב דו האָסט ביי זיך געפּועלט קאָנען מיר ריידן מיט אַ לייכט געמיט וועגן די ווייטערדיקע שוועריקייטן וואָס שטייען אונדז פאָר" — ביידע האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויפן טערקישן טעפּיך, חוהלע האָט אַריינגענומען זיין האַנט איר אירער, אַריינגעקוקט אין זיינע דימענט אויגן, ווי זי וואָלט פון זיי געוואָלט אַרויסלייענען דעם אמת — „זאָג מיר סאַול, ווי אַזוי האָסטו זיך געפילט יענעם אָוונט אין טאָל? האָסטו אפשר נישט געטראַכט: „אָט אָן אויסגעלאָסן מיידל וויל פאַרברענגען אַ גוטע מינוט מיט אַ שיינעם יונגן בחור" — זי האָט אין זיינע אויגן דערשפּירט אַ באַלייִדיקנדיקן אויסדרוק — „עפן אויף דיין יונג האַרץ! פאַרגעס אַז איך בין דעם גרויסן סוחרס אַ טאָכטער, רייד צו מיר ווי צו אַ פּשוט שניידער־מיידל, ווי צו אַ שניידער־געזעל — וועסטו זען ווי וויל מיר וועלן זיך פאַרשטיין." סאַול האָט צוגעצויגן אירע הענט צו זיין מויל און איר אָפּגעפּרעסט אַ פייערדיקן קוש — „דאָס האָט ביי מיר מער ווערט ווי פוסטע ווערטער..."
„אָבער ריק דיך אויף סאַול... צו דעם דאַרף נאָך געניטונג וואַסערן איבערלויפן: און ווער ווייסט וויפל שוועריקייטן מיר וועלן דאַרפן ביי־קומען: דאָס לעבן פאַרמאָגט אַזויפיל קרומע וועגן, ווער ווייסט וויפל מיר וועלן זיך דאַרפן אָנליידן ביז מיר וועלן אַרויס אויף אַ גלייכן וועג! מיין ליבער סאַול איך האָב שוין אַזויפיל גערעדט און פון דיר האָב איך נאָך קיין איין וואָרט נישט געהערט."
„חוהלע, איך בין נישט שולדיק, דו לאָזט מיך נישט קומען צום וואָרט."
„נו וואָס זאָל איך טאָן סאַול, איך וויל דיר אויפמאַכן מיין האַרץ, דו זאָלסט מיר נישט נאָר גלויבן אויפן וואָרט! ווען דאָס האַרץ וואָלט געהאַט אַ קליין פּיצעלע פענסטערל וואָלט איך אַזויפיל ווערטער נישט באַדאַרפט באַנוצן."
„דעם אמת געזאָגט חוהלע, איך בין נישט אַזוי געבילדעט ווי דו, איך קען נישט אַלץ אויסדריקן אין ווערטער אַזוי ווי דו" — ער האָט איר אַריינגענומען אין זיינע צוויי שטאַרקע הענט איר צוגעדריקט צו זיך און איר אָפּגעפּרעסט אַ ברענענדיקן קוש. „אָט דאָס פיל איך, און

דאָס איז דער גאַנצער אמת אַזוי ריין און אמת ווי די ביימער און דאָס גראָז."

זי האָט אים ווידער אַריינגעקוקט אין זיינע דימענט אויגן, האָט אים ווידער אַריינגעוואָרפן עטלעכע פּרווו־ווערטער — „קושן אַ מיידל קאָן יעדער איינער". סאַול האָט דערפילט אַז זי נעמט אים אויף אַ פּרווו, כדי צו זיין זיכער מיט אים. „חווהלע — האָט ער גענומען ריידן דרייסט מיט אַ מענערישער שטאָלצקייט — דעם אמת גערעדט, חווהלע ווען איך זאָל זיין אַזוי געבילדעט ווי דו, וואָלט איך דיר פאַרשאַטן מיט גאַנצע בערג רייד: איך ווייס אָבער אַז סתם ווערטער האָבן קיין זינען נישט, אַז מען מאַכט אַ נייעם שפּאַן אין לעבן מוז מען זיין זיכער! מיינע, אונדזער זיכערקייט גיב איך איבער אין דיינע הענט!" זי האָט אים אַרומגענומען און אים אַ דריק געטאָן צו זיך:ביידע האָבן זיך איינגעקלאַמערט מיט זייערע לייבער ביז שכרות. חווהלע איז שנעל געקומען צו זיך: „נישט איצט מיין ליבינקער — נישט איצט סאַול, ווייל דעם מוזן מיר נאָך וואַרטן אַ גאַנץ לאַנגע צייט" — סאַול האָט זיך אויפגעזעצט אַ פאַרשעמטער — „חווהלע איך האָב קיין שלעכטס נישט געמיינט — איך האָב זיך געוואָלט בלויז אָנזעטיקן מיט דיין איבערגעגעבנקייט צו מיר: ווען האָב איך איצט אין לעבן אַ חוץ דיך! מיין מומע זוכט אירע אינטערעסן... אַ קיילעכדיקער יתום — דו ביזט מיר אונטערגעקומען ווי אַ רעטונג־שיפל אין מיין צעשטורעמטן ים פון לעבן!" ביידן האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן: חווהלע האָט זיך געכאַפּט אַז עס האַלט שוין ביי זון־אונטערגאַנג. „סאַול מיר מוזן גיין, עס איז שוין גענוג שפּעט, דעם קומענדיקן שבת וועלן מיר זיך ווידער דאָ טרעפן. מיר האָבן באַקומען אַ טעלעגראַמע פון מיין טאַטן אַז ער מוז בלייבן אַ צען טעג אין כאַרקאָוו, ווייל איניקע סחורה מוז מען ערשט אַרויסענדיקן אין פאַבריק." זי האָט אים איבערגעגעבן אַ פּעקל ביכער, מען האָט זיך וואַרעם צעקושט. סאַול האָט איר געהייסן גיין פאָרויס, ער וועט גיין פון הינטן, אַז קיין שלעכט אויג זאָל נישט פאַלן אויף איר. זי האָט אים ביים אַרויסגאַנג געזאָגט: „דאָנערשטיק אין אָוונט וועט מען זיך טרעפן אין טאָל צו באַשטימען דאָס ווייטערדיקע."

ביידע זיינען געגאַנגען און געטראַכט די זעלבע געדאַנקען: „עס דאַרף נאָך נעמען גענוג צייט אויסצופּלאָנטערן די אַלע לעבנס־פּעדים בכדי אַרויסצוקומען אויף אַ גלייכן וועג. סאַולס מומע האָט געוואַרט מיט אומגעדולד אויף דער טיר, זי האָט געפילט אַז ער גייט אין אַנדערע

וועגן — דאַרף מען נישט פאַרשלאָפן — זיין קראַנקער פעטער איז שבת נאָכן טשאָלנט געשלאָפן ביז שפּעט אין דער נאַכט, דערפאַר איז זיין מומע געווען אומרואיק, ס׳איז שוין נאָך זון־אונטערגאַנג, שטערן פינקלען שוין און סאָולן זעט מען נאָך נישט. ווען זי האָט אים דערזען פון דערווייטנס האָט איר גאַנצער קערפּער אַ ברען געטאָן מיט לײדנ־שאַפטלעכער גלוסט. זי האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און מיט אַ כיטרען געלעכטערל אים שטיל אַ זאָג געטאָן — „קום שוין, קום שוין, דער פעטער שלאָפט נאָך!״ פון דער מענערישער וואַרעמקייט פון חוהלעס נאָענטקייט האָט ער זיך געלאָזט פירן ווי אַ שעפעלע. ווען מען איז אַריין אין צימער, האָט ער זיך ליידנשאַפטלעך איינגעביסן אין איר ליב. אַ ווייסער שוים האָט זיך באַוויזן אויף איר מויל: אירע אויגן זיינען געוואָרן גרויס און גרעסער ווי ביי אַ ווילדן אָקס. זי האָט נאָכהער שווער אָפּגעאָטעמט, שלינגענדיק שווייס טראָפּן און אים אָפּגעשטויסן פון זיך.

סאָול האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט ליב און לעבן לייענען ביכער וואָס חוהלע האָט אים געגעבן. ער האָט געשלונגען יעדעס וואָרט, באַ־זונדער זיך פאַרטראַכט און נאָכגעטראַכט. קיין איין פראַזע נישט דורכ־געלאָזן, ביז ער האָט נישט גוט באַנומען. עס האָט דערגרייכט אַזוי ווייט אַז ער איז געוואָרן אַן אָפטער אַריינגייער אין דער שטעטלדיקער יידישער ביבליאָטעק. ער איז געוואָרן אַזוי רייף און אינטעליגענט אַז ער האָט דערגרייכט צו ווערן פרעזידענט פון דער ביבליאָטעק: זיין נאָמען האָט זיך געטראָגן פון מויל צו מויל: אַלע מיידלעך פון שטעטל זיינען גע־וואָרן לייענערנס אבי אַ קוק טאָן אויף סאָולן, ריידן מיט אים עטלעכע ווערטער צו שטילן דעם מיידלשן דורשט... ער איז געוואָרן אַן אָנגע־זעענע פּערזענלעכקייט צווישן דער שטעטלדיקער יוגנט, אפילו חוהלעס טאַטע האָט אים באַוווּנדערט: „אַן אָרעמער יתום, אָן בילדונג און דער־גרייכט צו אַזאַ מדרגה; אַ שאָד וואָס ער איז אַ פּאַלגע״ אַזוי האָט ער געערדט צו חוהלען. „וואָס זשע פּאַפּאַ אַ שניידער קאָן נישט זיין קיין אינטעליגענטער מענטשן, אפשר נאָך בעסער פון אַ רייכן יונגן מאַן מיט גרויס יחוס.״ אָבער מנשהן דעם שניט־סוחר איז נישט געווען געפעלן אירע רייד — „אפשר זיך שוין פאַרליאַפּעט אין אים? אַ שניידער בלייבט אַ שניידער״ — „איך פאַרשטיי דיך נישט פּאַפּאַ, אַן אינטעליגענטער מענטש זאָל אַזוי ריידן! ווען אַ יינגל מיט אַזאַ טאַלאַנט זאָל דערצויגן ווערן ביי רייכע עלטערן וואָלט ער אפשר דערגרייכט נאָך העכער״ — רב מנשה האָט אַריינגענומען די שפּיץ זיידענע באָרד אין מויל אַריין און נערוועז געשפּרייזט איבער דער שטוב און איר שטרענג באַפוילן: — „פון היינט אויף ווייטער זאָל דיין פוס נישט קומען אין ביבליאָטעק! דו פאַרשטייסט שוין וואָס איך מיין! אַ טאַטנס באַפעל מוז מען אויס־

פאָלגן! צי אפשר ביסטו שוין פאַרליבט אין זיין שיין פנימל מיט די לאַנגע פּיס און פאַרפרעסטע קאַנטיקע הויזן! פון היינט אויף ווייטער טאָרסטו דעם פאָלגע מער נישט זען, פאַרשטאַנען!״

חווהלע איז אַריין צו זיך אין צימער, זיך געוואָרפן אין בעט מיט אַ פאַרשטיקט געוויין און פעסט ביי זיך באַשלאָסן אַן ענדע צו מאַכן צו אירע ליידן. וואָס שנעלער מיט סאָולן זיך אַריבערפּעקלען קיין אַמעריקע. עס איז נישט געווען אַזאַ לייכט שטיקל אַרבעט: יונגע מענטשן וואָס זיינען נאָך פון יענער זייט שטעטל נישט אַרויסגעפאָרן, אַן מיטלען אין אַזאַ ווייטער רייזע. מיט סאָולס פאָר הונדערט רובל קאָן מען ווייט נישט דערפאָרן. צוליב דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה זיינען אַלע גרענעץ־שטעטלעך באַלאַגערט מיט דעזערטירן און פּאָליטישע פאַרפאָלגטע. ווער ווייסט ווי לאַנג מען קאָן זיך פאַרהאַלטן אין וועג ביז מען וועט באַקומען שיפסקאַרטן. רב מנשה דער שניט־קרעמער האָט אַוועקגעלייגט זיין יחוס־שטעמפּל און געמאַכט אַ מחיצה צווישן איר און סאָולן. אויספאָלגן דעם טאַטן, הייסט צוויי יונגע לעבנס צו צעברעכן; עס איז קיין פאַרברעכן נישט אויסצופאָלגן, ווען ער איז אומגערעכט — אַזוי האָט חווהלע געטראַכט וועגן איר און סאָולס לאַגע. זוכן מיטלען נישט צו בלייבן שטעקן ערגעץ אין אַ פרעמד לאַנד פאַר אַמעריקע, אָן צייט פאַרלירן: און חווהלע באַשליסט צו נעמען פון איר טאַטנס פאַרמעגן אָן זיין וויסן — זי איז אויך אַ שותּף צו זיין געשעפט! זי פירט די ביכער, די קאָרעספּאָנדענץ, דאָס איז אַלזאָ נישט קיין גנבה. מיטן גוטן ווילן וועט ער דאָך נישט געבן — און זי מוז אַזוי האַנדלען; זיי וועלן קומען קיין אַמעריקע, דאָרט, דערציילט מען, זיינען דאָ גאָלדענע גליקן, וועלן זיי דאָס געלט דעם טאַטן צוריקשיקן!

— 7 —

סאָול האָט רעגונסירט פון זיין אַמט אין ביבליאָטעק, בכדי צו האָבן פרייע צייט זיך צו גרייטן צו דער רייזע. די מיטגלידערשאַפט איז נישט געווען צופרידן מיט זיין פאַרלאָזן זייער שטעטל: ער האָט די ביבליאָטעק מיט חווהלעס הילף איינגעאָרדנט אויף אַ מאָדערנעם אופן: אַלע שונד־ביכער אַוועקגעלייגט אין אַרכיוו, אויסגעשריבן פון וואַרשע און ווילנע די בעסטע מאָדערנע יידישע ליטעראַטור און איבערזעצטע ביכער פון אַנדערע שפּראַכן פון שרייבער מיט וועלט־נעמען. די לייטונג פון דער ביבליאָטעק האָט אים באַשטימט צו מאַכן אַן אָפּשייד־אָוונט. סאָול האָט גענומען גרייטן זיין געזעגענונגס־רעדע און געגעבן חווהלען אַ קאָפּיע: זיי האָבן באַשטימט אַז חווהלע זאָל צום אָוונט נישט קומען,

בכדי נישט צו פאַרשאַרפן דעם קאָנפליקט מיט איר פאָטער און אַזוי אַרום זיך פריער גרייטן אין וועג אַריין: דעם אָוונט ווען עס איז פאָר־געקומען דער געזעגענונגס־באַנקעט, האָט חוהלע קיין נאָכטמאָל נישט געגעסן. זי האָט זיך געלייגט אין בעט, דערקלערנדיק אירע עלטערן אַז זי פילט זיך נישט גוט. רב מנשה האָט זיגעריש אַריינגענומען די שפּיץ פון זיין סאַמעט־באָרד אין מויל אַריין און אַ זאָג געטאָן צו זיין פרוי: „נאָך היינט וועט זי איבערפּאַקן, איבערמאָזלען און מאָרגן וועט איר שוין זיין בעסער!"

דער באַקוועמער גרויסער ביבליאָטעק־זאַל איז געווען געפּאַקט מיט דער גאַנצער שטעטלדיקער יוגנט, בכדי צו הערן דאָס געזעגענונגס־וואָרט פון זייער פאַרזיצער, וואָס האָט אויף אַזאַ וווּנדערלעכן אופן אָוועקגע־שטעלט די ביבליאָטעק. נאָך די אַלע געזעגענונגס־רעדעס האָט זיך סאָולס מאַיעסטעטישע פיגור אויפגעשטעלט, זיך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער לענג. זיינע בלויע הימל־אויגן, האָבן געפינקלט אינעם אַרום. זיין שטים האָט געקלונגען ווי פאַרכישופטע זילבערנע גלעקלעך: „מיינע ליבע פריינט, איך דאַנק אייך פאַר אייערע ליבווערטער, וואָס איר האָט אַרויס־געזאָגט וועגן מיין ווייניקייט. איך האָב געאַרבעט, בכדי אָוועקצושטעלן די ביבליאָטעק אויף אַ העכערן ניוואָ נישט צוליב דאַנקבאַרקייט: דאָס איז אַ יידיש־מענטשלעכער חוב — ציען דעם פאָדים פון יידישן קול־טורעלן לעבן! אָט דער חוב ליגט אויף יעדערן פון אונדז! איך פאָר אָוועק אין אַ ווייטן אומבאַקאַנטן לאַנד: אויב די פאַרגייער פון יענעם לאַנד האָבן שוין עפּעס אויפגעטאָן אויפן קולטורעלן געביט, וועל איך מיט ליב און לעבן מיטאַרבעטן. און אויב מען דאַרף אָנהייבן פון דאָס ניי בין איך גרייט אויף אַלע קרבנות! זייט מיר געזונט מיינע ליבע פריינט! האַלט די קולטור, וואָס איז די קרוין פון יעדן פאָלק און אי־בערהויפּט פון יידישן פאָלק! אויף איר געהעריקער הויך!"

צו מאָרגנס איז סאָולס רעדע געגאַנגען אין שטעטל פון מויל צו מויל, אַלע האָבן באַוווּנדערט זיין קלוגשאַפט. ווען ער האָט זיך געזעגנט מיט זיין באַלעבאָס האָט ער אים שטאַרק געדריקט די האַנט: „סאָול וועסט מיר שטאַרק מוחל זיין פאַר די שניידערישע ווערטלעך, וואָס איך פלעג זאָגן אויף דיין חשבון: איך בין אַ גוטער שניידער אָבער אַ גרויסער גאָרנישט אין די קליינע אותיותלעך, פאַרשטיי איך טאַקע אַ מכה." זיין באַלעבאָסטע שיינדל איז אַרוים פון קיך אַ פאַרפלאָמטע מיט אַ פּעקעלע אונטערן אָרעם, צוגעלאָפן צו סאָולן, אים אַרומגענומען און געקושט: „אַ יידענע מעג, אַ יידענע מעג, סאָול! קיין טאַטע־מאַמע האָסטו נישט סאָול, זאָל זיך מיט דיר געזעגענען אַ פרעמדע מאַמע, דו פאָרסט דאָך אָוועק אויף יענער זייט סמבטיון, מיר וועלן זיך דאָך שוין קיינמאָל נישט זען, זאָל דיך גאָט באַגליקן און מיר זאָל גאָט העלפן אַז מיינע

קליינע קינדער זאָלן נישט זיין ערגער ווי דו אָן דיין שאדן: דאָס האָסטו קיבעלעך, גלייך פון אויוון, נעם אויפן וועג!" שיינדל האָט אויפגעהויבן דעם פארטוך און אויסגעווישט די טרערן. סאולן האָבן זיך אויך טרערן געשטעלט אין די אויגן פון דער פשוטער הארציקער באציונג. זיין באַלעבאָס האָט זיך ווי צעבייזערט: „נו, זאָל שוין זיין גענוג, יידענע וואָס דו ביסט! א מענטש ווערט אין ערגעץ נישט פארפאלן, א מענטש איז אומעטום א מענטש: ער וועט אונדז דערמאָנען צום גוטן — איך האָב אים געמאַכט פאר א גוטן בעל־מלאכה און וועגן מיינע שניידערישע ווערטלעך, ווייס ער דאָך אז א שניידער אָן א וויץ איז אזוי ווי צו תקיעות אָן א שופר: א שניידער דאַרף נישט זיין קיין לעמעשקע: נו פאָרזשע מיר געזונט, זאָל דיך גאָט באגליקן! אויב דו וועסט צייט האָבן, שרייב אָן אמאָל א בריוול: אין אמעריקע האָט קיינער נישט קיין צייט, דאָרט לויפט מען ווי א רוח אויף א קאָטשערע."

חווהלע מיט סאולן האָבן באשטימט די לעצטע נאכט פארן פאָרן זיך צו טרעפן אין טאָל אין יענעם פארכשופטן ווינקל וווּ זייערע הערצער האָבן זיך אויפגעמאכט, ווי מאגנאָליען נאָכן זון־פארגאנג: און די וונדער־שעה, וואָס האָט פאר זיי אויפגעפראַלט די טיר אין דער גרויסער וועלט אריין איז געקומען! סאול איז געקומען דער ערשטער. דער געוועזענער פרימיטיווער יינגל האָט זיך געזעצט אויף דעם היסטאָרישן שטיין, נעבן וואסער פון וואנען ער איז ארוים פון חווהלעס אויפקלערונגען א רייפער מענטש: זיצנדיק אזוי פארטראכט, א ביסל דענערווירט האָט ער דערהערט שטילע, פלינקע טריט: ער האָט זיך אויפגעהויבן פון שטיין און ווי א הירש איר געלאָפן אנטקעגן: ער האָט איר ארייננגענומען אין זיינע פעסטע אָרעמס און געדריקט צו זיין שלאנקן קערפער: „מיין ליבע חווהלע, לעבן מיינס, ענדלעך ביסטו געקומען!" זי האָט זיך איינגעביסן אין זיין האלדז, איר גאנצער קערפער האָט געציטערט פון דערהויבענעם גליק.

„איך בין נישט נאָר איצט געקומען, מיר וועלן ביזן טויט זיין צוזאמען! היינט איז דאָנערשטיק, מאָרגן פאָרסטו אָפּ, שבת וועלן מיר זיין צוזאמען ביי דער גרענעץ, וואָס מאכט אוים א שטרענג אויג אויף מיר? „איך האָב שוין א פּאָר טויזנט רובל און מיר וועלן דאַרפן וואַרטן א געוויסע צייט: אונטערוועגס וועלן מיר קיינעם צו לאָסט נישט פאלן און אויך דאָרט אין גליקלעכן לאנד וועלן מיר קאָנען איבערקומען א צייט ביז דו וועסט ארבעט באקומען; א יאָ איך האָב דיר פארגעסן זאָגן וועגן דער רעדע וואָס דו האָסט געהאלטן אין ביבליאָטעק איז דורכגעווייקט מיט ליבע ערלעכע טרערן און קושן" — זיי האָבן זיך איינגעקלאמערט און אויסגעזען ווי איין שאָטן אין דער נאכט־פינסטערניש: דאָס

גערויש פון די טרויבן־בלעטער און דאָס פליסיקע מורמלען פון די בערג־קוואַלן האָבן זיי אָפּגעגעבן מזל־טוב.

— 8 —

צומאָרגנס איז סאַול אָנגעקומען אין שטעטל נאָוואָסעליעץ ביי דער עסטרייכישער גרענעץ, וואָס ליגט נעבן דעם שטעטל בראָד: ער האָט געוואַרט אויף דעם גליקלעכן מאָמענט ווען חוהלע וועט אָנקומען: דאָס שטעטל איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן, יעדער איינער האָט געוואַרט אויף זיין ריי צו שוואַרצן די גרענעץ, אַ סך זיינען שוין געלעגן אין די פויערשע שייערן, גרייט צו שוואַרצן די נאַכט. יעדער איינער איז געווען פאַרטיפט אין זיך, יעדער איינער האָט געקוקט אויפן אַנדערן מיט חשד, ביי יעדן איינעם האָט געציטערט דאָס האַרץ: אפשר שפּיאָנירט מען אים נאָך און דאַן קאָן אין איין מאָמענט צעשטערט ווערן זיין האָפענונג און קאָן ווידער אַריינפאַלן אונטערן צאַרישן קנוט, יעדנס אויגן זיינען געווען אָנגעשפּיזט העט ווייט פון יענער זייטביימער צו פראַנץ יאָזעפס מדינה. יעדער מיט אַן אַנדער ציטער אָבער מיטן זעלבן פאַרלאַנג צו זיין אויף יענער זייט ביימער. מיטן זון־פאַרגאַנג האָבן זיך באַוויזן פויערים אין דער אַכסניה ווו סאַול איז איינגעשטאַנען, זיך געסודעט מיטן אייגנטימער פון דער אכסניה און געציילט די קעפּ וואָס דאַרפן אַריבערגעפירט ווערן אין זייערע שייערס. אַ יונגערמאַן מיט צעשראָקענע אויגן, אויפן אויסזען אַ פּליט האָט אויסגעקרעכצט: „דאָס זיינען אונדזערע רעטונגס־מלאכים.״ סאַול מיט חוהלען האָבן אָפּגערעדט אַרויסצופאָרן שבת אין דער פרי, דאָס איז דער פּאַסיקסטער טאָג, זיי זאָלן קאָנען אַרויספאָרן אומבאַמערקט; די מענטשן שלאָפן שבת אַ ביסל לענגער, די מענער זיינען אין די שולן, די ווייבער האָבן נאָך פרייטיק פאַרנאַכט טשאָלנט פאַרוקט אויף שבת, אַזוי אַז זיי קאָנען זיך פאַרגינען שלאָפן אַ ביסל לענגען אויפן טאָג.

חוהלע איז אַרויס פון שטוב ווען איר טאַטע רב מנשה איז אַוועק אין שול אַריין. זי האָט אָנגעטאָן איין קלייד אויפן צווייטן, מיט אַ וואַרעמען מאַנטל אויף זיך. חוהלע איז אַרויס אויפן גאַס שטאָלץ און אַנטשלאָסן: נישטאָ קיין צוריקוועג; זי האָט שטיל אין האַרצן געווונטשן טאַטע־מאַמע אַ זיי־געזונט, אַרומגעקוקט דאָס שטעטל ווי זי וואָלט זיך מיט אַלעמען געזעגנט נאָך אין זייער טיפן שלאָף; טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן ווען זי האָט זיך דערמאָנט וועגן דעם שטאַרקן קלאַפּ וואָס אירע עלטערן וועלן ליידן; אָבער בלויז אַ קורצע צייט האָט זי געהאַט דעם געדאַנק, זי האָט זיך געפּרווט טרייסטן: אַלץ וועט פאַרגיטיקט ווערן, אפילו דער חוב וואָס איך האָב ביי זיי אויסגעבאָרגט —

אזוי האָט חוהלע גערעדט אין דער שטיל, גייענדיק צו דער באַן־סטאַנ־ציע: „סאָול איז שוין אַן אויסגעפּאַרעמטער מענטש. גוט, ווי די גוטס־קייט אַליין; אַ שטאָלצער קולטור־מענטש, עס פעלט אים אַ ביסל דער־פאַרונג, אין די יונגע יאָרן פעלט אַלעמען אַ ביסל דערפאַרונג, דאָס לעבן אַליין איז דער בעסטער לערער!" און אַזוי איז חוהלע מיט די געדאַנקען אָנגעקומען קיין נאָוואָסעליעץ ווו סאָול איז געשטאַנען און איר אָפּגעוואַרט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ. מען האָט זיך אָנגעקלאַמערט איינער אָן צווייטן, חוהלע האָט געוויינט פון פרייד און פון צער וואָס אירע עלטערן לעבן איצט איבער אין דעם מאָמענט! זי פילט אַז דער מאַמעס זאָגן גאָט פון אברהם זיינען אויסגעוויקט מיט בלוטיקע טרערן פון איר האַרץ! און אפשר פאַרשילט זי דעם טאָג פון איר געבוירן! דער טאַטע, ווייסט זי איז אַ שטאָלצער, ער וועט זיך נישט אונטערגעבן, ער וועט מיט העלדישקייט אַראָפּשלינגען די ביטערע ליידן; ער וועט אפשר אויך פאַלן אויף אַ גליקלעכן געדאַנק נישט צו ליידן קיין חרפה וואָס זיין חוהלע איז אַוועק מיט אַ שניידער־יונג מיטן פּאָלגע; און אַזאַ געדאַנק איז רב מנשהן ווירקלעך איינגעפאַלן; ער האָט זיך אַ סך געמאַ־טערט — ליגן זאָגן איז דאָך אַ פאַרברעכן, כדי צו ראַטעווען זיין שיי־נעם נאָמען האָט ער געמוזט אָננעמען דעם מיטל. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג אין שטעטל אַז זיינע אַ שוועסטער וואָס וווינט אין אדעס איז געפערלעך קראַנק. אַזוי ווי ער קאָן נישט איבערלאָזן זיינע געשעפטן, האָט ער געשיקט חוהלען; שבת האָט ער באַקומען אַ טעלעגראַמע וועגן דעם אומגליק... די מיידלעך פון שטעטל האָבן געוווסט אַז חוהלע איז אַוועק מיט סאָולן, ווייבערישע לאַנגע צינגער האָבן ליב אַ טאַנץ טון אויף אַ גבירישער חתונה; האָבן זיך אפילו נאָכגעפרעגט ביים בריוו־טרעגער וועלכער האָט זיי פאַרזיכערט אַז דער שניטקרעמער האָט אַזאַ טעלעגראַמע נישט באַקומען; נו איז געווען פריילעך אין שטעטל. רב מנשה האָט זיך אַ לאַנגע צייט אין שטעטל נישט באַוויזן.

חיה־דוואָשע די פליקערין, וואָס זיצט שוין אַ היבש ביסל ווינטערן און פליקט פעדערן פאַר די רייכע באַלעבאָסטעס און אָרעמע כלהס פון שטעטל האָט געוווסט וואָס ביי יענעם אין טעפּל קאָכט זיך. זי איז געווען אין כעס: ווען חוהלע האָט חתונה אין שטעטל, וואָלט זי דאָך ביי רעב מנשהן פאַרדינט שיינע עטלעכע רובל פאַר די פעדערן־פליקן, האָט זי טאַקע געטאַנצט אויף רעב מנשהם פאַרקערטע חתונה; ביז זי האָט פון אים באַקומען אַ שטרענגן באַפעל אַז זי זאָל פאַרמאַכן דאָס מויל; חיה־דוואָשען האָט גענומען קלאַפּן אַ צאָן אין אַ צאָן; אין דער אמתן וואָס איז איר דאגה וואָס ביי יענעם טוט זיך און ווי אַ זאַך מאַכט זיך, אפשר דאַרף מען נאָך צו אים אָנקומען ערב פּסח.

סאָול איז אַריין מיט חוהלען אין אכסניה, די באַלעבאָסטע האָט זיי גאַנץ פיין אויפגענומען „אזא יאָר אויף מיר, וואָס פאַרא שיינע שוועס־טער איר האָט, זי וועט מיט איר שיינקייט נישט פאַרשעמט ווערן פאַר איר ברודער" — זי האָט אַ קוק געטאָן אויף איר היטל בוזעם און איר אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע און מיט אַ שעלמישן שמייכל איר געזאָגט — „גאַנץ פיין אויסגעפּאַשעט — האָט איר כאָטש געלט ביז אַמעריקע?" חוהלע האָט איר שטיל געענטפערט: „מיר וועלן נישט פאַרפאַלן ווערן." די באַלעבאָסטע האָט גלייך אָפּגערופן איר מאַן אָן אַ זייט און אים געזאָגט אויפן אויער: „דו הערסט שמואל חיים, איז דאָס שוועסטער און ברודער, מיר דוכט זיך אַז זיי פאָרן אין דעם גוטן אַרגענטינע... זיינען דאָס צוויי פעטע פּגרים, זאָלסטו זיך נישט לאָזן. שמואל חיים איז געווען אַ ספּעציאַליסט אין זיינע געשעפטן. ער האָט גלייך סאָולן אָפּגערופן אָן אַ זייט: „איר הערט יונגערמאַן, אויב איר ווילט שוואַרצן די גרענעץ ווי ביי זיך אין שטוב, מוזט איר דאָס אי־בערלאָזן ביז מאָרגן ביינאַכט, נישט אויף היינט, ווייל מאָרגן בייט זיך די וואַך פון ביידע זייטן גרענעץ און די זיינען אייגענע מענטשן... איר וועט דורכגיין די גרענעץ ווי אַ שפּאַציר ביי אייך אין שטעטל, זיי נעמען די העלפט פון אַ קאָפּ וואָס איך באַקום, און אויב איר ווילט זיין זיכער איז 200 רובל פון אַ קאָפּ; נישט קיין אַנדערער ווי מיר האָבן נעכטן אָפּגעמאַכט. פאַרשטייט זיך אַ חוץ אכסניה־געלט, וואָס דאָס איז צען רובל פון אַ קאָפּ." סאָול האָט געענטפערט: „איר וועט מיר אַנטשול־דיקן, ליבער ייד, איך וועל זיך דורכריידן מיט מיין שוועסטער." — „אָבער מאַכט דאָס קורץ, קיין סך מענטשן קענען נישט גיין אין איין נאַכט, אַזוי אַז איך זאָל אייך קענען פאַרשרייבן אויף דער מאָרגנדיקער ליסטע".

סאָול האָט דערציילט חוהלען וועגן זיין געשפּרעך מיטן יידן. „סאָול מען מוז מיט דעם יידן גלייך פאַרענדיקן, ווייל מאָרגן קאָן ביי אים ווערן 300 רובל פון אַ קאָפּ — ביי די סוחרים שפּילט נישט קיין ראָליע אַ מענטשנס קאָפּ!" זי האָט איבערגעגעבן סאָולן דריי טויזנט רובל צו באַהאַלטן און דאָס געשעפט איז געשלאָסן געוואָרן. סאָול האָט אים פאַרזיכערט, אַז ער גיט אים אַוועק דאָס לעצטע וואָס זיי פאַרמאָגן. ער האָפט צו באַקומען אַרבעט אין עסטרייך כדי פאַרצוזעצן די רייזע קיין אַמעריקע. שמואל חיים האָט אַראָפּגעלאָזט די פּירהונדערט רובל אין זיין טיפער קעשענע און איז אַוועק פון סאָולן מיט אַ שמייכל.

דער גליקלעכער מאָמענט איז געקומען! מיט גענוג האַרץ־קלאַפּעניש האָט מען די גרענעץ געשוואַרצט און אָט געפינט מען זיך שוין אין דעם

עסטרייכישן שטעטל בראָד. זייער חלום וועט אין קורצן זיין אַ ווירק־לעכקייט! די טויזנטער און טויזנטער מענטשן וועלכע וואַלגערן זיך אויף די גאַסן, וואָס האָבן נישט קיין מיטלען פאַרצוזעצן זייער רייזע צום גליקלעכן ציל, וואַרטן אויף זייער רייע אויפגענומען צו ווערן אין וויל־טעטיקע קאָמיטעטן וועלכע וועלן זיי איבערשיקן צו זייער לעבנס־ציל. זיצן דאָרט ביוראָקראַטישע טשינאָווניקעס מיט שטאָלענע מענקעס און ווייסע הויכע שטייפע קעלנער, מען פרעגט, מען פאַרשרייבט; בלויז גע־ציילטע זיינען די גליקלעכע! טויזנטער וואַלגערן זיך אין די גאַסן ווי די ציגן אין די קליינע שטעטלעך. ביידערנאַכט איז אוממעגלעך דורכ־צוקרייצן די גאַס. צו וועלכן געוועלב מען קומט צו, הערט מען בלויז: „רוסישע שווײַנע, האָט איר קרייצערס קאָנט איר שטילן דעם הונגער!" אָט דאָס בילד האָט געמאַכט אויף חוהלען מיט סאָולן אַ דערשיטערנ־דיקן איינדרוק; זיי וואָלטן אַלע מענטשן געוואָלט העלפן, אָבער וואָס וואָלט דאַן געווען מיט זיי, און מיט וואָס קענען זיי העלפן — בלויז מיט אַ שטיקל ברויט אויף אַ ווײַלע צו שטילן דעם הונגער און דאָך נישט אַלע. זיי האָבן זיך אַזעלכעס נישט געקאָנט דערלויבן. פאַר זיי איז דאָך נישט פאַראַן קיין צוריקוועג, דאָס וואָלט באַטייט אונטערגאַנג פאַר ביידן. צווישן דער גרויסער מענגע מענטשן, וועלכע האָבן בייטאָג אַרומ־געטאָפּטשעט און שעהען לאַנג געשטאַנען לעבן די קאָמיטעטן מיט קלאָ־פּנדיקע הערצער און געשוואָלענע פיס ביינאַכט געקוועטשט זייערע צע־דריקטע גלידער אויפן הארטן ברוק, אָט צווישן דער מענגע אומגליק־לעכע, הילפלאָזע מענטשן, האָט סאָול דערקענט דעם פּליט מיט די צע־שראָקענע אויגן, וואָס האָט אין נאָוואָסעליעץ געוואַרט אויף די גוטע מלאכים, זיי זאָלן אים אַריבערפירן די גרענעץ; זיי האָבן זיך ביידע דער־פרייט מיט אים, כאָטש איינעם פון די פיל אומגליקלעכע קאָן מען מיט עפּעס העלפן. „אַנטשולדיקט" האָט אים סאָול אָפּגעשטעלט — „אַ, יאָ" האָט זיך דער מאַן אָפּגערופן צעטומלט, — „אין נאָוואָסעליעץ אין דער זעלבער אכסניה" — זיינע בלויע פאַרטריקנטע ליפּן האָבן געציטערט פון הונגער; סאָול מיט חוהלען האָבן אים איינגעלאַדן אין אַ בראָדער רעסטאָראַן, ער האָט זיך געווערט, אָבער דער הונגער האָט אַנדערש געטענהט: „קום, פאַרבייג דיין שטאָלץ, קום זעטיק מיך אָן" דאָס עסטריי־כישע גלעזל מעד האָט אים אויפגעפלאַנטערט די צונג מיט גאַנץ קנאַפּע ווערטער: „מיין געבורט־שטאָט איז קעשענעוו, געענדיקט דעם מעדיציני־שן פאַקולטעט" ער האָט זיי אויך געוויזן זיין דיפּלאָם, כדי זיי זאָלן נישט צווייפלען אין דער ריכטיקייט פון זיינע ווערטער — „מיינע אונ־טערוועגס־פריינט, איך בין אַ פּאָליטישער וואַנדערער, ווייטער פאָרזעצן מיין רייזע איז מיר אוממעגלעך — די קאָמיטעטן מאַכן זיך אַ קליינעם וועזן פון אונדזער ליידן; און בעטן איז נישט אין מיין כאַראַקטער —

איך מוז זיך פאַרלאָזן אויף גאָטס באַראָט און צוריקפאָרן; מיך דער־וואַרט סיביר, אָבער איז מיר דאָ בעסער? צו גיין מיט אַן אויסגעשטרעק־טער בעטלערישער האַנט וואָס דאָס דערנידעריקט מיך ביז גאָר."
חווהלען מיט סאָולן האָבן זײַנע אויפריכטיקע ווערטער צעבראָכן, זיי האָבן אים אָנגעבאָטן אַרויסצוהעלפן ביז אַמעריקע. ער האָט אָבער זייער פריינטלעכן אָנבאָט צוריקגעוויזן. זיי האָבן אים איבערצייגט אַז זיי טוען דאָס נישט פון רחמנות, נאָר ווי אַ מענטשלעכן חוב; אין אַמעריקע וועט ער אָנהייבן פאַרדינען און זיי אומקערן דעם הוב; און אַזוי זײַנען זיי געוואָרן גוטע פריינט אויפן גאַנצן לעבן.

— 10 —

אַלע דריי זײַנען אָנגעקומען קיין האַמבורג; דער פּליט האָט געבעטן זײַנע נייע פריינט אים צו רופן ביי זיין רעוואָלוציאָנערן נאָמען, וואָס איז אים אַזוי ליב ווי זיין אייגן לעבן; ווייל אונטער דעם נאָמען האָט ער אויפגעטאָן אַ סך פאַר דער באַפרייונג פון דעם רוסישן פּראָלעטאַ־ריאַט. „אַלעקסאַנדער, אַזוי זאָלט איר מיך שטענדיק רופן." ווען זיי זײַנען געקומען קיין האַמבורג האָבן זיי געמוזט ענדערן זייער מאַרשרוט. אויף צו פאָרן קיין נאָרד־אַמעריקע האָט מען געמוזט לאַנג וואַרטן; די שיפן האָבן נישט געקאָנט אויפנעמען אַזויפיל מענטשן און זיי האָבן דערפאַר באַשלאָסן צו פאָרן קיין אַרגענטינע. אויך אויף די קאַפּ־שיפן איז געווען שווער זיך צו דערוואַרטן, האָבן זיי באַשלאָסן צו פאָרן מיט דער ריזיקער האַלב־פראַכט־שיף „סאַנטאַ העלענאַ", וואָס קיינער האָט נישט געקאָנט ענטפערן באַשטימט ווען זי וועט אָנקומען קיין אַרגענטינע. סאָול האָט איינגעצאָלט פאַר די שיפסקאַרטן און מיט מזל אַרויף אויף דער שיף. זיך איינגעאָרדנט אין איין קאַבין — די צוויי אונטערשטע בעטלעך פאַר חווהלען מיט סאָולן און די אויבערשטע פאַר אַלעקסאַנ־דערן. מען האָט זיי אין האַמבורג באַקאַנט געמאַכט מיט דער ים־קרענק. מען האָט זיך צוגעגרייט זי צו באַקעמפן; זיי האָבן מיטגענומען אַ סלוי מיט געמאַרינירטע הערינג מיט ציבעלעס און זויערע אוגערקעס און נאָך אייניקע האַרבע זאַכן.

די שיף איז אַרויס פון פּאָרט נאָכמיטאָג, צומאָרגנס זײַנען זיי שוין געווען אין אַנטווערפּן, אין דער בעלגישער פּאָרט־שטאָט, וווּ אַלע פּלאַטפאָרמעס זײַנען געווען אָנגעהויפנט מיט שטאַבעס אייזן און שטאָל. דער קאַפּיטאַן האָט געגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע פּאַסאַזשירן זאָלן אַראָפּ־שטייגן פון שיף. זיי האָבן זיך דערוווּסט אַז די שיף דאַרף שטיין עט־לעכע טעג ביז מען וועט אויפלאָדן די אַלע אייזנס און זיי, די פּאַסאַזשירן וועט מען צושטעלן אין די האָטעלן אויף דעם רעכענונג פון דער קאָמ־פּאַניע. די נייעס האָבן די עמיגראַנטן אויפגענומען מיט פּראָטעסטן: „מיר זײַנען נישט געקומען קיין בעלגיע ווי טוריסטן, צו פאַרברענגען

אין די האָטעלן" — אָבער ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. אַלעקסאַנדער איז געוואָרן דער אָנפירער פון דער פּראָטעסט־באַוועגונג. אין דעם זעלבן טאָג האָט מען באַשטימט צו גיין מיט אַ מאַניפעסטאַציע צום רוסישן קאָנסול. ער האָט אויפגענומען אַ דעלעגאַציע פון דריי פּערזאָן, מען האָט פאַר אים אויסגעלייגט די טענות: „די קאָמפּאַניע האָט זיי אָפּגענאַרט, און זיי פאַרלאַנגען, מען זאָל זיי צוריקגעבן דאָס געלט, וואָס זיי האָבן איינגע־צאָלט. דער קאָנסול האָט זיך געשטעלט אין טעלעפאָנישער פאַרבינדונג מיט דער קאָמפּאַניע אין האַמבורג, מען האָט געגעבן אַן אָרדען דעם קאַפּיטאַן אויסצאָלן די פּאַסאַזשירן דאָס געלט נאָך אָראָפּרעכענען די אויסגאַבן ביז אַנטווערפּן. אַכציק פּראָצענט פון די פּאַסאַזשירן זיינען געווען קעגן, ווייל אויף אַזאַ אופן וואָלטן זיי נישט געהאַט קיין געלט ביז אַרגענטינע. אַלעקסאַנדער האָט דאָן באַפוילן אַז די מינדערהייט מוז זיך אונטערוואַרפן דער מערהייט און שלום מאַכן מיטן גורל.

די האָטעלן זיינען געווען באַקוועמע, די מוניציפּאַלע אינספּעקטאָרן האָבן קאָנטראָלירט די מיטאָגן, וואָס מען האָט געגעבן די עמיגראַנטן און געזאָרגט אַז אַלץ זאָל זיין אין בעסטן אָרדענונג; געזאָרגט פאַר דעם אַז צוויי מענטשן זאָלן נישט שלאָפן אין איין בעט. אַלע קינאָס און טעאַטערס זיינען פאַר די עמיגראַנטן געווען אָפן, מען האָט נאָר באַ־דאַרפט ווייזן די שיפסקאַרטע פון דער שיף „סאַנטאַ העלענאַ", און מען איז אַריין אָן בילעטן. אויפן פינפטן טאָג האָט מען גערופן די פּאַסאַזשירן און מען האָט פאַרגעזעצט די רייזע. אין האָלאַנד אין פּאָרט ראָטערדאַם איז שוין אַריבער מיט מער מזל, בלויז איין טאָג געשטאַנען אויפצולאָדן פּאַרטיקע שיך פאַר בראַזיל, אורוגוויי און אַרגענטינע. די פּאַסאַזשירן זיינען געגאַנגען באַקוקן די שטאָט. חווהלע, סאָול און אַלעקסאַנדער האָבן זיך נישט געקאָנט אָנזעטיקן מיט דער שיינער, רייכער פּרעכטיקער שטאָט. אויף יעדן קווארטאַל אַ גאַסן־קערער; ספּעציעלע קעסטלעך פאַר אָפּגערויכערטע סיגאַרעטן, אין יעדן קווארטאַל ספּעציעלע שטיבלעך פאַר מענטשלעכער באַדערפעניש.

דער קאַפּיטאַן האָט פאַרזיכערט אַלעקסאַנדערן, אַז מען וועט זיך אָפּשטעלן אין ווינגאָ אַ שפּאַנישער פּאָרט, ווו מען וועט אויפנעמען דריי הונדערט פּאַסאַזשירן, וועלכע פאָרן יעדעס יאָר אַראָפּנעמען דעם שניט אין אַרגענטינע און פאָרן צוריק. אויפלאָדן אַ פּאָר קאַסטנס סאַרדינען, און אַ פּופציק פעסער ווייַן. די שפּאַנישע פּאַסאַזשירן מוז מען צו יעדן מאָלצייט געבן וויין, וועלן שוין אַלע פּאַסאַזשירן געניסן פון דער פריי־ווילעגיע. אין סאַנטאָס וועט מען אויפלאָדן באַנאַנעס און קאַפע פאַר אורוגוויי און אַרגענטינע. אין אורוגוויי וועט מען זיך אָפּשטעלן אויף צוויי טעג אויסלאָדן די סחורות פון די אַנדערע לענדער. פון אורוגוויי קיין אַרגענטינע איז איין טאָג רייזע. דער קאַפּיטאַן איז געווען פריינטלעך

מיט אַלעקסאַנדערן; ווייסנדיק אַז ער איז אַ דאָקטער האָט ער אים גע־בעטן אַרויסהעלפן דעם שיף־דאָקטער (עס זיינען געווען אויפן שיף 1000 פּאַסאַזשירן); ער האָט פאַרזיכערט אַז די רייזע קיין אַרגענטינע וועט דויערן נאָר 40 טעג.

ווען די שיף האָט זיך דערשלעפּט ביז ווינאַ, האָט דער קאַפּיטאַן באַפוילן אַז קיינער טאָר נישט אַראָפּגיין פון שיף אָן זיין דערלויבעניש. די שיף קאָן אין פּאָרט נישט אַריין, די פּאַסאַזשירן מיט די סחורות וועט מען צושלעפּן מיט קליינע שיפלעך. איינצלנע גליקלעכע זיינען געווען אָנצוקוקן ווינאַ די דריי פריינט חוהלע, סאָול און אַלעקסאַנדער. באַ־צאָלט דריי פּעזעטעס פון אַ מאַן אין אַ קליינעם רודער־שיפל. צוריק זיי־נען זיי געקומען נישט קיין צופרידענע, חוהלע אַ פאַרשעמטע — שמאָלע קויטיקע געסעלעך מיט הויך־שטאָקיקע געביידעס, זעלטן ווען אַ זונען־שטראַל באַווייזט זיך דאָרט, שמאָלע פאַרקראַטעוועטע פענצטער, ווי אין די רוסישע טורמעס. האַלב נאַקעטע יונגע פרויען־קערפּערס האָבן גערעדט צו די פאַרבייגייענדיקע מענטשן מיט די אויגן... חוהלע האָט דאָס באַמערקט און זיך פאַרשעמט, בעטנדיק די מענער צוריקגיין. „דאָס איז די שפּראַך פון דער אָרעמקייט" — האָט אַלעקסאַנדער ווי אויס־דעקלאַמירט — „ווו די פּראָדוקציע איז אַ נישטיקע, די באַפעלקערונג אַ געדיכטע און פאַרשקלאַפטע מוז זיך שאַפן אַזעלכעס; הגם איך בין נישט קיין נאַציאָנאַליסט, פאַרשטיי איך אָבער דעם געשיכטלעכן מאָ־מענט נאָכן קרייצצוג איז אויפגעשפּרונגען... טאָרקוועמאַדאָ און איינ־געפירט די אינקוויזיציע. באַקומט איצט דאָס שפּאַנישע פאָלק דעם פּראָצענט פאַר אונדזערע לײדן!"

די שיף האָט זיך געגרייט אין וועג קיין בראַזיל. אויפן באָרט איז געווען לעבעדיק און פריילעך. אַ רעדל עלטערע שפּאַניאָלן האָבן זיך אויסגעזעצט מיט די פיס אונטער זיך און געשפּילט אַ „סיעטע אי מעדיאָ", אַ טיפּיש שפּאַניאָלישער קאָרטן־שפּיל; יונגוואַרג האָבן גע־שפּילט אויף גיטאַרעס און געטאַנצט אַ שפּאַניאָלישן טאַנץ. איינער אַ יונגער שפּאַניאָל האָט פאַרצויגן אַ פאַרבענקטן ניגון צו זיין מיידל וואָס איז אין דער היים געבליבן. זיין קאָלאָראַטור האָט געצויגן די אויפ־מערקזאַמקייט פון די יידן: ווי אַ חזן וואָלט זיך געגאָרגלט, נאָר מיט אַ פרעמדן לשון. אַלעקסאַנדער איז געווען באַהאַוונט אין דער וועלט־געשיכטע און געפּרוווט אויפקלערן פון וואַנען עס נעמט זיך ביי די שפּאַניאָלן געזאַנגען ענלעכע צו די חזנישע ניגונים: „מיינע פריינט — האָט אַלעקסאַנדער מיט אַ לעקטאָרישן טאָן אויפגעקלערט — אייך איז מסתמא באַוווסט די געשיכטע פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע. אַ סך יידן האָבן נישט געוואָלט גיין אויפן שייטערהויפן וואָס די אינקוויזיציע האָט דאַן איינגעאָרדנט אין דער שפּיץ מיטן טייוול טאָרקוועמאַדאַ. האָבן

זיך אַ סך אָפּגעשמדט און אין דער שטיל געבליבן יידן. זיי האָבן אין די תפילות אויסגעגאָסן דעם צער פון זייערע הערצער! אָט אין די טרויעריקע חזנישע ניגונים. מען רופט זיי מאַראַנען, אַ סך פון זיי האָבן באַצאָלט מיטן לעבן פאַר פאַראַטן דעם קריסטנטום נאָכן שמדן זיך. אַ סך פון זיי זיינען אַוועק אין די אַראַבישע לענדער און קיין פּאַלעסטינע. נאַ אַ גרויסער צאָל שפּאַניאָלן פליסט אין די אָדערן יידיש בלוט" — די יידן וועלכע האָבן אויסגעהערט אַלעקסאַנדערס לעקציע, האָבן געקוקט אויף די שפּאַניאָלן מיט גרויס מיטלייד.

— 11 —

די עלטערע יידן האָבן זיך באַקלאָגט אַז מען גיט זיי נישט קיין כשר פלייש. אין שפּאַניע האָט מען אויפגעלאָדן עטלעכע קי, זיי אַרומגעצוימט אין אַ ווינקל פון דעק מיט אייזערנע שטריק: יעדן טאָג האָט אַ מאַטראָס דערשאָסן אַ קו אויף אַ גאַנץ פּרימיטיוון אופן: צוגעשטעלט צום קאָפּ אַן אויסגעהוילטע רער, אַריינגעלייגט אַ קויל, אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַ האַמער, און די קו האָט זיך אויסגעצויגן. דער יידישער קוכער האָט געהאַט אַ שווער שטיקל אַרבעט, ביז ער האָט זיי איבערגעצייגט אַז די קו איז אַ כשרע: געבעטן דריי פון די עלטסטע יידן, מיט שיינע פּאַטריאַרכאַלע בערד, זיי אַרויפגעפירט אין אונטערשטן קעלער, ווו עס איז געווען די פרירעריי. אויף דער טיר איז געווען אויפגעקלעפּט אַ צעטל: „כשר" און ער האָט זיי פאַרזיכערט אַז דאָס פלייש פירט מען פון האַמבורג פון יידישער שחיטה און די וואָס מען לייגט אַוועק אויפן דעק פון שיף איז פאַר קריסטן; אַזוי אַרום איינגעשטילט די געמיטער. די שיף איז געווען אַ באַוועגלעך שטעטל אויפן וואַסער. יעדן טאָג איז געווען נייס. אויפן דריטן טאָג נאָך וויגאָ האָט אַ פרוי געבוירן אַ קינד: מען האָט דאָס קינד פאַרצייכנט אין שיפּסט־רעגיסטער סאַנטאַ העלענאַ לאָפּעס (דער פאַמיליע־נאָמען פון די עלטערן): דער קאַפּיטאַן איז געווען קוואַטער און געפּראַוועט אַ שטיקל שמחהלע: אויסגעשטעלט לאַנגע טישן אויפן דעק פון שיף, שנאַפּס מיט געוויכערטע פיש האָט נישט געפעלט און דער עולם האָט זיך געלאָזן ווויליגיין.

ווען די דאָקטוירים זיינען געווען פאַרנומען מיט דער געווינעריין, איז אַריינגעלאָפן אַ שיפּס־אָפיציר און געבעטן אַלעקסאַנדערן צו גיין מיט אים צו אַ קראַנקער. זיי זיינען אַריין אין אַן ערשטקלאַסיקער קאַבינע, ווו אַלעקסאַנדער האָט דערזען אַ בילד־שיינע פרוי מיט לאַנגע, צעוואָרפענע בלאָנדע האָר איבערן אייבערשטן טייל קערפּער און שווער געאָטעמט. דער אָפיציר האָט געלאָזן דער קראַנקער מיטן דאָקטאָר אַליין און אים געבעטן נאָך דער אונטערזוכונג אים גלייך מעלדן דעם צו־

שטאנד פון דער קראנקער. ער האט איר געגעבן די נויטיקע איינשפריצונגען און איר געבראכט צו זיך. זי האט אויפגעמאכט צוויי וואונדערשיינע, פארנעפלטע אויגן און זיך געווערט מיט אלע כוחות: „מאמע וואס ווילן זיי פון מיר? פארוואס פייניקן זיי מיך? איך קאן נישט מער מאמע, בעסער דער טויט איידער אזא שאנדע". זי האט געקלאפט דעם דאקטאר מיט אירע פויסטן איבער זיינע הענט. „פריילן, בארואיקט אייך, איך בין דער שיפס־דאקטאר, דער קאפיטאן האט מיך געשיקט צו אייך, דערקלערט מיר וואס איז אייך?" זי האט ווידער אויפגעמאכט די אויגן, דערזעענדיק דעם ווייסן מאנטל, האט זי אנגעכאפט דעם דאקטארס הענט און זיי באדעקט מיט קושן און מיט טרערן אין די אויגן געבעטן: „איר זענט א ייד? ראטעוועט מיך ארויס פון דעם גהינום! ווי גאט איז אייך ליב! מען האט מיך פארנארט און פארפירט." „זייט רואיק פריילן, מען וועט אייך ראטעווען, אייערע פייניקער זיינען ארעסטירט."

אלעקסאנדער האט אפגעהאלטן א לענגערע באראטונג מיט חווהלען און סאולן וועגן דעם גאנצן ענין — „יא איך גלויב איר, אלץ איז געקומען פון הארץ: א שדכן האט אירע עלטערן פארגעשטעלט אן עלעגאנטן יונגנמאן, וועלכער פארמאגט גרויסע געשעפטן אין ארגענטינע. איר גוט אויסגעקליידט, זיך געלאזט קאסטן מיט א ברייטער האנט און מיט מזל א חתן געווארן. דער „חתן" האט נאך באדארפט בלייבן אין ווארשע צוליב געשעפטן... האט מען דערווייל אוועקגעשיקט די כלה מיט זיינער א מומען... איך האב די מיסטעריע אויפגעקלערט דעם קאפיטאן, ער האט מיר א קלאפ געטאן איבער דער פלייצע מיט א שמייכל, באגלייט מיט א טיפן זיפץ: „וואס קאן איך העלפן הער דאקטאר, פאראן נאך געגוג נאיווע מענטשן, וואס לאזן זיך פארפירן, ספעציעל, ארעמע עלטערן. מען דערזעט א פאר דאלער, מיינט מען אז מען איז געראטעוועט פון דער גרויסער נויט. פארשטייט זיך אז זיי מיינען נישט קיין שלעכטס פאר זייערע קינדער. איך פון מיין זייט האב געבעטן דעם קאפיטאן, ער זאל אויסנוצן זיין מאכט און די פארשלייערטע מומע ארעסטירן ביז בוענאס־איירעס און דעם קרבן איבערגעבן אין מיינע הענט. יאוואל, האט דער קאפיטאן טרויעריק געשאקלט מיטן קאפ, מיין הער, איר מוזט אבער פארשטיין, אז דער ווייסער שקלאפן־האנדל איז נאך צום באדויערן אין ארגענטינע א פריי געשעפט און שטארק ארגאניזירט. די אגענטן פון בוענאס־איירעס ווייסן שוין וויפל שטיק „סחורה" עס גייט מיט דער שיף. דעם קרבן קאנט איר ראטעווען, אבער די ארעסטירטע וועל איך אין בוענאס־איירעס מוזן פריילאזן — ער האט מיר געדריקט די האנט און מיר געווונטשן גליק אין מיין ריזיקאלישער ארבעט.

די דריי גוטע פריינט האבן באשלאסן צו נעמען די פריילן אין

זייער געזעלשאַפט. חוהלע האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ שמייכל „אונדזער משפּחה פאַרגרעסערט זיך" און געשיקט אַ ליבן בליק צו אַלעקסאַנדערן. אַלעקסאַנדער האָט פאַרשטאַנען חוהלעס זאָג און געענטפערט מיט אַ שמייכל: „אַלץ קאָן מעגלעך זיין אין לעבן!" דאָס וואונדערשיינע 18־יאָ־ריק מיידל האָט זיך פאַרגעשטעלט ווי מאַריאַ העכשטיין. חוהלע איז צו איר געוואָרן אַ שוועסטער און אונדזער יונגער דאָקטאָר נאָך מער ווי אַ ברודער...

— 12 —

נישט ווייט פון סאַנטאָס איז מאַריאַ געוואָרן אָפּנהאַרציק צו אירע נייע אויפריכטיקע פריינט; ריידנדיק וועגן וועטער, פון דער דושנער אַט־מאָספער, פון דעם צעברויזטן רוישיקן ים, וועגן די רויבפייגל אַרום דער שיף, וועגן די ריזיקע בראַזיליאַנער בערג, וואָס האָבן זיך שוין אָנגעזען פון ווייטן, ווי וואָלקנס אַרום דער זון, האָט זיך פּלוצלינג מאַריאַס שיין, וואונדערבאַר געזיכט ווי פאַרוואָלקנט. אירע שיינע בלויע אויגן האָבן געגלאַנצט פון טרערן, ווי דער ים־שטורעם וואָלט זיך אַריינגעריסן אין איר נשמה! די דריי גוטע פריינט האָבן דאָס באַמערקט; אַלעקסאַנדער איז צוגעשטאַנען צו איר אַז זי זאָל דערקלערן וואָס האָט אויף איר אַ שפּאַר געטאָן אין די אויגן; זי האָט אָנגעשפּאַרט איר שיינעם בלאָנדן קאָפּ אויף חוהלעס אַקסל, זי האָט דערפילט חוהלעס הענט גלעטן איר קאָפּ און זי האָט געפילט ווי איר מאַמע וואָלט געשטאַנען נעבן איר און איר געטרייסט; זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אויסגעווישט די טרערן פון אירע אויגן, זיך אָנגענומען מיט מוט און אויפגעמאַכט איר האַרץ פאַר אירע ערלעכע פריינט:

„מיינע ליבע פריינט" האָט איר קול געציטערט, — „ערשטנס דאַנק איך אונדזער ליבן פריינט דר. אַלעקסאַנדער מיט אייך צוזאַמען. אַ דאַנק אים האָב איך זיך אַרויסגעראַטעוועט פון די נעגל פון אויסוואורפן און מיט דעם אַליין פון אונטערגאַנג; איך וועל אייך ביי אַן אַנדער גע־לעגנהייט דערציילן וועגן אונדזער אָרעם לעבן. מיין טאַטע איז אַ בערשטן־מאַכער — ער אַרבעט אין אַ קעלער פול מיט ווילגאָטש און שפּינוועבס צוועלף און פופצן שעה אין מעת־לעת. ער האָט חלילה נישט געמיינט קיין שלעכטס, ער האָט געמיינט אַז ער פאַרקנסט זיין טאָכטער פאַר אַן אַרגענטינער רייכן מאַן. מיט די עטלעכע דאָלאַרן וואָס ער האָט אים איבערגעלאָזן וועט ער זיך אַ געוויסע צייט קאָנען אויסרוען זיינע אָפּגעשטאַנענע גלידער פון דער שווערער אַרבעט און ראַטעווען זיין קינד פון דער שרעקלעכער אָרעמקייט." זי האָט שווער אָפּגעזיפצט און ווײ־טער געצויגן. חוהלע איז געשטאַנען מיט טרערן אין די אויגן, קיין בליק

פון איר נישט אראפגענומען, די מענער מיט געביילטע פויסטן ווי צוגע־
שמידטע צו זייערע ערטער.

„איר קענט מיינע ליבע פריינט דאס בארשטן־פאך? אונדזער איטשע
מאיר ווייסנבערג וועט נאך דערציילן וועגן דעם שקלאפן־לעבן וואס צווינגט
אמאל די עלטערן שיקן זייערע קינדער נישט וויסנדיק וווהין, מיט וועמען
אבי ראטעווען פון דער אומגליקלעכער ארעמקייט. איצט מיינע ליבע
פריינט, צום הויפטגעדאנק וואס איך וויל אויספירן. ס'איז פיינלעך,
שרעקלעך פיינלעך אויפצודעקן דאס הארץ פאר ערשט באקאנטע פריינט־
לעכע מענטשן! אבער איך מוז דאס טון, מיין ערלעכקייט צווינגט מיך
דערצו; אט דאס אלץ וואס איך טראג אויף זיך און וואס ס'איז פאר־
פאקט אין קופערט מוז צעשטיקלט ווערן אויף די ים־כוואליעס; אט
דאס זייד און סאמעט האט מיר געזאלט ברענגען אומקום; קויפט מיר
דאס ביליקסטע קליידל צו פארדעקן מיין לייב! קיין פאך האב איך נישט
— איך וועל גיין אין בוענאס־איירעס דינען אין א יידישער פאמיליע
און אייך אומקערן אלץ וואס איר האט געטאן פאר מיר, פאר אייער
גרויסן מענטשלעכן טאט; ליידן האט מיך די נויט אויסגעלערנט" זי
האט ווידער אנגעשפארט איר זיידן בלאנדן קאפ אויף חוהלעס אקסל
און זיך ביטער צעוויינט.ביידע פרויען האבן זיך איינגעקלאמערט איינע
אין דער צווייטער און געוויינט; די מענער זיינען געשטאנען מיט גע־
ביילטע פויסטן. אלעקסאנדער האט זיך אנגענומען מיט מוט, צוגעגאנ־
גען צו די ביידע פרויען און זיך אפגערופן:

„מיינע ליבע פריינט, מיט טרערן וועט מען דאס שלעכטס נישט
באקעמפן; מיט קעגנזייטיקער הילף קאן מען אלץ גוט מאכן; ווי מיינט
איר סאול, זאלן מיר אריינגיין אין ערשטן קלאס טרינקען א לחיים פארן
ווייל פון אונדזער נייער פריינדין מאריא?" סאול האט זיך צעלאכט „א
וונדערבארער איינפאל" — חוהלע מיט מאריאן האבן אויסגעווישט
די טרערן און מיטגעלאכט כא־כא־כא — „וואס א דאקטער קאן איינ־
פאלן — זיינע פאציענטן פארבאט ער טרינקען אלקאהאלישע געטראנ־
קען, רויכערן און ער אליין איז א ספעציאליסט אויף די אלע פארבא־
טענע זאכן" אלע פיר זיינען מיט א געלעכטער אריין אין בופעט פון
ערשטן קלאס.

סאול האט באשטעלט ביר און צובייסעכץ — אלעקסאנדער האט
אנגעשפארט זיינע עלנבויגנס אויפן טיש, אריינגענומען זיין קאפ צווישן
ביידע הענט און זיך פארטראכט. סאול האט אנגעגאסן די גלעזער, אנ־
גענומען אלעקסאנדערן פאר א האנט און שמייכלענדיק אים געפרעגט:
„דאקטאר, טראכט איר נישט מיט אייער מעדיצינישער וויסנשאפט וועגן
דעם צי מעגן געזונטע מענטשן טרינקען ביר?" ער האט אויפגעהויבן
דעם קאפ, געווארפן אן ערנסטן בליק צו זיינע פריינט, גענומען דאס

גלאָז אין האַנט און זיך אויפגעשטעלט; מיט אַ ציטערדיקער האַנט גע־
הויבן אַ טאָסט און נאָך מיט מער ציטערנדיקע שטימע גערעדט צו זײַנע
פרײַנט: „מײַנע פרײַנט, נאָכדעם ווי מאַריאַ האָט אויפגעריגלט פאַר
אונדז איר האַרץ און נשמה, וועט איר מיר דערלויבן אויפצומאַכן פאַר
אײַך מײַן האַרץ, נישט ווי אַ דאָקטער נאָר ווי אַ מאַן וואָס איז פאַר־
שיכורט פון אויפריכטיקער ליבע! מאַריאַ דערלויבט מיר אײַער האַנט!
— דאָס גאַנצע לעבן איז אַ געראַנגל פון סורפּריזן; מײַנע טײַערע ליבע
פרײַנט חוהלע און סאַול האָבן מיך געראַטעוועט פון אונטערגאַנג! דער
צופאַל האָט געוואָלט און איך האָב אײַך געראַטעוועט פון אונטערגאַנג;
דאָס איז אַזאַ פּסיכאָלאָגישער שטריך — דער קרבן און דער רעטער
בלײַבן אײביק פרײַנט! איך מאַריאַ גיב אײַך די ברכה פון מײַן פאַר־
בענקטער מאַמען, די ברכה פון אײַער טאַטן און מאַמען און איצט
מאַריאַ האָט איר אַ פרײַ וואָרט, קיינער וועט אויף אײַך גאָרנישט אַרויפ־
צווינגען."

מאַריאַ האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט טרערן אין אירע אויגן
אָנגענומען חוהלען מיט סאַולן בײַ די הענט — „מײַנע ליבע רעטער,
זאָגט אונדז מזל־טוב" זי איז געפאַלן מיט איר שײַנעם בלאָנדן קאָפּ
אַלעקסאַנדערן אויפן אַקסל, געלאַכט און געוויינט פון דעם גרויסן גליק,
וואָס איז געקומען אַזוי אומגעריכט. חוהלע מיט סאַולן האָבן זיך אויך
געווישט די טרערן פון די אויגן און זיי געווינטשן מזל־טוב. פון פיר
לעבנס האָט אַרויסגעזונגען ליבע, פרייד, האָפענונג באַגלײַט מיט פרײַ־
דיקע טרערן. אַלעקסאַנדער האָט מיט פרייד אויסגערופן: „אין בוענאָס־
אײַרעס, וועלן מיר אין איין נאַכט פראַווען אונדזערע בײדנס חתונהס —
פיר אויפגעריכטע מענטשן, וואָס וועלן צוזאַמען פאָרזעצן די קולטור
און באַפרײַונגס־אַרבעט פאַר אַלע מענטשן פון דער וועלט."

די שיף איז אַרײַן אין סאַנטאָסער פאָרט — אַ קליין שטעטל אָנגע־
שפּאַרט אָן ריזיקע בערג. אין געדרענג פון די שוואַרצהויטיקע טרע־
גערס, וואָס האָבן אָנגעלאָדן די שיפן מיט קאַפע און באַנאַנעס האָט
מען זיך קוים געקאָנט דורכשפּאַרן צו אַ קאַפע־טישל נעבן פאָרט. אַלע
פיר האָבן געהאַט רחמנות אויף די שוואַרצע וואָס פירן אויס אַזאַ
שווערע אַרבעט; זיי זײַנען געוועזן אויסגעווייקט פון שווייס, ווי ערשט
פון ים אַרויס. זי וואַרפן ווערטלעך אויף זייער פאָרטוגעזיש לשון;
צופרידענע, פלעגן זיי באַווײַזן זייערע ווײַסע שנירלעך ציין מיט געזונטע
פרײלעכע געלעכטערס. אַלע פיר האָבן הנאה געהאַט פון די טעפּעלעך
געשמאַקע בראַזיליאַנער קאַווע. אַן עלטערע פרוי מיט אַ קליין יינגעלע

האָבן געשטעלט די האַנט צווישן די געסט און ווען זיי האָבן זיך דער־שטופּט צום טיש ווי די גליקלעכע 4 זיינען געזעסן, האָט זי, די אַל־טיטשקע אינסטינקטיוו דערפילט אַז דאָ זיינען יידן; זי האָט אויפגעצי־טערט און מיט איר אַלטן קול געפרעגט: „אַ ייד? אַ ייד?" זי האָט אַרויסגענומען פון קינדס בוזימל אַ זילבערנעם מעדאַליאָנטשיק עם אויפ־געמאַכט און באַוויזן אַ קליין איינגעפאַסט בילד פון משה רבינו. זי האָט געקושט דאָס בילד און גערופן: „מויס, מויס"; אָנווייזנדיק אויף זיך מיט דער האַנט, האָט זי איבערגעחזרט: „ייד, ייד"; אַלע האָבן זיך צוגע־קוקט צו דער אַלטיטשקער און אַלעקסאַנדער האָט געזאָגט: „איר געדענקט, מיינע פריינט, ווען די שפּאַניער זיינען אַרויף אויפן שיף האָב איך אייך דערמאָנט, אַביסל געשיכטע וועגן די מאַראַנען. די געשיכטע קאָן מען פאַרקריפּלען אָבער נישט אָפּווישן! אָט שטייט פאַר אונדז אַ לעבעדיקער עקזעמפּלאַר פון יענער עפּאָכע, ווען זיי אורעלטערן האָבן דורכגעמאַכט די גרעסטע מענטשלעכע ליידן בכדי צו קאָנען פאַרבלייבן יידן." חוהלע האָט געגעבן דער אַלטיטשקער אַ גאָלדן שטיק, די אַל־טיטשקע האָט אָנגעכאַפּט איר האַנט און באַדעקט מיט קושן; ביים אוועקגיין שטיל זיך געזעגנט: שלום, שלום און זיך שטיל אַרומגעקוקט אַז די קריסטן זאָלן נישט באַמערקן דעם באַהאַלטענעם יידן אין איר.

מיטן זון־אונטערגאַנג זיינען שוין אַלע פּאַסאַזשירן געווען אויפן שיף און באַוואונדערט די בערג, ווען די באַן האָט זיך געדרייט אויף זייער רוקן מיט דער הילף פון אייזערנע קייטן, אין דער ריכטונג קיין סאַן־פּאַולאָ. אַלעקסאַנדער האָט זיך געוויצלט: „די באַן אין בראַזיל גייט אויף שטריק ווי די אַקראָבאַטן אין צירק. מען האָט אים באַדאַרפט רופן צירקוס־באַן" — נאָך אָונטבריט זיינען אַלע פיר אַרוים אויפן דעק פון שיף, זיך אַביסל אָפּפרישן פון לייכטן ווינטל וואָס די נאַכט האָט געבראַכט. מאַריאַ האָט געטראָגן אַ קליינעם קופערט אין האַנט, זיך צוגעהערט צום גערויש פון די כוואַליעס, ווי זיי וואָלטן אויסגעקלאַפּט זייערע אינערלעכע סודות אין די ווענט פון דער שיף; ביים עק פון שיף איז געזעסן אַ מאַטראָס אויף זיין וואַכפּאָסטן; געצויגן אַ פאַר־בענקטן ניגון צו זיין „מעדכען", וואָס וואַרט אויף זיין צוריקקער; מאַריאַ האָט איבערגעריסן די שטילקייט און ווי אַ טריאַ־מאַרש אויסגערופן: „זאָל לעבן, אַלעקסאַנדער דאָס גליק... וואָס האָט מיך געזאָלט אומברענ־גען מוז פאַרניכטעט ווערן" און דעם קופערט מיט די קליידער אַריינגע־וואָרפן אין ים אַריין. אַלעקסאַנדער האָט איר אַריינגענומען אין זיינע אָרעמס, איר געדריקט און געקושט און געמורמלט אין דער שטיל: „איך, מאַריאַ, האָב דיך געראַטעוועט"; זיי האָבן אויפגעכאַפּט דעם פאַרבענקטן ניגון פון מאַטראָס, ווי ער וואָלט פאַר זיי אויפגעריגלט אַלע טויערן פון בענקשאַפט פאַר זייער צוקונפט. חוהלע מיט סאָולן האָבן זיי אויפגע־

וועקט פון זייערע זיסע חלומות — „יאַטן! דער ווינט בלאָזט מיט ים־קעלט, איר זענט טאַקע אַ דאָקטאָר, נאָר מען קאָן כאַפּן אַזאַ פאַרקילונג אַז קיין טאַטע, זאָל אויך נישט העלפן״...

דאָס שטעטל איז געגאַנגען ווי אויף רעדלעך; חוהלעס מאַמע איז קראַנק געוואָרן פון פאַרצווייפלטער בענקשאַפט נאָך איר איינציקער טאָכטער; רב מנשה איז אַרומגעגאַנגען אַ דערשלאָגענער, פאַרנאַכלעסיקט זיינע געשעפטן; סאָולס מומע איז געגאַנגען ווי אַ פאַרשעמטע; דאָס שטעטל איז מיד געוואָרן פון רכילות־טרייבעריי, די חברים פון דער ביבליאָטעק זיינען זיי מקנא געווען, וואָס זיי האָבן זיך אַרויסגעריסן אין דער ברייטער וועלט אַריין; שיינדל די נגידתטע, חוהלעס מאַמע האָט אויסגעוויינט אירע אויגן אויף אַ בריוול; זאָל זי כאָטש וויסן אַז זי לעבט און זיך דערשלאָגן ערגעץ צו אַן אָרט, וואָלט איר אפשר לייכטער געוואָרן אָבער טאָמער חלילה, די שעה זאָל נישט זיין... האָט זיך שיינדל פאַרשטעלט דאָס מויל מיט דער האַנט און בלויז געטראַכט צי גאָר זיך שבעה זעצן... ווען רב מנשה איז געקומען פון זיין געשעפט האָט ער זיין פרוי שיינדלען געטראָפן אין חלשות; ער האָט איר איינגעריבן די שלייפן מיט נייַנציקער, איר געגעבן שמעקן טראָפּנס, איר צוגעפירט צום בעט און גוט איינגעדעקט; אַרומגעקוקט זיך אין שטוב, אפשר איז געקומען עפּעס אַ בריוועלע פון חוהלען; אַ קללה האָט זיך געוואָלט אַרויסרייסן פון זיין מויל, ער האָט זיך אָבער פאַרהאַלטן „מען טאָר נישט, מען טאָר נישט״ האָט ער גערעדט צו זיך אַליין אַרומשפּרייזנדיק איבערן צימער הין און צוריק. שיינדלען האָט ער נישט געוואָלט איבערפרעגן, בכדי נישט צו עפענען איר ווונד אין האַרץ „איך בין אַ מאַן מיר איז לייכטער אַדורכצוטראָגן — פון איר איז אַ שאָטן געבליבן!״ און דערביי אַ קוק געטאָן אין שפּיגל און באַמערקט ווי אַ שניי האָט זיך אויסגעשאָטן אויף זיין סאַמעט־שוואַרצער באָרד פאַר דער קורצער צייט.

— 14 —

אויפן פערטן טאָג נאָך סאַנטאָס האָט זיך די שיף אָפּגעשטעלט און זיך פאַראַנקערט אין מאָנטעווידעאָ אויף צוויי מעת־לעת; מען האָט אויסגעלאָדן די סחורה פאַר אורוגוויי. חוהלע מיט סאָולן האָבן באַשלאָסן צו שיקן בריוו צו אירע עלטערן. אַלע 4 גוטע פריינט זיינען אַראָפּ אין שטאָט און געזוכט שילדן וואָס זאָלן שמעקן מיט יידישקייט און אַזוי גייענדיק מיט אָנגעשפּיזטע בליקן האָבן זיי באַמערקט אַ ווייס שילדל מיט פעטן יידישן שריפט — דאָס איז געווען אַ יידישע כשרע יאַטקע; סאָול מיט אַלעקסאַנדערן זיינען אַריין אין געוועלב; דער קצב איז געשטאַנען מיט פאַרקאַשערטע אַרבל, מיטן מעסער אין האַנט און

געווארט אויף קונים — מיט דער צווייטער האנט זיך געגלעט דאָס אָפּ־געשווירענע בלאָנד בערדל. „וואָס פארלאנגט איר סעניאָרעס?" אלעק־סאנדער האָט אים געפרעגט ווו געפינט זיך דאָ א יידישער רעסטאָראַן. דער קצב האָט אוועקגעלייגט דאָס מעסער זיך א וויש געטאָן די הענט אין ווייסן פארטוך און זיי אויסגעשטרעקט צו די געקומענע: „שלום־עליכם אייך יידן גרינע; איצט אָנגעקומען מיטן שיף? איך האָב טאַקע א געל בערדל, אָבער אליין בין איך נאָך אויך א גרינער, נישט לאנג אין לאנד. איר פאָר מסתמא קיין בוענאָס־איירעס. אויב עס פאָרן מיט אייך יונגע ווייבלעך, אָדער שוועסטער, זאָלט איר זיי היטן ווי די אויגן אין קאָפּ! אָט דאָרט אויף דעם צווייטן קווארטאל איז דאָ א יידישער רעס־טאָראַן, זיי קויפן ביי מיר כשר פלייש." די מענער האָבן אים באדאנקט, ארוים אויפן גאַס, געגומען די פרויען אונטער די אָרעמס און אריין אין רעסטאָראַן.

א קעלנער האָט אָפּגערוקט די שטולן, זיי געמאַכט באַקוועם ארום טיש און דערלאנגט א ליסטע אויף יידיש און שפּאַניש און פאָרגעלייגט פאָרשפּייזן, געהאַקטע לעבער מיט ציבעלעס, מארינירטע הערינג און געפילטע פיש מיט כריין; פון קיך א קארטאָפל זופּ, א קעלבערנער בראטן מיט קאַשע און צינגלעך מיט קארטאָפל. זיי האָבן אָפּגעגעסן א געשמאַקן יידישן מיטאָג, וואָס זיי האָבן שוין לאנג אזעלכעס נישט געזען, סאָול האָט דאַן געבעטן ביים קעלנער טינט און פּאַפּיר. מאריא האָט אויפגע־הויבן אירע אויגן צו אלעקסאנדערן ווי איינער רעדט „וואָס וועלן מיר שרייבן?" אלעקסאנדער האָט פארשטאַנען איר בליק און כדי איר נישט וויי טון האָט ער קורץ געזאָגט: „אונדזערע פריינט מוזן שרייבן כדי צו באַרואיקן זייערע עלטערן, דיינע עלטערן, מיין ליבע, ווייסן אַז דו ביזט אין זיכערע הענט... ווען מיר וועלן שוין זיין אין אַרגענטינע וועלן מיר זיי אויסשרייבן דעם גאַנצן אמת. ווען איך וועל באַקומען דעם אַרגענטינער דיפּלאָם ווי א דאָקטאָר, ליגט אויף אונדז דער מאָ־ראַלישער חוב אריבערצוברענגען דיינע עלטערן צו אונדז." מאריא האָט אָנגעשפּאַרט איר שיינעם בלאָנדן קאָפּ אויף אלעקסאנדערס אַקסל און געוויינט פון פרייד; שטיל ווי א טויב געמורמלט: „מיין ליבער אלעק־סאַנדער, גאָט אליין האָט דיך געבראַכט אונדז צו ראַטעווען!" חווהלע האָט איבערגעלייענט דעם בריוו מיט א ציטערדיק קול; גרויסע קיילעכ־דיקע טרערן ווי האָגל האָבן זיך געקייקלט איבער איר געזיכט:

„ליבע טייערע טאַטע און מאַמע! איך בין געזונט און שטאַרק, אָבער מיין הארץ ווייטיקט מיר שטאַרק פאַר אייך! מיינע טייערע איך האָב געמוזט אַזוי האַנדלען, איך ווייס אַז איר פאַרשטייט מיך נישט, לויט אייערע באַגריפן וואָלט איך באַדאַרפט א גאַנץ לעבן ליידן. איך ווייס מיינע טייערע אַז איר ליידט שטאַרק, אפשר וועט אייך דער בריוו

פאַרלייכטערן אייער געמיט; זאָל אונדז גאָט באַגליקן אַז מיר זאָלן זיין צוזאַמען אין אַרגענטינע; זייט רואיק מיינע ליבע, סאָול איז צו מיר ווי אַ ברודער; ווען מיר וועלן קומען קיין בוענאָס־איירעס וועלן מיר חתונה האָבן; זייט רואיק און געשטאַרקט מיינע ליבע, איך פיל אַז אַלץ וועט נאָך פאַרגיטיקט ווערן; איך און סאָול גריסן אייך האַרציק.״ ווען חוהלע האָט געענדיקט לייענען דעם בריוו, האָבן ביידע פרויען זיך גע־ווישט די אויגן; מאַריאַ האָט אָנגעשפּאַרט איר זייד־בלאָנדן קאָפּ אויף אַלעקסאַנדערן און שטיל אים געזאָגט: „ווי דערלעב איך שוין צו שרייבן אַ בריוו צו מיינע עלטערן!״ אַלעקסאַנדער האָט איר אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ: „צו אַלץ מיין ליבע קומט אַ צייט״ און איר אַ קוש געטאָן אין אירע פאַרוויינטע אויגן.

סאָול האָט געבעטן ביי חוהלען זי זאָל אים דערלויבן צוצושרייבן צו איר בריוו, חוהלע האָט אים דערלאַנגט דאָס פּאַפּיר און אָנשפּאַרנדיק איר קאָפּ אויף זיין אַקסל אים געזאָגט: „יאָ סאָול, דו דאַרפסט זיי אויך באַרואיקן.״ סאָול, האָט איר איבערגעלייענט דאָס אָנגעשריבענע: „טייע־רע פריינט רב מנשה און פרוי! איך נעמט זיך דעם כבוד אייך צו שרייבן, אַז איך בין אַ געטרייער שומר פון אייער חוהלען; איך היט איר אָפּ ווי דאָס אויג אין קאָפּ! איר מעגט זיכער זיין אַז זי איז נאָך אַן ערלעך ייִדיש מיידל; מיר האָבן אַנדערש נישט געקאָנט האַנדלען צוליב אייער יחוס; איך בין דאָך אַן אָרעם שניידער־ייִנגל, נאָר גלויבט מיר אַז מיין נשמה איז אַזוי שיין און ריין ווי ביי אַ מענטשן פון גרויסן יחוס; אַלס ערלעכער ייִד, מוזט איר אָנערקענען רב מנשה, אַז אַן גאָטס ווילן טוט זיך גאָרנישט. אפשר איז נאָך אונדזער איצטיקער שריט אַ רעטונג פאַר אייך: וואָס קאָנען ייִדן דאָרט דערוואַרטן? נאָך אַ כוליגאַנישן אָנפאַל, נאָך אַ פּאָגראָם; דער ייִד פילט זיך דאָרט ווי אַ געשלאָגענער הונט; ווען מיר וועלן זיך באַזעצן אין בוענאָס־איירעס, וועלן מיר אייך שרייבן אויספירלעך; נעמט אָן מיין ראַט ווי פון אַן אייגן קינד: ליקווידירט אייערע געשעפטן און זאָלן מיר לעבן צוזאַמען מיט ליבע און צופרידנ־קייט! זייט האַרציק געגריסט; אייער סאָול.״ חוהלע האָט זיך געטוליעט אין אים ווי אַ קינד צו אַ מוטער און אים באַדעקט מיט קושן, מאַריאַ מיט אַלעקסאַנדערן האָבן אַפּלאָדירט.

די שיף האָט אַביסל פאַרשפּעטיקט און אַרויסגעפאָרן פון מאָנטע־ווידעאָ נאָך מיטאָג. די פּאַסאַזשירן האָבן געמוזט איבערנעכטיקן אויף דער שיף אין בוענאָס־איירעסער פּאָרט. די לעצטע נאַכט איז געווען אַן אומרואיקע, ווייל זיי האָבן נישט געוווסט וואָס זיי דערוואַרט. זעקס אין דער פרי האָבן קייטן גענומען גרילצן, שטאַרקע טרעגער־הענט האָבן זיך גענומען אויסלאָדן די סחורה פון שיף, אַ מענגע מענטשן זיינען גע־שטאַנען פון יענער זייט טויער און געפּאָכעט מיט די ווייסע טיכלעך;

צווישן זיי אַ סך משפּחות וואָס זיינען געקומען טרעפן זייערע קרובים; באַלעבאַטים פון וואַרשטאַטן פון פאַרשיידענע פאַכן האָבן געזוכט צווישן די גרינגע אַרבעטער פאַר זייערע וואַרשטאַטלעך; ביז די מענטשן זיינען אַראָפּ פון שיף, האָבן זיי געוואָרפן פרוכטן אויפן דעק, שפּאַנישע קינדער האָבן אונטערשטעלנדיק די הענט געכאַפּט די נאַשעריי.

הענט האָבן זיך געפלאָכטן איבער אַקסלען, קושן האָבן זיך געוואַלגערט אויפן האַרטן ברוק צוזאַמען מיט פריידיק געוויין און געלעכטערס; די פיר גוטע פריינט זיינען געשטאַנען ווי יתומים און מקנא געווען די מענטשן וואָס האָבן ווער עס זאָל זיי באַגעגענען, אָנווייזן די ערשטע טריט אין אַ פרעמד לאַנד און זיי דערפרייען מיט זייער וואַרעמקייט. ווען זיי זיינען אַרויס פון יענער זייט טויער האָבן זיך עטלעכע יידן צוגעשאַרט צו זיי: „ווער פון אייך איז אַ סטאָליאַר, ווער אַ שניידער, ווער אַ בלעכער — קומט מיר וועלן אייך געבן אַרבעט." סאַול האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי אַ דאַמען־שניידער. „נו, און איר?" האָט אַ צווייטער ייד געפרעגט אַלעקסאַנדערן; „איך בין אַ דאָקטאָר", „אפשר אַ דאַמען־דאָקטאָר" האָט זיך דער ייד צעלאַכט. סאַול האָט וויציק אַ פרעג געטאָן: „זאָגט נאָר רב ייד, אין אַרגענטינע טוט מען אויך אָן קאַלאָשן אויף פערדס קאָפּיטעס" „אָ, אָ, איר ווייסט די געשיכטע פון מיין פעטער דעם ליטוואַק, אויב אַזוי זענט איר אַ גוטער שניידער איר וועט שוין אין אַרגענטינע נישט פאַרפאַלן ווערן; דער פּאָדים וועט אייך שוין נאָכגיין אויף יעדן שריט און טריט; איך זע דאָך אַז איר וועט זיך נישט צעשיידן, קומט זשע אַלע פיר צו מיר, דאָרט וועלן מיר שוין זען, צווישן יידן ווערט מען נישט פאַרפאַלן."

דער ייד האָט פאַרנומען אַ שטוב מיט עטלעכע צימערן; ער האָט אָפּגעגעבן צוויי צימערן פאַר די צוויי פּאָרלעך, ביז אַלעקסאַנדער וועט באַקומען באַשעפטיקונג. קיין סך צייט איז נישט אַוועק: אַלעקסאַנדער האָט געהאַט אַ רעקאָמענדאַציע פון קאַפּיטאַן מיט אַן אונטערשריפט פון שיפס־דאָקטאָר ווי אַ דאָקטאָר אינטערנאָ אין יידישן שפּיטאָל, ביז ער וועט באַקומען דעם אַרגענטינער דיפּלאָם. דאָס איז געווען די באַלוינונג פאַר זיין מיטאַרבעט אויף דער שיף, וואָס האָט אים גראַטעוועט זיין מאַטעריעלע לאַגע. מען האָט זיך אַביסל אויסגעגרינט, מען איז געוואָרן אַרגענטינער בירגער, אַרויסגענומען ביכלעך און געוואָרן געזעצלעכע מאַן און פרוי.

ווען רב מנשה האָט באַקומען דעם בריוו פון זיין בת־יחידה איז ער מיט זיין פרוי געוואָרן אַנדערע מענטשן. פון גרויס פרייד איז חוהלעס מאַמע פאַלן אין חלשות, דאָס מאָל האָט מען געמוזט רופן אַ דאָקטער. אַזוי האָט זיך דאָס שטעטל דערוווּסט פון די נייעס און נייע רכילות טרייבעריי האָט זיך אָנגעהויבן. חיה לאה די פליקערן האָט איצט געהאַט

אַ שיין שטיקל אַרבעט, אומגעגאַנגען פון שטוב צו שטוב, דעם קאָפּ באַדעקט מיט דינע פּאָכקע פעדערן, ווי אַ ווייסער שניי וואָלט באַדעקט אירע האָר; „אָ, אָ, וואָס האָב איך אייך געזאָגט — נישט צו האָבן דעם ממזר דאָ איז זי אַוועק מיטן שניידער־יונג אויף יענער זייט סמבטיון; ער מעג זיך איבערנעמען, דער שיינער ייד מיט זיין בת־יחידה! זעט איר אויף איר איז נעבעך אַ רחמנות, אַ מאַמע איז נישט קיין טאַטע, זי גייט נעבעך אוים ווי אַ ליכט פון טאָג צו טאָג, נאָר איין גאָט זאָל איר העלפן; און ווייטער וואָס קאָן מען וויסן, אפשר איז אויך ביי איר געווען פאַר דער צייט... מיט וואָס דער טאָפּ ווערט אָנגעברענט, מיט דאָס שמעקט ער... ס'איז טאַקע ווי מען זאָגט: דאָס עפּעלע פאַלט נישט וויט פון בוים."

רב מנשה איז אַרומגעגאַנגען איבערן שטוב ווי אַ צעטומלטער; שווערע גדאַנקען האָבן זיך געפלאָנטערט אין זיין מוח; ער האָט זיך קיין עצה נישט געקאָנט געבן און וועגן אַזעלכע שווערע זאַכן פרעגט מען ביי קיינעם: עס וואָלט דאָך אויסגעקומען, אַז ער מנשה פאַרשטייט שוין אַליין גאָרנישט. ער מוז אָנקומען צו חיה לאה דער פליקערן, זי זאָל אים געבן אַן עצה; אים האָט ווי געטאָן די חוצפה פון דעם שניי־דער־יונג! ער גיט אים עצות וואָס צו טאָן מיט זיינע געשעפטן! ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, זיך אַריינגעזעצט אין אַ שטול, אַריינגענומען די שפּיץ באָרד אין מויל אַריין און זיך פאַרטראַכט. די גדאַנקען האָבן זיך אים אָפּגעשטעלט, ווי אַ שווערער שטיין וואָלט געלעגן אויף זיי; ער איז אַ ווילע איינגעשלאָפן. זיין ווייב איז אַראָפּ פון קראַנקן־בעט און זיך שטיל ביי אים געפרעגט: „מנשה, דו שלאָפסט"? — ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיך געריבן די אויגן מיטביידע הענט: „איך וויים נישט שרה שיינדל, דער קאָפּ איז ווי נישט מיינער, ווי אַ קלאָץ וואָלט מיר געלעגן אויפן אַקסל" — „באַרואיק זיך, באַרואיק זיך, מנשה, מען דאַרף טאַקע אַ טראַכט טאָן וועגן דעם וואָס די קינדער שרייבן אונדז." מנשה האָט זיך צעבייזערט: „וויפל קינדער האָבן מיר? שוין מאָרגן איז אַ פּאָגראָם און מען וועט שוין אַלץ צערויבן און מיר ליגן שוין ווי הינט אויפן גאַס! ער, דער פאַלגע איז געוואָרן אַ גאַנצער זנאַכער! ער קומט מיר זאָגן נביאות — נו, נעם זעץ דיך אַוועק און ניי אַ טאָרבע פאַר אונדז!" — „באַרואיק דיך מנשה, מען מוז זיך גוט איבערלייגן, אַמאָל איז ביי אַ נאַר די נבואה." רב מנשה האָט אַ סך נאָכגעטראַכט און ענדלעך זיך באַרואיק — „נישט אַזוי שנעל, שרה שיינדל, טוט זיך ווי עס רעדט זיך, מיר וועלן וואַרטן אויף אַ צווייטן בריוו; לאָמיר וויסן ווי אַזוי זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט; די היידאַמאַקעס שטייען נאָך נישט מיט די לאָמעס איבער די קעפּ."

סאָול איז געגאַנגען אין אַ באַנאַכטיקער אַקאַדעמיע און איז גע־

וואָרן אַ ספּעציאַליסט אַ צושניידער; ער איז אַריין אַרבעטן אין אַ גרויסן געשעפט מיט אַ פיינעם חודשלעכן געהאַלט, און זיך שוין געקאָנט פאַרגינען אָפּצוגעבן זיך מיט קולטור־אַרבעט. די באַלעבאַטים ביי וועלכע ער האָט געאַרבעט זיינען געווען אַנטציקט פון אים, נישט נאָר פון זיין ספּעציאַליטעט אין דער אַרבעט, נאָר פון זיין פּערזאָן. זיין מאַיעסטעטישע פיגור האָט אַלעמען פאַרכשופט. די רייכע דאַמען פלעגן בעטן דעם בערענטע פון געשעפט, מען זאָל שיקן דעם צושניידער צו זיי אין שטוב, אַראָפּנעמען די מאָס און אויך ער זאָל קומען מעסטן... דאָס געשעפט האָט נישט געהאַט אַזויפיל הענט, וויפל אַרבעט זיי האָבן געהאַט און סאול האָט געפילט אַז די מזל־ברכה האָט ער אַריינגעבראַכט אין געשעפט און ער האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן אַ תכלית פאַר זיך. ער האָט איינגעלאַדן אַלעקסאַנדערן מיט מאַריאַן איינמאָל אַ זונטיק צו זיך אויף מיטאָג און זיך בּאַראַטן מיט זיינע פריינט וועגן אַ פּלאַן וואָס ער האָט פאַרטראַכט.

דער געדאַנק האָט אים נישט אָפּגעלאָזט, אין אַ קורצער צייט האָט ער באַוויזן צו קויפן די שטוב ווו זיי האָבן געוווינט און געהאַט אַ גענוגנדיקן סטאָק סחורה פאַרצוזעצן די אַרבעט און דאַן האָט ער געשיקט רב מנשהן אַ לאַנגן און דערפרייענדיקן בריוו.

רב מנשה האָט זיך געריבן די הענט פון נחת — „איצט זע איך אַז ער איז טאַקע אַ מענטש.” — „אויף זיין ערשטן בריוו האָב איך נישט געקאָנט שטעלן, עס איז געווען נישט צום צעקייען און נישט צום אַראָפּשלינגען; יאָ, שרה שיינדל, מען מוז אַלץ פאַרקויפן און זיך גרייטן אין וועג אַריין; דאָס קליינוואַרג איז אַוועק, די אַלטע דאַרפן נאָכלויפן.”

די פיר גוטע פריינט האָבן געשאַפן אַן אומפּאַרטייאישע גרופּע צו גרינדן אַ יידישע ביבליאָטעק. מאַטעריעל איז מען געווען פאַרזאָרגט, האָט זיך געבענקט נאָך געזעלשאַפט, נאָך קולטור־אַרבעט — „מען מוז פאָרזעצן דאָס וואָס מיר האָבן אָנגעפאַנגען אין קליינעם שטעטל” — האָט זיך סאול געהיצט — „דאָס יידישע לעבן איז נאָך דאָ רוי, די יוגנט מוז האָבן אַ קולטור־ווינקל ווו זיך אויסצולעבן. דריי פּאָליטישע פּאַרטייען וועלן אונדז מיטהעלפן: די פּועלי־ציון, די בונדיסטן און די אַנאַרכיסטישע גרופּע; יאָ, יאָ, שרעקט זיך נישט פאַר זיי, בכדי צו זיין אַ גוטער פּאָליטישער פירער מוז מען זיין קולטורעל צוגעגרייט.” — אַלעקסאַנדער האָט פאַרגעלייגט איינצולאַדן דעלעגאַטן פון די דריי גרופּעס אויסצוהערן זייער מיינונג — „איך וועל זיך אָנבאָטן צו געבן אומזיסטע מעדיצינישע הילף פאַר אַלע מיטגלידער פון דער ביבליאָטעק” — סאול האָט זיך ערשט צעוואַרעמט: „איך וועל דינגען אַ שטוב און די ערשטע טויזנט ביכער קויפן” — ביידע פרויען זיינען געווען באַגייסטערט פון דער אונטערנעמונג — „און מיר וועלן זיין די ביבליאָטעקאַר־

שעס, אַ יאָ, מאַריאַ? ביז ס׳וועלן זיך געפינען פּעיקע מענטשן איבער־צונעמען די אַרבעט" — סאַול איז געווען זייער באַגייסטערט, איין גע־דאַנק איז ביי אים אויפגעשווומען נאָכן אַנדערן: — „און מיר אַלעק־סאַנדער, וועלן צוזאַמען מיט די דעלעגאַטן צוגרייטן אַ דראַמאַטישע גרופּע" — מען האָט געדונגען אַ גרעסערן זאַל מיטן בופעט, נאָך דער פאָרשטעלונג אַ באַל. די אָרגאַניזיר־קאָמיסיע זיינען געווען די קע־כער, די אַרויסשטעלער און די קעלנער. חוהלע מיט מאַריאַן זיינען געשטאַנען ביים בופעט, סאַול מיט אַלעקסאַנדערן אין קיך, די איבעריקע זיינען געווען קעלנער. די אַרבעט אין קיך איז נישט געווען קיין לייכטע, מען האָט באַדאַרפט האָבן גענױאַלע איינפאַלן צו קאָנען נאָכקומען דעם עולם; סאַול איז פּשוט געוואָרן אַן אַנטדעקער. אין קיך אויף אַ קע־ראָסען־מאַשינקעלע האָבן זיך געוואַרעמט דייטשישע קישקעלעך מיט זויערקרויט, אין קיך זיינען געווען איינגעמויערט צוויי גרויסע קופּערנע קעסלען, ווו סאַרווערנס פלעגן דאָרט קאָכן חתונה וועטשערעס; אונ־דזערע נייע קעכערס האָבן אין איין קעסל געקאָכט טיי און אין אַנדערן קאַפע. מיטן קאַפע האָבן זיי זיך אַן עצה געגעבן: אַזוי ווי קאַפע איז געדיכט, נאָכן איבערקאָכן בלייבט זי ליגן אויפן דעק, וועלן זיי אויס־טײלן אַביסל געדיכטערע קאַפע. דער עולם וועט קיין אַכט נישט לייגן, עס איז נישטאָ קיין צייט מען באַדאַרף טאַנצן. מיטן טיי איז שוין געווען אַ שטיקל פּראָבלעם: מען קען דאָך נישט סערווירן אַזוי אַז דער טיי זאָל אַרומשווימען אין גלאָז און דאָ איז סאַול געוואָרן דער גרויסער אַנטדעקער: ער האָט גענומען אַ פּרויען זאָק, אים אָנגעשאָטן מיט טיי און אַריינגעלייגט אין קאָכיקן וואַסער און עס איז געגאַנגען ווי געשמירט. אַלעקסאַנדער האָט פּראָטעסטירט: „סאַול דאָס איז נישט היגיעניש!" — „דו אַלעקסאַנדער ביסט טאַקע אַ דאָקטאָר, אָבער בלויז הײנטיקע נאַכט בין איך דיין פּראָפעסאָר און איך דערקלערט דיר אַז דאָס איז יאָ היגיעניש" —ביידע האָבן זיך צעלאַכט און פלייסיק מיטן גרעסטן קאָכלעפל אָנגעפולט די גלעזער.

סאַול איז געווען פאַרנומען מיט זיינע געשעפטן, דאָך האָט ער צוויי, דריי מאָל אַ וואָך זיך אַריינגעכאַפּט אין ביבליאָטעק. געווירע געוואָרן צי עס קומען צו נייע לייענערס, וועלכע ביכער ווערן איינגעשאַפט אאַ"וו. ער האָט באַמערקט איינעם אַ לייענער, וואָס האָט גערופן זיין אויפמערק־זאַמקייט: אַן אָפּגעצערטער יונגערמאַן, שלעכט אָנגעטאָן, מיט לאַנגע צעפלאָסענע האָר, זיצט שטענדיק פאַרטיפט אין אַ בוך. סאַול האָט אים געפרעגט: „פריינט שוין לאַנג אין לאַנד?" דער מאַן האָט אויפגעהויבן צוויי הונגעריקע אויגן, סאַול האָט אים אָבער נישט געלאָזט קומען צום וואָרט — „מיך רופט מען סאַול" — „אַ, יאָ איך האָב געהערט פון אייך, איר זענט דער גרינדער פון דער ביבליאָטעק? אַזוי איז צו די מענטשן

פיאָנערן, וועלכע האָבן אַ גוטן ווילן פֿאַר קולטור־אַרבעט אין אַ לאַנד מיט אַ פֿריש יידישן ישוב; מיך רופֿט מען שמואל, היינט די לעצטע נאַכט אין אימיגראַנטן־הויז; ביז די דרייסיק טעג זענט איר דאָרט אַן אַנגענומענער גאַסט און נאָכדעם אויב איר ווילט נישט פֿאָרן אויפֿן לאַנד מוזט איר פֿאַרלאָזן דעם פּלאַץ.

„וואָס איז אייער באַשעפֿטיקונג?"

„איך בין אַ דיכטער, איך בין פֿאַרליבט אין פּרצן איבער די אויערן. אין וואַרשע האָב איך געלייענט די גאָלדענע קייט, איצט לייען איך נאָכאַמאָל; די ציי‌טונגס־מענטשן מאַכן אַ שיין לעבן, די דרויסנדיקע מיטאַרבעטער לעבן פֿון עסן, אויב זיי האָבן וואָס."

סאָל האָט אים איינגעלאָדן אויף מאָרגן צו זיך אין שטוב, אפשר וועט ער עפּעס קאָנען טאָן פֿאַר אים. מיט סאָולס הילף איז שמואליק געוואָרן אַ קוענטעניק; פֿאַרטיילט זיין ביסל סחורה, איז ער געבליבן אָן סחורה און אָן געלט: ווען ער איז געקומען איינקאַסירן זיינע חובות, האָבן שוין די קליענטן דאָרט נישט געוווינט מער... סאָול האָט דאַן געמאַכט נאָך אַ פּרווו: אים געקויפֿט אַ קויש מיט עטלעכע טוץ היטלען (די סחורה גיט מען דאָך נישט אויף אויסצאָלן) סאָול האָט אים גע־וואָרנט: „געקויפֿט און באַצאָלט" — שמואליק האָט אַריבערגעוואָרפֿן דעם רימען איבערן אַקסל גענומען אַ בוך אונטערן אָרעם און אַרויס אין גאַס אַ צופֿרידענער — ער דאַרף איצט נישט קלאַפּן אין פֿרעמדע טירן, יעדער זעט זיין סחורה און ווער עס דאַרף, וועט עס ביי אים קויפֿן. אַזוי שפּאַנענדיק מיט דער גאַס סאַנטאַ־פֿע איז ער דערגאַנגען ביז פּאַלערמאָ־וואַלד. ער האָט אַרויפֿגעשטעלט דעם קויש מיט די היטלען אויפֿן הויכן געדיכטן גראָז, זיך געמאַכט באַקוועם אונטער אַ דיקן צע־צווייגטן בוים און געשמאַק גענומען לייענען דאָס בוך. די געזונטע פֿרישע לופֿט האָט אים איינגעוויגט ווי אויף אָדלער־פֿליגלען און גע־וועבט אין זיינע געדאַנקען אַ פּאָעמע פֿון העכסטער קונסט... און אַזוי אין געשמאַקן שלאָף אויסגעוועבט דעם ערשטן סטראָף:

„ווען די מוזע מאַכט זיך אויף
ווי אַ בלום אין גאָרטן
זעסט נאָר זון, זעסט נאָר ליכט
אָן אַ ברעקל שאָטן."

פֿון גרויס באַגייסטערונג פֿון ערשטן סטראָף האָט זיך שמואליק איבערגעוויגט, געריבן די אויגן, זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. דאָרט וווּ דער קויש מיט דער סחורה איז געשטאַנען איז נאָר געבליבן אַ שאָטן...

סאָולס קולטור־אַרבעט איז שוין אַ שטיק פֿאַרגאַנגענהייט, זיינע פֿאַרצווייגטע געשעפֿטן האָבן אים אַריבערגעוואָרפֿן אין אַן אַנדערער

וועלט. נאָך זיין שוויגער שרה שיינדל שטייט שוין א בכבודיקער מאַר־מאַר־דענקמאָל אויף ליניערס. דער אַלטער רב מנשה זיצט אין זיין ר׳חבותדיקן צימער און לערנט תורה, שפּילט זיך מיט די אייניקלעך; איינער פון די דריי בערנאַרדעלע איז גאָר א פאַרשאַרפטער יאַט. זיין בעסטער פאַרגעניגן איז אַרונטערצוליייגן דאָס הענטעלע אונטער דעם זיידנס ווייסער, לאַנגער באָרד און אויסשרייען מיט פרייד און געלעכ־טער: זשעד, זשעד, מע ע מע ע! רב מנשה פלעגט אים צודריקן צו זיך און באַדעקן מיט קושן „שקאָץ וואָס דו ביסט, נאַריש ציגעלע, א יידן זאָגט מען נישט אַזוי."

סאָול האָט באַשלאָסן צו שליסן זיינע געשעפטן אויף א חודש צייט צייט און פאָרן זיך אָפּרוען אין די קאָרדאָבער בערג; אויך מיטנעמען אַלעקסאַנדערן, מאַריען און זייערע צוויי קינדערלעך. אַלעקסאַנדער האָט געאַרבעט שווער: אַלע יידן זיינען געלאָפן צו אים ספּעציעל פרויען; די מענער פון טאַזשער פון גאַס און געשעפט האָבן געכאַפּט ווי נישט ווי די שפּאַנישע שפּראַך. די פרויען, ווי שטוב־זיצערנס האָבן זיך געהאַלטן ביי יידיש; איז מען געלאָפן צום יידישן דאָקטער בכדי צו פאַרשטיין זייער קרענק אויף יידיש; הגם דאָס יידישע פאָלק קרענקט שוין 2 טויזנט יאָר און קיין עפּאָכע האָט נישט געבראַכט קיין געזונטע רפואה אויפ־צוהייבן דאָס יידישע פאָלק פון קראַנקן גלות־בעט.

די פיר גוטע פריינט האָבן זיך איינגעאָרדנט אין אַן ערשט־קלאַסיקן האָטעל. אַלץ איז געווען לויט זייער ווונטש: געזונטע, פרישע לופט, דער האָטעל מיט אַלע זיינע באַקוועמלעכקייטן. זיי האָבן פאַרברענגט דעם חודש מיטן גאַנצן גלאַנץ! די מענטשן האָבן זיך עס געקענט פאַר־גינען אומגעריכט איז אָבער זייער פרייד צעשטערט געוואָרן: אין דעם זעלבן האָטעל איז געקומען א פּאָר פאָלק זייער עלעגאַנט געקליידעט; בריליאַנטן און דימענטן האָבן שימערירט אויף זייערע פינגער. ווען דאָס גלעקל האָט גערופן צו מיטאָג, איז דער פּרעכטיקער קאַמעדאָר, וואָס האָט פריער געפּוסטעוועט, געווען געפּאַקט מיט געסט. די פיר גוטע פריינט זיינען געזעסן ביי איין טיש און דאָס נייע פּאָרפאָלק איז געזעסן קעגנאיבער זיי; ווען מען האָט פאַרענדיקט דעם מיטאָג, האָט דער מאַן מיט די בריליאַנטן אויף די פינגער צוגעגאַנגען צום טיש וווּ די פיר זיינען געזעסן און מיט אַן אויפגעהויבענעם שטאָלצן קאָפּ, ווי ער וואָלט געווען גובערנאַטאָר פון קאָרדאָבע, זיך געווענדעט צו מאַריען: „אַנטשולדיקט זענט איר נישט מאַריע?"

„יאָ סעניאָר, אַזוי הייס איך, פון וואַנען ווייסט איר מיין נאָמען און וואָס פאַרלאַנגט איר?"

„דו ביסט דאָך מיין פרוי, טאָ ווי אַזוי האָסטו מיך געקאָנט פאַראַטן און אַוועקגיין מיט אַן אַנדערן?"

אַלעקסאַנדער האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט געבײַלטע פויסטן אויסגעשריען: „דאָס זענט איר דער ווײַסער שקלאַפן־הענדלער? וואָס זוכט קרבנות פאַר אײַערע געשעפטן?" דער פּאַרשוין האָט זיך אויסגע־צויגן אין זײַן גאַנצער לענג און מיט אַ פעסטער שטימע אים דער־קלערט: „איר זענט אַרעסטירט, איך בין דער קאָמיסאַר פון ריאָ סעוואַ־זשאָס!" — סאַול האָט דערפילט דעם טריק פונעם אויסוווּרף, אַרײַן שנעל אין צימער ווו דער טעלעפאָן איז געשטאַנען און געקלונגען צום קאָמיסאַר ער זאָל גלײַך קומען ווײַל עס האַנדלט זיך וועגן אַ שרעקלעכן פאַרברעכן. דער קאָמיסאַר מיט זײַן גאַנצן שטאַב איז געקומען אין האָטעל. סאַול האָט אים אָפּגעוואַרט אויפן גאַס און אים דערציילט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. דער קאָמיסאַר האָט אויפגעציטערט פון אויפרע־גונג — „סעניאָר ווען איך קום דירעקט צו אַזעלכע פּאַרשוינען, גייען זיי גלײַך אין שלאַכטהויז" — ווען די אָרדענונגס־היטער זײַנען אַרײַן אין קאָמעדאָר, איז נאָך פאָרגעקומען אַ ווערטער־אויסטויש צווישן אַלעק־סאַנדערן און דעם פּאַרשוין. דער קאָמיסאַר האָט געגעבן אַ באַפעל אַרונטערצונעמען די הענט און אָנטאָן קייטעלעך. זײַן באַגלייטער'ן האָט זיך פלינק אַרויסגעשאַרט און פאַרשוווּנדן. די באַגלייטער פון קאָמיסאַר האָבן אַוועקגעפירט דעם פּאַרשוין און דער קאָמיסאַר איז געבליבן מיט די פיר גוטע פרײַנט, וועלכע האָבן אים דערציילט גענויער וועגן דער גאַנצער געשיכטע. דער קאָמיסאַר — אַן ערלעכער פאַמיליע־מאַן איז געווען שטאַרק גערירט פון דער פּאַסירונג. „צום באַדויערן האָבן מיר נאָך אין לאַנד נישט קיין געזעצן צו קאָנען רייניקן דאָס מיסט פון די אויסוווּרפן! פאַרמשפּטן זיי אויף לאַנגע יאָרן תפיסה אָדער אַרויסשיקן פון לאַנד; אָבער פון מײַנע הענט וועט זיך דער פּאַרשוין אַזוי גיך נישט אַרויסגליטשן, איך וועל אים האַלטן אין אַזאַ ענגשאַפט אַז גאָט אַליין וועט אים נישט העלפן!" — ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן אַלעקסאַנדערן איבער דער פּלײצע און אויסגערופן מיט שטאָלץ: „דאָקטאָר איר האָט פאַרדינט פאַרשריבן צו ווערן אין דער געשיכטע פאַר אײַער ערלעכן זשעסט!"

— 17 —

יאָרן זײַנען געגאַנגען מיט אַ פעסטן טעמפּאָ; דאָס יידישע לעבן אין לאַנד מיטן זעלבן ריטם. דער קעלער אויף אַנדעס און לאַוואַזשע האָט געשלאָסן זײַנע טירן; עס איז געווען אַ מין הקדש־רעסטאָראַן ווו די גרינגע האָבן געקאָנט אָפּעסן אַ נישט דערקאָכטן, שמוציקן מיטאָג, אָנ־שפּאַרן דעם קאָפּ אויפן טיש און כאַפּן אַ דרימל; אָנרירן דעם שטערן אין שמאַלץ און אַרויסגיין פון קעלער ווי אַ פעטע האָדערקע. אין דעם היסטאָרישן קעלער האָט זיך געוואַלגערט אין שמוץ דער גרינער עלנט

איבערגאַנג; דאָרט האָבן געקלאַפּט בענקנדיקע הערצער נאָך טאַטע־מאַמע, נאָך כּלות און געליבטע; דאָרט פּלעגט מען ביי בריוו־שרייבן אויסוויינען די אויגן. ווען די ציגל פון קעלער וואָלטן נאָך לעבן! וואָלט מען זיך ערשט דערוווּסט פון גרויסן עלנט און בענקשאַפט.

דאָס יאָר 1914 האָט אַ פּראַל געטאָן מיט קייזער ווילהעלמס שטאָלענע קאַסקעס, מיטן זייען פון טויט און פאַרניכטונג אויף לינקס און רעכטס. הונגער און חולאתן האָבן געשפּאַנט מיט גיגאַנטישע שריט; טויט און פאַרניכטונג אונטער יעדן דייטשישן שפּאַן; זייער טייווליש בלוט האָט געזונגען דעם הימן פון אונטערגאַנג; אַט דער טייוול־טאַנץ האָט געוואַלטיק געווירקט אויפן מיליאָנער סאַולן; ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אין רעטונגס־אַרבעט.

אין 1918 ווען אַ גרויסער שטראָם פון יידישע איינוואַנדערער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין די אַמעריקאַנער לענדער וועמען עס איז נייטיק געווען גרויסע הילף און נאָך מער אין די רוינירטע לענדער. האָט סאַול אויפגעגעבן אַלע זיינע געשעפטן און נאָך מיט מער ברען ווי אין די פריערדיקע יאָרן פאַר קולטור־אַרבעט זיך געווידמעט דער רעטונגס־אַרבעט. די גאָלדענע נשמה האָט וועגן זיין פּערזענלעכן לעבן נישט געוואָלט וויסן. „אויב דאָרט איז אומקום, איז דער אייגענער איך גאָרנישט! העלפן! העלפן!" און זיך אַריינגעוואָרפן מיטן גאַנצן ברען אין דער הילפס־אַרבעט.

סאַול האָט איצט אַ טראַכט געטאָן וועגן זיך אָבער העלפן האָט ער זיך שוין גאָרנישט געקאָנט, איז געבליבן אָרעם ווי די נאַכט. ער האָט נישט געטראַכט וועגן זיין פאַרלוירענעם פאַרמעגן, ער האָט דאָך אויפגעטאָן אַ סך גוטע זאַכן פאַר ליידנדיקע מענטשן! אָט, די וועמען ער האָט געזען, וואָס זיינען געקומען אַהער אין זייער גאַנצן גרויל־געשטאַלט; און יענע וואָס זיינען דאָרט געבליבן איז נאָך ערגער. ער האָט נאָכגעטראַכט פון וואַנען ער איז געקומען און וואָס ער איז געווען — אַן אָרעמער שניידער־יינגל, אַנטלאָפן אין דער ווייטער וועלט צוליב יחוס־גרענעצן; דער מזל האָט אים אַ שפּיל געטאָן און ער איז רייך געוואָרן — קאָן מען דען לעבן מיט זיך אַליין? אַזוי האָט ער גערעדט צו אַלעקסאַנדערן: „זעסט דאָך וואָס ס'איז געוואָרן פון גאַנצן יידישן פאַרמעגן דאָרט ווו די דייטשישע חיות האָבן דערגרייכט. דאָס דערגרייכטע גליק באַשטייט דאָך פון מענטשנס פעיקייטן, דאַרף מען זיך פאַרגעסן פון וואַנען מען שטאַמט? אַ קיילעכדיקער יתום, אַרויסגעוואַקסן פון דער עלנטקייט אַליין! האָב איך דען געקאָנט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און זיך באָדן אין מיין רייכטום? זעסטו, מיין ליבער אַלעקסאַנדער, וואָס מיך פאַרדריסט יאָ, דאָס וואָס איך האָב מיין געזונט געפּטרט. עס איז נישט אַזוי שרעקלעך ווען אַן אָפּגעקומענער גביר ווערט צוריק אַן

אַרבעטער ביי יענעם; פון מאָראַלישן און מענטשלעכן שטאַנדפּונקט האָב איך דערגרייכט דאָס העכסטע; אָבער וואָס אנבאַלאַנגט מיין געזונט — נו און ווער לעבט דען אייביק?״

סאָול מיט חוהלע האָבן געוווינט אין אַן אויבערשטן קליינעם צי־מער׳ל, פיזיש צעבראָכן אָבער מאָראַליש דערהויבן. געלעבט פון דעם וואָס אַלעקסאַנדער האָט געגעבן. חוהלע איז געווען שטאָלץ מיט איר ערלעכן גוטן סאָולן: „מען נעמט גאָרנישט מיט אויף יענער וועלט״ — מיט די ווערטער פלעגט זי זיך טרייסטן. אַלעקסאַנדער האָט געגעבן נישט נאָר ווי אַ פריינט נאָר ווי אַ ברודער; ער פלעגט קומען יעדן שבת־פאַרנאַכט איבערלאָזן געלט אויף אַ גאַנצע וואָך לעבן. און איינמאָל שבת פאַרנאַכט איז ער שוין געקומען צו שפּעט: אין מאָמענט פון זיין אַריינגיין אין צימער האָט סאָול אויסגעהויכט זיין נשמה. אַלעקסאַנדער האָט זיך איבערגעבויגן, אים אַ קוש געטאָן אין זיין נאָך וואַרעמען שטערן און אויסגעוויטיקט די לעצטע ווערטער איבער זיין טייערן פריינט: „גרויסע, ערלעכע נשמה! מאַרטירער פאַר דיין פאָלק! ערע דיין אָנדענק!

חוהלע האָט אַ וויינענדיקע אויפגעמאַכט אַ קופערט, אַרויסגענומען אַ פאַרשריבענעם העפט און מיט ציטערדיקע הענט דערלאַנגט אַלעק־סאַנדערן: „אָט דאָס איז אונדזער פאַרמעגן נאָך אונדזער טייערן סאָולן — אונדזער לעבנסווערק — זיין טאָג־בוך.״

דער יידישער גאַוטש

א הויך צעוואַקסענער יונג מיט ברייטע געקעסטלטע באַמבאַטשעס איבער שוואַרצע גלאַנציקע שטיוול, מיט א ברייט־קאָלירטן גאַרטל אַרום די לענדן, מיט שאַרף אַראָפּגעלאָזטע פּראָנזן ביי דער לינקער זייט, האָט זיך וווּליוונגעריש אַריינגעשטעלט אין האָטעל צווישן די קאַרדאַבער בערג. די גרויע שטיינער פון דער האָטעל־געביידע האָבן זיך געשפּיגלט קעגניבער דער זון ווי זיי וואָלטן הנאה געהאַט פון די לופט־קעסט וואָס די אַרומיקע בערג שיקן זיי צו; די געביידע אַליין איז אויך געשטאַנען אויף א בכבודיקן באַרג, נאָר עפּעס האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי די שכנות־דיקע בערג זיינען נאָך העכער מיט זייערע נידעריק צעשויבערטע גרינע קוסטעס פון ווינטערדיקן גליווער. וואַרטן אויך ווי די טוריסטן אויף דער זומערדיקער זון, וואָס זאָל אויסגלייכן און פאַרקאַמען זייערע צע־באַרשטענע גרינע קרענצלעך.

ערטערווייז זיינען די שטיינער פון דער האָטעל־געביידע געווען אָפּגעשמיסן פון די ווינטערדיקע ווינטן און רעגנס, פון נאַכטיקע שטור־רעמס, בליצן, דונערן, ווי דער כוח פון הפקר וואָלט די בערג איבערגע־טראָגן אויף אַנדערע ערטער. מיט אַזאַ אימפּעט האָט זיך דער יידישער גאַוטש אַריינגעשטעלט אין האָטעל מיט א קלאַפּ איבער די כאַלעווקעס מיט א רימען.

„מוי בוענאָס, סעניאָרעס!" האָט ער אַלעמען באַגריסט.

א פרוי האָט א וואָרף געטאָן א שפּיציקן בליק צו זיין באַגלייטערן, וואָס איז געשטאַנען ביי זיין לינקער זייט נישט זייער זיכער... ווען זיי זיינען אַריין אין צימער ווו דער האָטעלטשיק האָט זיי אָנגעוויזן, האָט זיך צווישן די געסט אָנגעהויבן א שטילע שושקעריי.

א בלאָנדע, שיינע יונגע פרוי איז געזעסן אין א ברייטן סיזשאָן, דעם רעכטן געטאָקטן פוס אַריבערגעוואָרפן איבערן לינקן. צווישן אירע לאַנגע דינע זילבערנע פינגער מיט שאַרף פאַרשפּיצטע לאַקירטע מאַני־

קור־נעגל, נערוועז געטראָגן דאָס ציגארעטל צו אירע אָנגעפּאַרבטע ליפּן, סאָקעטיש אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ און אַריבערגעוואָרפן אַ פּאַרבלאָנ־דזשעטן לאָק איבער איר שטערן און נישט זייער זיכער נערוועז אַרויס־געגרעדט:

— אַז אָך און אַז ווי איז צו דעם וואָס פאַלט אַריין אין יידי־שע מיילער, וועלכע זיינען ערגער ווי גוישע הינט!

צוויי פרויען האָבן זיך איבערגעוואונקען, ווי איינער רעדט אַז זי די בלאָנדע איז אויך נישט זיכער מיט זיך...

דער ערשטער פיינטלעכער איינדרוק איז אַריבער; איינע האָט דער־ציילט וועגן יידישן גאָטש וואָס זי האָט געוווסט, אַ צווייטע האָט אי־בערדערציילט וואָס זי האָט געהערט, זייטיקע האָבן אָנגעשפּיצט די אויערן בכדי צו הערן די מעשיות וואָס דרייען זיך אַרום דעם יידישן גאָטש. דאָניאַ קלאַראַ — אַ ברייט־דיקלעכע פרוי מיט גאָלדענע פענסנע אויף איר ברייטער נאָז האָט זיך מעשה גבירנטע פעסט אָפּגעשפּאַרט אָן אָנלען פון סיזשאָן און דראָבנינקע ווערטער האָבן זיך געזיפּט דורך אירע דיקלעכע ליפּן ווי פון אַ געדיכטער רעשעטע.

— מיינע פריינט, ווער ווייסט נאָך אַזויפיל פון דעם פּאַרשוין וויפל איך? ס'איז טויזנט און איין נאַכט צו דערציילן וועגן אים. געווען אַ ווילער יונגערמאַן, ווען ער האָט נישט געקענט אַזוי פלאַסקען מיט געלט ווי איצטער. איר מיינט אַז מיך אַרט די קאָמפּעטענץ וואָס ער מאַכט אונדז אין מסחר — מיר קאָנען זיך שוין באַגיין אָן אונדזערע געשעפטן.

די בלאָנדע האָט אַריינגעוואָרפן אַ שאַרף וואָרט:

— אַז איר קאָנט זיך באַגיין אין אייערע געשעפטן טאָ פאַרוואָס מישט איר זיך אין פרעמדע געשעפטן?

די דיקלעכע דאַמע האָט אַ וואָרף געטאָן אַ ביטול בליק איבער אירע אויגן־גלעזער און זיך געווענדט צו דער בלאָנדער מיט האַרבע גע־מאָסטענע ווערטער:

— סעניאָריטאַ, צי סעניאָראַ, איך בין געקומען אויף דאַטשע זיך נישט קריגן מיט קיינעם, איבעריקנס האָב איך נישט קיין מורא פאַר דער ליכטיקער זון אַז מיינע געפאַרבטע בלאָנדע האָר זאָלן נישט פאַר־שוואַרצט ווערן!...

און נערוועז אַ דריי געטאָן דעם סיזשאָן מיט דער פלייצע צו דער בלאָנדער און זיך געווענדט צו די איבעריקע דאַמען:

— זי שרעקט זיך עס זאָל נישט טרעפן אין איר ציטערדיקן הערצל, ווייל היינטיקע צייטן האָבן אַלע מעשיות איין פּנים... איר קוקט אָן אָט דעם יידישן גאָטש? ער האָט חתונה געהאַט אין בוענאָס־איירעס פאַר אַ באַלעבאַטיש מיידל און אַ דאַנק זיין שווער איז ער געוואָרן אַ

שטיקל מענטש; איצט שאַצט מען אים אין מיליאָנען, אָנגעזאַמלט פון דעם בלוט פון אונדזערע אומגליקלעכע קרבנות דורך דער דייטשישער בעסטיע.

אַ צווייטע שלאַנקע דאַמע האָט שוין נישט געקאָנט איבערטראָגן די רייד וואָס די דיקלעכע פרוי וואַרפט אין דעם יידישן גאַוטש, האָט זי זיך אָנגערופן:

— ס׳איז נישט שיין סעניאָראַ, איר מיינט דערמיט צו זאָגן אַז דער יונגערמאַן האָט גענומען אַ דירעקטן אָנטייל אין אונדזער יידישן אומגליק און דערפאַר איז ער רייך געוואָרן?

— איר האָט מיך שלעכט פאַרשטאַנען, סעניאָראַ, איך האָב גע־מיינט די געשעפטן... אַ סך מענטשן האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט אין דער צייט פון דער קריג נישט אויפן חשבון פון אַ צווייטנס אומגליק, נאָר אַזוי איז דאָס געווען. קיינער ווייסט נישט ווי אַזוי איר האָט זיך אַרויפ־געאַרבעט אַז איר קאָנט שוין לעבן אָן אייערע געשעפטן... און עס אינ־טערעסירט מיך נישט צו וויסן.

דאָניאַ קלאַראַ האָט זיך געפילט ווי אָפּגעשמיסן און גאָרנישט גע־ענטפערט; די בלאָנדע האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט און זיך נוקם געווען אין איר. זי האָט זיך אוועקגעשטעלט נעבן דער דיקלעכער דאַמע, די אונטערשטע ליפּ האָט איר געציטערט פון אויפרעגונג:

— איצט פאַרשטיי איך פאַרוואָס איר זענט אַזוי אויפגעבראַכט אויף די צוגעקומענע געסט אין האָטעל; אַלטע באַקאַנטע, נישט אמת? נו, דער יונגערמאַן האָט באַדאַרפט צוגיין צו אייך און זיך דזשענטלמעניש פאַרנייגן, אָננעמען אייער דיקלעכע האַנט, אַ קאַוואַליערסקן צאַרטן קוש טאָן, אַזוי אַז דאָס ווייבערישע בלוט זאָל אַ שטראָם טאָן, דער קערפּער זאָל אויפציטערן און די באַקן זאָלן זיך ווייבעריש פאַררויטלען. נישט אמת גנעדיקע דאַמע?

אַלע דאַמען האָבן זיך צעלאַכט, די באַליידיקטע האָט געפּרוווט עפּעס ענטפערן נאָר דער גלאָק האָט גענומען קלינגען רופנדיק צום נאַכטמאָל.

בענכאַמין פינקעלשטיין מיט זיין סעקרעטאַרן האָבן זיך באַוויזן אין קאָמעדאָר. דער קעלנער האָט זיי אָנגעוויזן אַ טישל פאַר צוויי פּער־זאָן; זייערע עלעגאַנטע ספּאָרט־קליידער האָבן גערופן יעדנס אויפ־מערקזאַמקייט. בענכאַמין האָט געטראָגן אַ פּרעכטיק בלויע זיידענע העמד, ווייסע הויזן מיט שאַרף פּאַרפּרעסטע קאַנטן און גאַמוסענע שיך. אַ גאָלדענער זייגער איינגעפּאַסט אין אַ גאָלדענעם בענדל אויף דער לינקער האַנט; אַ פּרעכטיקער דימענט־שטיין האָט געשטראַלט ווי אַ זומער־פּעכער איבער גאָלד. זיין סעקרעטאַרן האָט געטראָגן כמעט די זעלביקע קליידער נאָר מיט ווייניקער שימער אויף אירע פינגער און

הענט. ער האָט געוואָרפן אַ שטאָלצן בליק אויף די אַרומיקע געסט, זי האָט געקוקט מיט אַ זייט פון ווינקלאויג אויף דער צעפלאָסענער יידענע.

איידער דער קעלנער האָט סערווירט דעם מאָלצייט, האָבן זיי פאַרענדיקט דאָס געשפּרעך, וואָס זיי האָבן געפירט אין צימער.

— יאָ, מיין ליבער, מיר זיינען אריינגעפאַלן, אָבער מען טאָר נישט פאַרלאָזן דאָס שלאַכטפעלד... מען דאַרף זיין פּאַרזיכטיק... אָט די צעפלאָסענע יידענע קאָן אָנמאַכן צרות... איך האָב געזאָגט דער מוקאַמאַ אַז זי זאָל פאַר דיר צוגרייטן אַ באַזונדערן צימער. פון דער ווייטנס וועט אונדזער ליבע זיין מער אָנגעצויגענער... איך האָב געכאַפּט אַן אויער, קאָנען די בייזע צינגער אונדזער יום־טוב מאַכן וואָכעדיק. איך בין זיכער אַז די צעפלאָסענע דאָניאַ קלאַראַ וועט אונדז ביינאַכט צוקאַפּנס נישט שטיין...

ביי די ווערטער האָט אַ פולבלוטיקער מענערישער שמייכל זיך צעשפּרייט אויף זיין געזיכט.

קלאַריטעס בלויע אויגן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט, אירע פּאַרזיכטיקע בליקן האָבן געבלאָנדזשעט אין איר בוזים — אַ לייכטער טרויער האָט זיך געפילט אין איר קול ווען זי האָט אַרויסגעפּליסטערט:

— אין בוענאָס־איירעס פלעגט דיר אַמאָל דיין פרוי פאַרוואַרפן וועגן מיר, זי איז אָבער נישט געווען זיכער — און איצט?

אַ קרומער פראַגעצייכן האָט זיך געשטעלט אויף אירע דינע געפאַרבטע ליפּן. ווי אַ דינער שפּינוועבס געטריבן פון אַ לייכטן זומערדיקן ווינטל האָבן אירע בלויע פינקלדיקע אויגן פאַרשטעלט.

דער קעלנער האָט זיך הכנעהדיק איינגעבויגן צו זיי און מיט אַ שמייכל געפרעגט צי עס געפעלט זיי די פאַרשפּייז — און זיי איבערגעריסן דעם שמועס.

נאָכן נאַכטמאָל האָט בענכאַמין באַגלייט קלאַריטאַן אין איר צימער, דאָס קאַמער־מיידל האָט בדייט צעעפנט די טיר און מיט אַ חנוודיקן שמייכל געפרעגט צי עס געפעלן איר די בלומען; אַנווייזנדיק אויפן פּליושענעם טעפּיך וואָס איז געלעגן צעשפּרייט אויפן דיל נעבן איר בעט און איר שקלאַפיש צוגעזאָגט אַז יעדן טאָג וועט זי איר ברענגען פרישע בלומען; אַרויסגייענדיק פון צימער האָט דאָס קאַמער־מיידל אַ שמייכל געטאָן צו די צוויי רויטע צענערלעך, וואָס דער סעניאָר האָט איר געגעבן...

קלאַריטאַ האָט באַוואונדערט דאָס פּרעכטיקע צימער; אָנשפּאַרנדיק איר קאָפּ אויף בענכאַמינס אַקסל האָט זי ווי אין חלום געפּליסטערט: „אַ פּרעכטיק נאַכט־לעמפּל", פון גרין־גלאַנציקן מאַרמאָר, אַ רויט לעמפּל וואָס וועט זיך באַנאַכט שפּילן מיט דער גרינקייט ווי אַ פולע לבנה

אויף ווייכן גרינעם גראָז און נאָך מער פאַרכשופן אונדזערע נעכט; דו האָסט אַ פיינעם געשמאַק, מיין ליבער."

זי האָט אים אַ לייכטן דריק געטאָן צו איר ברוסט, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף הינטן און מיט גלענצנדיק בענקנדיקע בליקן אַריינגעקוקט אין זיינע אויגן... ער האָט איר אַריינגענומען אין זיינע אָרעמס איר אַ פעסטן דריק געטאָן צו זיך, זי האָט אַ לייכטן קרעכץ געטאָן און זיך דערמאָנט אין דער צעפּלאָסענער יידענע און זיך געבעטן ביי אים:

— נישט איצט, נישט איצט, מיין ליבער, ווען בייזע בליקן לויערן אויף אונדז ווי ווילדע וועלף פון זייערע באַהעלטענישן; ווען אַלע וועלן איינשלאָפן און הלומות וועלן בלעטערן זייערע אייגענע זינד, וועלן אויפֿריגלען זייערע הערצער און פאַרגעסן אין אַנדערע וואָס רייסן זיך ערשט צום לעבן.

בענכאַמין איז געקומען צו זיך. ער האָט פאַרשטאַנען אַז מען מוז אויסמיידן יעדע געפאַר אַז נאָכן האָניק־חודש... זאָל נישט קומען צו קיין פאַמיליע־טראַגעדיע. און צוגעטראַכט אַ ווּנדערבאַרן פּלאַן ווי אַזוי טעמפּ צו מאַכן די צונג פון דער צעפּלאָסענער יידענע. ער האָט דעם פּלאַן אויסגעוויקלט פאַר זיין ליבער קלאַריטען:

— דאָס ערשטע וועלן מיר מאָרגן מאַכן אַן אויספלוג צו „אָראָ דע אָגוא" צוגרייטן אַ קאַראַוואַנע; איך וועל צאָלן פאַר די קאָטשן און אָט די צעפּלאָסענע יידענע, ווי הייסט זי דאָרטן דאָניאַ קלאַראַ אַריינגענעמען אין דער קאַפּעליע; ווי אַזוי זיך מיט איר באַנעמען, לאָז איבער פאַר מיר, איך וועל זי אַזוי באַאַרבעטן אַז זי וועט זיך אַליין אויפהענגען זיבן שלעסער אויף אירע דיקע ליפּן; זי וועט זיין צופרידן, מען זאָל איר קרענקלעכן מאַן נישט עפּעס דערציילן וועגן איר...

צומאָרגנס נאָכמיטאָג איז די קאַראַוואַנע אַרויס פון האָטעל. די צופרידנסטע פון אַלע איז געווען דאָניאַ קלאַראַ, ווייל אייגנטלעך האָט זי גאָרנישט געזען אין איר לעבן, דעם ערשטן מאָל אַז זי פאָרט אַרויס אין די קאָרדאָבער בערג; איר גאַנץ לעבן איז געווען אַ פאַרביטערטע בענקשאַפט נאָך איר דורכגעפאַלענער ליבע אין דער אַלטער היים. און איר חתונה האָבן דאָ מיט אַ קרענקלעכן מאַן דאָס גאַנצע לעבן געבענקט נאָך אַ פלירט... נאָר אומשטענדן האָבן נישט דערלויבט.

בענכאַמין מיט קלאַריטאַן האָבן פאַרנומען דעם ערשטן אויטאָ און דאָניאַ קלאַראַן אַריינגענומען אין דער מיט. בענכאַמין האָט זיך אונטערגענומען איר אַרויסרופן צום לעבן...

— איר הערט מאַדאַם, איר וועט מיר געוויס אַנטשולדיקן פאַר דעם פאַרגלייך, אַזוי זאָגט די וועלט, אַז די מערסטע פרויען זיינען שלענג... אָט דער וועג וואָס פירט צום גאָלדענעם וואַסער איז אַזוי געדרייט

און געשלענגלט אז טויזנט פרויען שלאַנגען זיינען א טשערעפּאַכע קעגן זיי.

ביים ערשטן געדריי צווישן די בערג האָט זיך דאָניא קלאַראַ א וואקל געטאָן. בענכאַמין האָט זי אַרומגענומען מיט זיין פעסטער האַנט און איר א דריק געטאָן צו זיך — איר הערט סעניאָרא, אז איר פאָרט מיט אונדז וועט אייך קיין בייז נישט געשען... זי האָט זיך אַביסל פאַררויטלט און דערפילט א ווייבלעכע וואַרעמקייט איבער איר לייב בשעת בענכאַמין האָט איר א דריק געטאָן צו זיך.

אויסגעשטיגן פון די אויטאָס איז בענכאַמין געווען דער וועגווייזער, צווישן געשלענגלטע וועגן, אויסגעטראָטענע צווישן די פעלדזן, זיינען זיי אַריין אין א פּרעכטיקן טאָל אַרומגערינגלט מיט ריזיקע פעלדזן, ווו עס האָבן זיך פון אַלע זייטן געשלענגלט פאַרכשופטע וואסער־קוואַלן אין טייך אַריין ווו רויטע טשערעפּענע דעכער פון די אַרומיקע טשאַלע־טן וואָס צוויבערן מיט זייער גרינגאָלד האָבן זיך פון זייערע הויכקייטן געבאָדן אין גאָלדענעם וואסער. מאַדאַם קלאַראַ איז געבליבן פאַרגאַפט און מיט א צויבער אין איר קול, נישט ווי נעכטן מיט גאַל און עקל און גיפטיקער שנאה זיך געווענדט צו בענכאַמינען צאַרט און ווייך:

— אויף אַזעלכע ריזיקע פעלדזן קאָנען אויך וואקסן גרינע ביימער?

— וואָס מיינט איר סעניאָרא, ס'איז טאַקע גאָטס ווונדער. אז מענטשן קאָנען זיך צוזאַמענריידן פריינטלעך, פאַרוואָס־זשע זאָל צווישן שטיינער קיין ביימער נישט קאָנען וואקסן?

— אָבער זאָגט מיר נאָר סעניאָר, און ווו איז דאָס גאָלדן וואסער?

— ווען די סעניאָרא זאָל זיין גאָלד, וואָלט מען אונדז נאָשערס נישט צוגעלאָזט. מען רופט עס דאָס גאָלדענע וואסער, ווייל ס'איז דאָס בעסטע קוואַל־וואסער וואָס קאָרדאָבא פאַרמאָגט, אז מען טרינקט פון דעם א קוואַל ווו ס'איז אויפגעשריבן פון די שטאָט־פאַרזאָרגער „ווער עס וועט זיך וואשן לעבן דעם קוואַל דאַרף באַצאָלן פינפהונדערט פּעזאָס שטראָפגעלט" — פאַרשטייט איר דאָך אז ווער עס טרינקט פון דעם קוואַל ווערט יינגער...

דאָניא קלאַראַ האָט זיך צוגעשאַרט צום קוואַל און ווי א מדבר־מענטש, וואָס וואַנדערט שוין עטלעכע טעג א דורשטיקער געטרונקען; ווען זי האָט זיך שוין אָנגעטרונקען, האָט זי אַרויסגענומען דאָס שפּי־געלע פון איר בייטל, גוט באַטראַכט איר געזיכט און געשמייכלט... בענ־כאַמין מיט קלאַריטאַן האָבן אָבסערווירט פון דער ווייטנס; קלאַריטאַ האָט אים א שטויס געטאָן מיטן אַקסל, בענכאַמין האָט א מורמל געטאָן:

— זי איז שוין פאַרטיק... זי וועט שוין מער נישט האָבן אין זינען קיין אַנדערע, זי איז יינגער געוואָרן, ווי א דאָרן פון שטיין אַרויס...

צוריקוועקס האָבן אַלע דריי פאַרנומען די זעלבע פּלעצער אין

אויטאָ. אַ ווײַלע איז געווען אַ שטילשטאַנד ווי פֿאַר אַ שטורעם; בײַם ערשטן געדרײַ פֿון אויטאָ צווישן די געשלענגלטע וועגן האָט דאָניאַ קלאַראַ ארומגענומען בענכאַמינען און מיט מיידלשער פֿאַרשעמטקייט אים אַ דריק געטאָן צו זיך. „איר זעט איך שרעק מיך שוין נישט — איצט דאַרף איך אײַך צוהאַלטן” און ווענדנדיק זיך קאָקעטיש צו קלאַ־ריטאַן: „איר הערט סעניאָריטאַ, האָט איר אַ באַלעבאָס, אַ גנבֿ; ער מיינט אַז איך האָב נישט באַמערקט אַז ווען איך בין אַרײַן אין וואַסער האָט ער מיר נאָכגעקוקט.”

—וואָסזשע איז בײַ אײַך אַ נײַעס אַז מיר מענער פּרעסן פּרוּוען מיט די אויגן, און נאָך אַזאַ פּרעכטיקן קערפּער ווי איר פֿאַרמאָגט... מעגט איר אָנטאָן אַ לײַכטערן באָד־אָנצוג, אַז מענער זאָלן אײַך באַוווּנ־דערן און אויך הנאה האָבן... איר פֿאַרשטייט, סעניאָראַ, איך בין זייער אַ ווייכהאַרציקער, איך קאָן נישט לײַדן אַז אַ צווייטן גייט איבער דאָס האַרץ...

קלאַריטאַ האָט מיט אַ פֿאַרשטיקטן געלעכטער זיך אַרײַנגעמישט אין געשפּרעך:

— איך מיין, סעניאָראַ, אַז איר קאָנט נאָך קאָנקורירן מיט הײַנ־טיקע יונגע מיידלעך... ווען נישט די שמינקע, וואָלטן זיי אַלע אויסגעזען ווי מײַן באָבע אויף דער לינקער זייט...

דאָניאַ קלאַראַ האָט דורך אירע ברייטע נאָזלעכער אַרײַנגעזאַפּט אַ וועלט מיט פֿאַרגעניגן... ווען זיי זײַנען אַרײַן אין האָטעל האָט בענכאַמין אַ זאָג געטאָן צו קלאַריטאַן:

— די ייִדענע לאָזט זיך, מען דאַרף איר איצט באַארבעטן: גיי אַרײַן צו איר אין צימער און העלף איר אַראָפּשלעפּן דעם באָד־אָנצוג; ער האָט זיך מיסתמא אַזוי אײַנגעגעסן אין איר פעטן לײַב, אַז מען וועט דאַרפֿן האָבן אַ פּאָר פֿערד אים אַראָפּצושלעפּן.

קלאַריטאַ האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, דאָניאַ קלאַראַ האָט זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן דעם באָד־מאַנטל און געפּליסטערט מיט אַ באַזונדער פֿאַרגעניגן:

— קומט, קומט אַרײַן, סעניאָר בענכאַמין!

קלאַריטאַ האָט שמייכלענדיק זיך פֿאַר איר אַנטשולדיקט:

— בענכאַמין איז איצט באַשעפֿטיקט סעניאָראַ, ער האָט מיך גע־שיקט.

זי האָט זיך אַביסל פֿאַרדרייטלט און צוגעגעבן:

— איך האָב געוואָלט רופֿן אײַער נאָמען נאָר די צונג האָט זיך עפּעס פֿאַרטשעפּעט.

— עס מאַכט נישט סעניאָראַ, איך קאָן זײַן אײַער סעקרעטאַרן אויך... איר וועט אונדז באַשטימט אַנטשולדיקן, וואָס מיר שטערן אײַך

ביינאַכט דעם שלאָף מיט מיין קלאַפּן אויף דער שרייבמאַשין; מיין באַלעבאָס מוז שטיין אין קאָנטאַקט מיט אַלע געשעפט־הייזער אין בוענאָס־איירעס...

— עס האָט זיך מיר טאַקע אויסגעוויזן ווי אַן אַלטער וועקזייגער וואָלט געקלאַפּט, טיק־טאַק, טיק־טאַק; עס איז פאַרשטענדלעך אַז די געשעפטן מוז מען אָפּהיטן: בלויז מיט לופט קאָן מען נישט לעבן.

ווען דאָס גלעקל האָט גערופן צום אָוונטברויט איז דאָניאַ קלאַראַ אַריין אַביסל אַ פּערמאַטערטע אין קאָמעדאָר, געשפּאַנט מיט געמאָסטענע טריט, צוגעגאַנגען צום טישל וווּ בענכאַמין מיט קלאַריטאַן זיינען געזעסן, אַ פּליסטער געטאָן צו קלאַריטאַן און אירע אויגן פון בענכאַמינען נישט אַראָפּגענומען.

— איר הערט, סעניאָריטאַ, אייער באַלעבאָס איז אַ קאָזאַק, נישט קיין יידישער גאַוטש ווי מיר רופן אים דאָ.

בענכאַמין האָט וווילינגעריש אַ צי געטאָן מיטן אַקסל, אַרויסגעלאָזט אַ וואָלקן רויך פון זיין האַוואַנאַ־ציגאַר און איר מיט אַ שמייכל געפרעגט:

— וואָס איז געשען סעניאָראַ?

— נאָך דער וועטשערע וועל איך אייך דערציילן, אָבער דאָס איז אַ סוד פאַר אַ פּריילן.

— דו הערסט, קלאַריטאַ, עס דוכט מיר אַז עס עפנט זיך אַ נייע קאָרט, וועל איך מיט איר מאַכן אַ פּאַקערל; און קומענדיק קיין בוענאָס־איירעס וועט פון איר צונג ווערן אַ קנויל.

אויף בענכאַמינס פּנים האָט אַ בליץ געטאָן אַן ענפערזוכטיקער בליק.

די וואַקאַציעס האָבן זיך פאַרענדיקט, דער ווינטער האָט גענומען פייפן זיינע גליווערדיקע ניגונים. דאָניאַ קלאַראַ האָט געמוזט פאַרטרעטן אין געשעפט איר קראַנקן מאַן; דער יידישער גאַוטש האָט זיך גענומען צו זיינע געשעפטן מיט אַ רואיקן געוויסן... אַז דאָניאַ קלאַראַ וועט זיין שטום ווי די וואַנט; ווייל ווען זי פלעגט זיך מיט אים טרעפן, פלעגט זי זיך פאַררויטלען און אַראָפּלאָזן די אויגן; און אין האַרצן האָט זי זיך געטראַכט — הלואי טרעף איך זיך נאָכאַמאָל מיטן יידישן גאַוטש אין די קאָרדאָבער בערג.

דאָן וואַדיסלאַוו

צווײ הויפּטמאָטיוון האָבן דער יונגער ביילקען באַוויגן אויף צוויי אַנטשיידענע וועגן: דאָס איז געווען אַ צווייענדיקע ליבע, וועלכע האָט איר געשטאַרקט און וואָגיק געמאַכט איר מיידלשע האַרץ און איר מעגלעך געמאַכט צו וואַגן זיך צו לאָזן אין דער ווייטער אַרגענטינע. די ערשטע ליבע איז פֿאַרבליבן אין אַ קליין ווינקעלע פֿון איר האַרץ, וואָס האָט נאָך ווען נישט ווען אַ ציי געטאָן, אַ קלאַפּ געטאָן און אַראָפּגעשלונגען מיט אַ זיפֿץ, שוין ווען זי איז געווען אַ מאַמע פֿון אַ קינד. מיט איר צווייטער ליבע איז זי פֿאַרבליבן ביז איר טיפֿער עלטער.

די ערשטע ליבע האָט זיך אָנגעהויבן ווען ביי איר יונגער פֿרויען־רייפֿקייט, האָט זיך אויסגעוויקלט, רייף געוואָרן נאָך אין היסטאָרישן 1905, אין דער צייט ווען די אינטעליגענץ האָט זיך אָנגעהויבן חברן מיט די אַרבעטער און געטיילט זייער וויסן איבער פּאָליטישער עקאָנאָמיע און מאַרקס'ס קאַפּיטאַל; די לעקציעס זיינען געווען אַלגעמיינע אין די פֿאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פֿון שטעטל.

דער צופֿאַל האָט אָבער געפֿירט דערצו אַז ביילקע זאָל נאָך גאָר יונג אָנהייבן פֿילן נישט קיין געוויינטלעכע חברלעכע באַציונג צו דעם אינטעליגענט וואָלאָזשין.

אַלע פֿאַרבאָרגענע ערטער פֿון שטעטל זיינען שוין געווען אויסגעפּרוווט. די ערטער האָבן געהייסן ביי די יונגע רעוואָלוציאָנערן די צוגרייטונגס־אוניווערזיטעטן צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. פֿאַר טאַטע־מאַמע אין שטעטל איז דאָס וואָרט געווען דאָס שרעקלעכסטע, זיי האָבן אין דעם נאָמען געזען פֿאַר זייערע קינדער די תּליה און דעם קאָזאַצקן באַגנעט, דעם קאַלטן, ווייטן, שרעקלעכן סיביר, די שווידערלעכסטע באַגלייטונג־מוזיק פֿון שווערד, ביקס און קייטן־קלאַנג.

ווען מאַמעס האָבן זיך געווונטשן גוטס איז דער ערשטער ווונטש געווען אַז זייערע קינדער זאָל גאָט באַשיצן פֿון דער „ציציליסטישער

מגפה"; אין יענער צייט האָט שוין דער טאַטע אַליין, אַ מאָדערנער מענטש, מער אָדער ווייניקער צוגעגרייט דעם געדאַנק אַז רעוואָלוציע פאָדערט אַ גוטע צוגרייטונג. איינער פון די גאָר געצײלטע אין שטעטל איז געווען דעם אינטעליגענט וואָלאָזשינס פאָטער, יאַנקעלע וואָלאָזשין, וועמען מען האָט גערופן אין שטעטל יאַנקעלע קאָפּמענטש, צוליב זיין קלוגשאַפט.

דער ערשטער שניידער־שטרייק אין שטעטל האָט אַלעמען אויפגע־ציטערט; יאַנקעלע קאָפּמענטש האָט אַלעמען בארואיקט; ער האָט דער־קלערט און אויפגעוויזן אַז „אָט שעסטי דאָ שעסטי" איז אויך געגוונגדע סיבירסקע אַרבעט און זיי די באַלעבאַטים אַליין וועלן זיך פילן ווי מענטשן.

אין שטעטל קומען אָן דריי נייע סטראַזשניקעס, אָבער אַלע חברים און חברטעס זיינען זיכער געווען אַז ביי יאַנקל קאָפּמענטש אין וויינ־קעלער, ווו עס איז געווען אַ באַזונדערער אָפּגעשלאָסענער צימער איז מען גאַנץ זיכער אויסצוהערן די לעקציעס פון וואָלאָזשינען.

די דריי סטראַזשניקעס זיינען געקומען מיט אַ שטרענגן באַפעל אונ־טערצודריקן די קראַמאָלניקעס. ביינאַכט האָבן זיי זיך צעטיילט אין די דריי הויפּטגאַסן פון שטעטל, וואָס האָבן געדינט פאַר די אַרבעטער־בירזשעס, געגנישטערט און געשמעקט ווי די הינט. זיי האָבן אויך געהאַט אַ שטיל באַפעל אויפצוזוכן וולאַדימיר יאַנקעלעוויטש וואָלאָזשי־נען, אַ גימנאַזיסט פון 5־טן יאָר, געלערנט אין קעשענעוו. איינער פון די סטראַזשניקעס האָט זיך אריינגעשאַרט אין יאַנקל דעם קאָפּמענטשס קעלער אריין. יאַנקל האָט גלייך דערשפּירט דעם נישט ליבן גאַסט. ער האָט אים העפלעך באַגריסט, אָנגעגאָסן אַ פלאַש מיט וויין און אים דערקלערט אַז דער וויין איז פון זיין אייגענעם ווייגאָרטן און איז פון דעם בעסטן וואָס איז פאַראַנען אין שטעטל. זיין ווייגאָרטן שטייט נעכ־טער צום טאָל, די ביימעלעך זאַפּן זיך אָן מיט קוואַל־וואַסער דערפאַר איז זיין וויין דער בעסטער.

די דיסקוסיע פון וואָלאָזשינס לעקציע איז אין זעלבן מאָמענט גע־וואָרן לעבהאַפטער און מיטן באַלעקן זיך פונעם גלאָז וויין האָט דער סטראַזשניק אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו יענער טיר און אַ פרעג געטאָן: „טשטאָ טאַם זאַ שום?" יאַנקל האָט אַנגסטלעך די צווייטע גלאָז וויין אים אָנגעגאָסן און אים גלייך דערקלערט: „היינט, גאָספּאָדין פּאַרלאָב איך מיין זון" און אַרויסגענומען אַ זילבערנעם רובל פון טאַש און דערלאַנגט דעם „גאָספּאָדין". דער סטראַזשניק האָט אַ שמייכל געטאָן אין זיינע געדיכטע וואָנצעס, יאַנקל האָט קיין צייט נישט פאַרלוירן און ווייטער גערעדט:

— אזוי פיר איך זיך מיט ספּעציעלע געסט... און נאָך אזא גאַסט ווי דו.

ער האָט אויסגעטרונקען די צווייטע גלאָז וויין און פאַרלאַנגט צו זען דאָס יונגע פּאָרל. יאַנקל האָט אָן עפּן געטאָן די טיר און עס האָט זיך באַוויזן אַ לאַנגער געדעקטער טיש מיט אָנגעשטעלטע פלעשער וויין און אָנגעשניטענעם קיעלבאַס מיט ברויט.

בעלקע איז געזעסן נעבן טיש און געשלונגען די ווערטער וועלכע ער האָט באַענטפערט אַ חבר. יאַנקל האָט אַ ווונק געטאָן צו די פאַרזאַמלטע מיט די אויגן און אָנגעוויזן אויף זיין זון מיט ביילקען ווי אויף דער פּאָרל; גלייכצייטיק פאַרגעשטעלט דעם סטראַזשניק ווי אַ געהויבענעם גאַסט פון שטעטל. וואָלאָזשין האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען אַפּלאָדירן דעם גאַסט. זיין ביישפּיל האָבן נאָכגעטאָן אַלע פאַרזאַמלטע.

דער סטראַזשניק איז אַרויס פון צימער אַ צופרידענער; ער האָט זיך אויסגעצויגן, מעשה נאַטשאַלניק דעם רעכטן פוס, אַרויסגעשטעלט און מיט שטאָלץ געדרייט זיינע געדיכטע וואָנצן און אויסגעטרונקען נאָך אַ גלאָז וויין; שטיין אויף די פיס איז אים שוין שווערלעך געוואָרן; ער האָט אויסגעפּלאַפּלט פאַר יאַנקלען זיין שטילע געהיימניש: צי קען ער נישט איינעם אַ וולאַדימיר יאַנקעלעוויטש וואָלאָזשין? יאַנקל האָט אָן איבעראַשטער אַרויסגעשטאַמלט: „אַ טשאָרט יעוואָ זנאַיעט"...

נאָכדעם ווי דער גאַסט האָט זיך אַרויסגעוואַקלט פון די טרעפּ, האָבן אַלע פאַרזאַמלטע אין איילעניש דעם קעלער פאַרלאָזט. און ביילקע איז געבליבן צוגעשמידט צום אָרט. יאַנקל האָט זיך נישט פאַרלוירן. אין אים האָט געזויגט דאָס מענטשלעכע איבער זיינע פאָטערלעכע געפילן און ער האָט זיך דרייסט געווענדט צו זיין זון:

— קינד מיינס, מ'טאָר קיין צייט נישט פאַרלירן! אין איצטיקן מאָמענט זיינען מיר פּאָליטישע חברים — נישט קיין טאַטע און זון; די טרויעריקע צאַרסקע נעגל האָבן זיך אָנגעשפּיצט קעגן אונדז!

יאַנקל האָט זיך אָפּגעקערט אָן אַ זייט... מען האָט דערפילט אַז זיין שטים איז אַ צעבראָכענע; ער האָט זיך אָבער באַלד צוריק אומגעדרייט און האַסטיק אַרויסגערעדט:

— די צייט דערלויבט נישט אויף קיין פאָטערלעכע סענטימענטן; דער באַן גייט אָפּ 11 אזייגער; איך האָב ביי זיך געגנוג געלט, דו קאָנסט דערגרייכן ביז נאָוואָסעליעץ צו מיינעם אַ פריינט; מאָרגן וועל איך אָנטקעגנקומען און אַלץ וועט דערליידיקט ווערן; זיך געווענדט צו ביילקען ווי באַפעלעריש פון נערוועזיטעט: און דו טאָכטער מוזט אונדז גלייך פאַרלאָזן; איך פאַרשטיי אַז קיין קאָנספּיראַציע דאַרף מען דיך

נישט לערנען; ס'האָבן אַ קלונג געטאָן נישט רייזענס קירכן־גלאָקן, נאָר שווערע צאַרסקע קייטן!

ביילקע האָט זיך אויפגעהויבן און דערלאַנגט וואָלאָזשינען די האַנט; אַ צאַרטע רירעוודיקע האַנט איז איילִיק אַרויסגעפאַלן פון זיינער. זי האָט שווער אַרויסגעשטאַמלט: פאַרט געזונט און זאָל אייך קיין בייז נישט געשען. אַרויפקלעטערנדיק אויף די טרעפּ פון קעלער האָט זי געפילט אַז איר פּנים איז נאַס פון טרערן.

אַן אַנגסטלעכע נאַכט האָט ביילקע דורכגעלעבט. זי האָט זיך גע־ווונטשן אַז די נאַכט זאָל אייביק אָנהאַלטן אָבער טאָג ווערן און ליכטיק זאָל נישט; זי זאָל קאָנען נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל איבערבלעטערן די עטלעכע פאַרגאַנגענע מאָנאַטן וואָס זי איז געווען מיט וואָלאָזשינען צוזאַמען אַזוי גליקלעך. אַזעלכע הערלעכע נעכט אָנגעפילט דאָס האַרץ מיט ליבע פאַר זיך און צו אַלע מענטשן פאַר אַ שענערן און בעסערן לעבן און אַזוי גיך פאַרשוווּנדן און נאָך מער האָט איר געדריקט דאָס האַרץ דער איינפאַל פון וואָלאָזשינס פאָטער אַז זי, זי ביילקע דעם בעקערס ווערט וואָלאָזשינס לעבנסלענגלעכע חברטע. אַ צווייפלהאַפטער זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר יונגן מיידלשן האַרץ; זי האָט איר פּנים איינגעגראָבן אין קישן און וויינענדיק איינגעשלאָפן.

ביילקע האָט נאָך אין שטעטל דורכגעמאַכט די אַנגסטלעכע צייט ווען וואָלאָזשינס פאָטער איז אַרעסטירט געוואָרן אויף דער באַשולדי־קונג אַז ער האָט געהאָלפן אַריבערפּעקלען זיך זיין זון אויף יענער זייט גרענעץ. ביי דער שטיקל אַרבעט האָבן נישט פאַרפעלט די שניידער־באַלעבאַטים פון ערשטן געוועזענעם שטריק. וואָס מיט יאַנקל קאָפּ־מענטש איז געוואָרן האָט זיך ביילקע ערשט דערוווּסט אין בוענאָס־איירעס.

ביילקע האָט דורכגעלעבט אַ סך אומרואיקע טעג און נעכט ביז מען האָט געפועלט דורך דער פאַרמיטלונג פון אירע פריינט אין בוענאָס־איירעס, אַז אירע עלטערן זאָלן איר דערלויבן צו פאָרן אין אַרגענטינע וואָס ליגט ערגעץ אין עק וועלט.

ביילקע האָט זיך געפילט זייער גליקלעך ווען אירע עלטערן האָבן ענדלעך איינגעשטימט; איר טאַטנס געשעפטן זיינען נישט געווען קיין גלענצנדיקע, קוים קוים געצויגן דאָס שטיקל ברויט. קרושעוואַנס אַנטי־סעמיטישע אַגיטאַציע אין יענעם יאָר איז געווען ווי אַ שוואַרצע פּעסט אויפן בעסאַראַבער יידנטום. די פּויערים פלעגן די זונטיקס אָנקומען אין שטעטל אַריין און אויפן מאַרק מיט שטיקלעך פּי, געפּאָדערט אַ דאָפּלטן פּרייז און ספּעציעל ביי יידן. אָט די שווערע לאַגע האָט אירע עלטערן באַוויגן צו דערלויבן ביילקען צו פאָרן קיין אַרגענטינע. די לאַגע האָט געווירקט מער ווי די בקשהס פון זייערע פריינט. מיט וויייטיק האָבן

טאטע־מאמע איבערגעקלערט, איבערגעמאסטן און נאָכגעדענקט. עפּעס א קליינקייט א מיידל אַליין אין אזא ווייטן לאַנד, א לאַנד פון ווייסן שקלאַפן־האנדל. די פארצווייפלטע לאַגע האָט אָבער אַלץ איבערגעוווגן. ערשטנס איז זי נישט קיין פארשלאָפן קינד און צווייטנס איז דאָך אר־גענטינע פאָרט א גאָלדענע מדינה; אפשר וועט זי דאָרט באַגליקט ווערן און זיי אַלעמען ארויסראטעווען פון די שרעקלעכע, שווארצע, מיט בלוט פאַרגאָסענע קרושעוואנס נעגל.

אין דער צייט וועןביילקע האָט זיך גענומען גרייטן אין וועג אריין האָט זי זיך געפילט איבערגליקלעך: עפּעס א קליינקייט — בוענאָס־איירעס! ערשטנס א פרייע רעפּובליק ווו מען קען פריי ארויסזאָגן א מיינונג; נישטאָ דאָרט קיין פּאָליטישע פארפאָלגונגען, לויט אירע פריינט און חברים האָבן איר געשריבן; זי האָט זיך פאָרגעשטעלט בוענאָס־איירעס ווי א מאָסקווע אָדער א פעטערבורג מיט גרויסע פאבריקן און זאוואָדן, מיט אַן עכטן פאבריק־פּראָלעטאריאט. מען וועט זי מער נישט האַלטן פאר דער קליינשטעטלדיקער שניידער־מיידל; זי וועט ארבעטן אין א גרויסער פאבריק אין א גרויסער וועלט־שטאָט ווו עס איז דאָ א מאשינער־פראיזוואלדסטלער וואָס איז די הויפּט־קראפט, ווי וואלאזשין פלעגט אין זיינע לעקציעס אויפקלערן: „די טעכניק איז די הויפּטקראפט צו דערנענטערן די סאָציאַלע רעוואָלוציע!” אין דעם איז באַשטאַנען איר צווייטע ליבע, וועלכע איז געווען אפשר אזוי שטארק ווי צו וואָלאָ־זשינען. זיין א גרויסשטאָטישע פּראָלעטארקע!

ווען וואָלאָזשין איז ארויפגעשוווּמען אויף דער אויבערפלאַך פון איר יונג קלאַפּעדיקן הארץ, זיינען אַלע איבעריקע פריידן אירע אָפּגע־שטויסן געוואָרן פון א שווערן בלייאיקן זיפץ; פּיצלעך אָפּגעריסענע בילדער האָבן זיך איר געפּלאָנטערט אין געדאנק און האָבן אַלץ מער צעשרויפט איר יונגע גליענדיקע נשמה; די עקסטרע־לעקציעס וואָס זי פלעגט נעמען צוויי מאָל א וואָך ביי וואָלאָזשינען אין קאבינעט, זיינען געווען מיט יוגנטלעכן גלי.

זי איז אַלעמאָל געווען די זיגערן איבער אירע חברטעס אין אַלגע־מיינע דיסקוסיעס. חברים האָבן איר מקנא געווען, חברטעס נישט פאר־גונען... זיי פלעגן מורמלען אין דער שטיל: אַז אירע לאָקן זיינען וואָלאָ־זשינס צייט־פארטרייב... און זי אַליין איז זיין פוסבענקעלע.

די באַציונגען צווישן חברים און חברטעס זיינען אין יענער צייט געווען פרייע; נישט איינמאָל פלעגט וואָלאָזשין זיצן ביי דער זייט פון ביילקען און גלעטן אירע בלאָנדע לאָקן, וועלכע פלעגן זיך פארשייט פּלאָנטערן איבער איר געטאָקטן נעזל; וואָלאָזשין פלעגט זאָגן: דיינע לאָקן ביילקע זיינען ווי די פאנטאסטישע וואסערלעך פון די בערג־קוואַלן, וועלכע קרייזלען זיך איבער די ברוינע געשליפענע שטיינדלעך,

פאַלן איבער די זוימען פון די בערג, שלענגלען זיך איבער די פּאַרדרייטע שטעגן פון טאָל און פאַרשווינדן ערגעץ אין דער אומענדלעכקייט.

ביילקע האָט ביי די געדאַנקען אויפגעוואַכט ווי פון אַ לאַנגן מידן שלאָף און שטיל ווי אין חלום פאַר זיך געמורמלט: ווי וווּנדערבאַר דאָס לעבן איז; אַלע מענטשלעכע פאַנטאַזיעס פירן צו דער ווירקלעכקייט; אין אַ פּאָר וואָכן אַרום וועט זי זיין אין אַ לאַנד וואָס ליגט אַזוי ווייט ווי די אומענדלעכקייט און זיין נעבן דעם, וועלכער האָט איר מיט אַזוי־פיל באַגייסטערונג און איבערגעגעבנקייט צום לעבן איר דערוועקט!

ביילקעס צווייטע ליבע איז אין בוענאָס־איירעס פאַרווירקלעכט געוואָרן: זי איז געוואָרן אַ פּראָלעטאַריערן אין אַ גרויסער שניידער־פאַבריק; נישט געפאָלגט די ראַטן פון אירע פריינט אַז מען וועט איר קויפן אַ מאַשין, איר רעקאָמענדירן אַרויסצונעמען אַרבעט פון אַ געשעפט, זי וועט קאָנען צונעמען אַ פּאָר מיידלעך און וועט זיך מיט דער צייט אַרויפאַרבעטן; ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן, זי האָט אָפן דערקלערט אַז עס איז קעגן אירע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע איבערצייגונגען; קאָוועסעס שניידער־פאַבריק איז געוואָרן איר ערשטער דערהויבענער פּראָלעטאַרישער שטאָלץ.

נאָך דער אַרבעט האָט ביילקע קיין איין פרייע מינוט נישט געהאַט; זי פלעגט אַרומגיין פון איין לאַנדסמאַן צום צווייטן, וועלנדיק זיך דערוויסן ווו וואָלאָזשין געפינט זיך; ענדלעך האָט זיך איר איינגעגעבן צו דערגיין, אָבער איר ערשטער טרעפן זיך מיט וואָלאָזשינען איז געווען אין זייער נישט קיין אָנגענעמען מאָמענט; ער איז געווען אינטערנירט אין איינער פון די רייכסטע סאַנאַטאָריעס פון די גרעסטע ספּעציאַליסטן, ווו ער האָט איר אין קורצע ווערטער דערציילט זיין ביאָגראַפיע פון די קנאַפּע פינף יאָר וואָס ער לעבט אין אַרגענטינע. פאַר אַלץ האָט זי זיך נאָכגעפרעגט אויף זיין קלוגן און גוטן פאָטער; וואָלאָזשין האָט מיט טרערן אין די אויגן איר געענטפערט: „ער האָט קלוג געלעבט און פאַרנאַנגען ווי אַ מאַרטירער.” זיין ערגעניש האָט איר נישט דערלויבט צו פרעגן איינצלהייטן. ביילקעס בלויע שיינע אויגן זיינען פייכט געוואָרן, זי האָט זיך באַהערשט און מער נישט געפרעגט.

וואָלאָזשין האָט איר דערציילט אַז ביים אָנקומען האָט ער געפּרווּוט פאַרזעצן זיין לערנען אָבער די מאַטעריעלע באַדינגונגען האָבן אים געצוווּנגען איבערצורייסן: „מיין טאַטנס ערשטע לערע איז מיר דאָ צונוץ געקומען, איך בין אַן אויסגעצייכנטער קענער אין דער ווייַן־פּראָדוקציע. איך האָב גלייך פאַרלאָזן די הויפּטשטאָט און געפונען קיין מענדאָסאַ אין דער שטאָט פון די ווייַנגערטנער און ווייַן־פּראָדוקציע.”

די ערשטע צייט איז געווען אַן אומדערטרעגלעכע פּלאָגעניש; איך האָב געמוזט קאָנקורירן מיט אַלע ברווינע אָרעמע פרויען און מיט

זייערע קליינע נאַקעטע קינדער, וואָס האָבן אפילו קיין שמאַטעס נישט אויף זייערע לייבער; זיי זיינען דאָס געווען די שניידער און די שלייבער פון די טרויבן און איך זייער קאָנקורענט, ביז וואַנען איך האָב באַוויזן מיינע פעיקייטן; און איצט זעסטו דאָך, ליג איך אין אַן ערשטקלאַסיקע סאַנאַטאָריע, ווייל מיט געלט קען מען זיך אויך אַמאָל פון טויט אויסקויפן... איך פאַרמאָג גרויסע שטרעקעס וויינגערטנער, וואָס זיינען דריי מאָל גרעסער פון אונדזער גאַנץ שטעטל; איינגענע באָדעגעס, כמעט אַן איינגן שטעטל, איך טו וואָס מיין האַרץ גלוסט מיט איין וואָרט איך בין דער גובערנאַטאָר פון שטעטל... ביילקע האָט צוגעגעבן מיט אַ שמייכל: אַ סאָציאַליסטישער? — זי האָט אָבער באַמערקט אַז אים איז שווער צו ריידן. זי האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר אים, געבעטן ער זאָל זיך באַרואיקן; ווען ער וועט זיך בעסער פילן וועט זי אים מיט פאַרגעניגן אויסהערן, ווייל קיין בעסער פאַרגעניגן אין לעבן האָט זי נישט, ווי נאָר זיין נעבן אים און אים הערן ריידן: איך בין גרייט אייך צו דינען ווי אַ שוועסטער און אפילו ווי אַ מאַמע! זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט, ער האָט אַ לייכטן ציטער געטאָן און האַלב נערוועז אַרויסגעשטאַמלט:

— די זעלבע בלויע פינקעלדיקע אויגן, די זעלבע פאַרשייטע לאָקן —אַך ווי עס בענקט זיך נאָך אַ היימיש שטיקל ברויט...

ביילקע האָט זיך פאַררויטלט און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן אים שמייכלענדיק געענטפערט:

— דאָס אַלץ וואָלאָזשין איז געווענדט אַן אייער גוטן, ערלעכן ווילן.

זי האָט אים געוווּנטשן אַ זיי־געזונט און ווידערזען, זיך איבערגעבויגן און אים אַזאַ צאַרטן קוש געגעבן אין דער האַנט; ווען זי האָט פאַרלאָזט זיין קראַנקן־צימער האָט ער זיך צעוויינט.

אַ מחנה מיט דערינערונגען האָבן זיך אַ לאָז געטאָן ווי אַ רויבפויגל אויף זיינע שוואַכע געדאַנקען. די קינדער־יאָרן, דער דערוואַקסענער געבילדעטער וואָלאָזשין, דער סאָציאַליסט וואָס האָט זיינע ציינער אויפגעגעסן איבער מאַרקס'ס קאַפּיטאַל. ביי די געדאַנקען האָט ער זיך זיגעריש אויפגעזעצט אויפן בעט: ער איז דאָך געווען צווישן די ערשטע אויפקלערער פאַרן אַרבעטער־קלאַס! נישט איינמאָל געשטאַנען אַזוי נאָענט צום עשאַפאָט, אָדער סיביר; דעם לעצטן פאַל האָט ער צום פאַרדאַנקען זיין פאַרשטאַרבענעם קלוגן פאָטער. דערמאָנענדיק זיך אַן זיין טאַטן האָט אים אַ מאָדנער צוק געטאָן ביים האַרץ. אַ זייטיקער וואָלט גלייך באַמערקט אין זיין אויסדרוק דאַנקבאַרקייט און פאַראַכטונג צוזאַמען צו זיין אייגענעם פאָטער. דאַנקבאַרקייט פאַר זיין שפּילעוודיקער קלוגשאַפט וועלכע האָט אים געראַטעוועט פון די צאַרסקע נעגל, פאַראַכ־

טונג וואָס פונקט זיין טאַטע האָט באַדאַרפט זיין אַ ווייַנהענדלער און איס אויסלערנען די דאָזיקע „קאָנצט", וואָס האָט איס געמאַכט פאַר אַ געזעלשאַפטלעכן פאַרברעכער ווו אַלץ בויגט זיך פאַר זיין קאַפּיטאַל. די מאַמע מיט דער טאָכטער זיינען זיינע... די באָבע מיטן אייניקל אויך; טויב געוואָרן צו די אומוויסנדיקע קרעכצן וואָס בענקען נאָך אַ שטיקעלע לעבן וואָס שטייט אין זיין הייליקער תורה וואָס ער האָט אַמאָל אַזוי הייס און ערלעך געפּרעדיקט און פאַרטיידיקט, אַזוי פאַרדאָרבן ווערן האָט ער זיך נישט געריכט; דער קאַפּיטאַל צום טייוול! וועלכער נעמט דיך אַרום מיט אַמעריקאַנער אייפער, געלט און געלט! אָט דער געפיל קלאָר־מערט זיך אַזוי איין אַז דו פאַרגעסט פון דיין אייגענעם נעכטן, און דו גייסט אין שפּאַן צווישן די ביזנעס־פערדלעך, גאַלאָפּירסט איבער לעבנס.

אין דעם זעלבן שיין האָט ער אויף מאָרגן איבערדערציילט ביילקען זיין דורכגעמאַכטן וועג אין אַרגענטינע און ווי אַזוי ער איז געקומען צו זיין פאַרמעגן.

ער האָט אָבער פאַרשטאַנען אַז זי איז נאָך געגנוג ערלעך. מיר מוזן אָנהייבן פון דער שיינער זייט, זי איז דאָך גרייט איס צו זיין אַ היימיש שטיקל ברויט... זי וועט אַמאָל צוגוין קומען. דער ערשטער איינדרוק פון זיין אַרויפאַרבעטן זיך קען זי ווייט אָפּשטויסן פון איס, נאַיווע זיינען זיי ווי קינדער, פאַר זיי מוז מען מאָלן נאָר די שיינע זייט פון לעבן. ער קאָן דאָך איר נישט דערציילן אַז די אַלטע איטאַליענערן גוט באַזיצערן כאַסעפינאַ, וועמענס מאַן און קינדער זיינען אומגעקומען אין דער וועלט־מלחמה, ווי ער איז געוואָרן איר אויפזעער און ראַטגעבער און געירשנט איר פאַרמעגן דורך שווינדל פאַר איר טויט.

זייער געשפּרעך האָט זיך אַזוי פאַרצויגן און דער דאָקטאָר האָט איס געוואָרנט אַז ער וועט פאַרבאָטן די וויזיטן, ווייל צופיל ריידן קען איס שאַטן צום געזונט. נאָכן שילדערן פאַר ביילקען די אַנדן־בערג און דאָס אַרומיקע, האָט איס געמאַכט פאַרגעסן אַז ער איז קראַנק. ביילקע האָט מיט אַזאַ דורשט געשלונגען יעדעס וואָרט אַז זיין ריידן האָט זיך געדוכט אַז עס איז נישט איצט. ער דער פאַרדאָרבענער און זי די פרייע, ערלעכע, נאָר ס'איז אַמאָל די גוטע ערלעכע נעכט פון זיינע לעקציעס פון וועלט פּראָבלעם און וועלט־דערלייזונג.

— אַ וואונדערלעכע פּאַנאָראַמע איז מענדאָסאַ — דערציילט ער איר. די געשלענגלטע וואַסערלעך פון די בערג־קוואַלן, וואָס פאַרלירן זיך אין טאָל פון אונדזער שטעטל איז גאָרנישט קעגן די וואַסערפאַלן פון די קאָרדיליערן, דאָס הייסט די אַנדן־בערג; זומערצייט ווען די זון גיט זיך אַ שפּיל מיטן אייביקן שניי, וועלכער ליגט מאַיעסטעטיש איבער זיי ווי אַ זילבער־קרוין, דו מערקסט טונקעלע טיפע פאָלדן ווי אויף אַן ערשט צעאַקערט פעלד און מערקווירדיק ווי דו זעסט נאָר די קנייטשן

ווי אויף אַ ניינציק־יעריקן זקן; און דאָס געהיימניש וואָס רינגלט זיך און שלענגלט זיך אַנטפּלעקט זיך פאַר דיר אין מיטן שטאָט. אין ברייטע אָפענע קאַנאַלן, ביי די ברעגן פון רוישיקע גאַסן, יאָגט אַ געלער מוטנער וואַסער, וואָס טראָגט מיט זיך דעם אייביקן סוד פון די קאָרדיליערן; זיי האַלטן מער קאָנספּיראַציע ווי אַנדערע רוסישע סאָציאַליסטן... ביילקע האָט ביי דעם פאַרגלייך אַ שמייכל געטאָן און צוגעגעבן:

— ווען איר וואָלאָזשין וואָלט נישט געווען געמאַכט דעם פאַר־גלייך, וואָלט איך דאָס אָנגענומען פאַר אַ פאַראַט.

— ס'קאָן זיין אַז איך בין איצט נאָך מער געזונקען ווי דער אויס־דרוק פאַראַט לאָזט זיך פאַרשטיין; מיר ריידן איצט נישט פון סאָציאַליזם נאָר פון נאַטורשיינקייטן אין און אַרום מענדאָסאַ.

— איך האָב אָבער אויך דורכגעלעבט אַנגסטלעכע צייטן, ביז מיין קענטעניש אין דער וויין־אינדוסטריע האָט זיך גוט באַצאָלט און אַזוי האָב איך אין אַ קורצער צייט געמאַכט אַ קאַפּיטאַל, וואָס האָט מיר דערלויבט צו קויפן אַן אייגענעם ווייננגאָרטן אין סאָפּאָטע אַ מין האַלב־שטעטל און עס פעלט נאָך אַ קלייניקייט, אַז איך זאָל ווערן דער גאַנצער באַזיצער פון דעם האַלבשטעטל.

— דעם ערשטן מאָל ווען איך האָב געמאַכט די רייזע אין דעם האַלבשטעטל בין איך אַזוי פאַרוווּנדערט געוואָרן אַז איך האָב נישט געוווּסט וווּהין פריער צו וואַרפן מיינע אויגן. עטלעכע שעה רייזע פון מענדאָסאַ ביז טופּונגאַטאָ, פון דאָרט מוז מען פאָרן מיט אַ וואָגן אַ פופציק קילאָמעטער ביז סאָפּאָטע; דער פורמאַן אַ גאַוטש האָט מיר דערציילט פאַרשיידענע לעגענדעס אויפן געשלענגלטן וועג וועלכער איז געשניטן צווישן די בערג; אַ מאָדנע צוציונגס־קראַפט האָבן אין זיך די געדיכטע קוסטעס, וואָס טראָגן אויף די שפּיצן פון זייערע פּאַטלעס געלע בלימעלעך ווי אייגענע פּעסטע קרוינדלעך, וואָס שמעקן מיט טויט. וועגן די בלימעלעך האָט מיר דער גאַוטש מיט שרעק דערקלערט:

— דאָס זיינען געדיכטענישן פון פאַרצייטיקע גייסטער, ווען שפּאַ־ניע האָט אַריינגעדרונגען אין האַרץ פון אַרגענטינע, זיינען די אינדיאַ־נער פאַריאָגט געוואָרן צווישן די קאָרדיליערן. און געוואַנדערט האָבן זיי טאָג און נאַכט ביי די זוימען פון די בערג און גערופן האָבן זיי צו די גייסטער, וועלכע האָבן געהאַט זייערע געצעלטן אויף די שפּיצן פון די בערג, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט צווישן די וואָלקנס נאָענט צו די הייליקע טויערן פון הימל. רופנדיק און בעטנדיק האָבן זיי אויסגעהויכט זייערע לעבנס, ווייל די געטער אַנשטאָט רעטונג האָבן קללות געשיקט צו זיי פאַרוואָס זיי האָבן זיך געלאָזט באַהערשן, פאַרוואָס זיי האָבן זיך געלאָזט פאַריאָגן, פון דעמאָלט אָן איז אויף יעדן אומגעקומענעם

לעבן אויסגעוואקסן די געלע בלימעלעך, וואס טראגן מיט זיך דעם סוד פון טויט.

נאך די אומגעקומענע האבן שרעקלעכע קרעכצן פון די גייסטער אראפגענידערט און די ערד דורכגעלעכערט פון דעמאלט אן זיינען גע־בליבן די טיפע און ברייטע טאלן.

ביינאכט ווארפן זיי אן א שרעק אויף דער ארומיקער געגנט; האבן אונדז עלטערן געלערנט צו גיפט באנוצן גיפט. אזוי באנוצן מיר צו אלע קראנקהייטן די טויטן־בלימעלעך וועלכע ווערן איבערגעקאכט אין וואַ־סער וואס יאגט פונעם צעשמאלצענעם שניי, וואס די גייסטער שיקן אונדז אראפ, דערמיט ווערט אנגעריבן דער קערפער פון קראנקן און די מערסטע קראנקע ווערן געזונט.

וואלאזשין האט גוט קאנטראלירט זיין יעדע ארויסגעזאגטע פראזע, בכדי נישט אריינצופאלן אין אמת וועגן זיין ארויפגעארבעטער פאזיציע, וואס האט אים דערהויבן צום רייכסטן גוטבאזיצער פון יענער געגנט.

די צייט פון וואלאזשינס דערציילטע פייסאזשן האט זיך פאר ביילקען ארויסגעוויזן ווי אן אייביקייט. זי האט געהאלטן זיין האנט אין אירע און אים לײדנשאפטלעך געקושט. ווען זי האט דערפילט זיינע ארעמס ארום איר גליענדיקן קערפער פון לײדנשאפט, האט זי אויפגע־מאכט די אויגן און א פארשעמטע אראפגעשפרונגען פון בעט.

נאך ביילקעס פארלאזן אים, איז ארויפגעשווומען אויף דער אויי־בערפלאך פון זיין אונטערבאוווסטזיין דער אמאליקער מענטש. ער וואלט זיך זיכער אין יענע ערלעכע קאמפס־יארן נישט דערלויבט דאס צארטע ערלעכע מיידל אזוי באליידיקן: מער ווי ביז א שפיל טאן זיך מיט אירע לאקן וואלט דאס נישט דערגרייכט. ער איז אבער געקומען צו זיין הארטן דערווידערדיקן באשלוס: אויב דו וועסט יענעם נישט אויסנוצן, וועט יענער דיך אויסנוצן; און פאלן וועלן אויף דיר בלויז באדויערנדיקע זיפצן און וועסט בלייבן דער אייביקער נאר.

ביים פארלאזן בוענאס־איירעס, האט ער פאר ביילקען בלויז עטלעכע ווערטער אויפגעשריבן „זי האט אין אים א טעות געהאט — ער איז שוין נישט מער דער אמאליקער וואלאזשין נאר ער הייסט דאן וואדיס־לאוו.״

נאך די גליקלעכע מאמענטן, וואס ביילקע האט אזוי געבענקט און געגארט צו זיין אזוי נאענט נעבן וואלאזשינען; זי האט נעגלויבט אז דער קלוגער איינפאל פון יאנקל קאפמענטש וועט אמאל זיין די גליקלעכע ווירקלעכקייט. אבער די עטלעכע אויפגעשריבענע ווערטער פון אים האבן איר געמאכט גאר פאר אן אנדערער. די איינציקע טרייסט אירע איז געווען אז זי האט זיך איבערגעגעבן דעם מענטש וואלאזשין און נישט דעם ברוטאלן דאן וואדיסלאוו.

אין טאָג פון די טויטע

גריגאָריאָס עלטערן האָבן נישט געוווסט אַז זייער זון האָט געענדערט דעם נאָמען פון גריגאָריאָ פּערלשטיין אויף פּערעס גאַרסיאַ, און איז אומדירעקט געוואָרן טאָרקוועמאַדאָס אייניקל. וואָס גריגאָריאָס עלטערן האָבן יאָ געוווסט איז, אַז זייער זון גייט אַרום מיט אַ קריסטלעך מיידל. עס האָבן נישט געהאָלפן דעם פּאָטערס רייד, נישט דער מוטערס טרערן; הגם ער האָט רעספּעקטירט זיינע עלטערן, זיינען דאָך זיינע יינגלשע געפילן פאַרהילט געוואָרן אין אַ מאָדנעם שלייער, באַפּוצט מיט מלאכים־פליגל... וועלכע האָבן איינגעוויגט אין אַזאַ ליבע־שכרות, אַז עס האָט אים געמאַכט פאַרגעסן וווּ זיין וויגל איז געשטאַנען, און אין די אַנגסטלעכע נעכט פון טאַטע־מאַמע ביז מען האָט אים דערלעבט צו זען אַ גרויסן. די אַמאָליקע קינדער־לידלעך האָבן זיך ביי זיינע עלטערן פאַרוואַנדלט אין זיפצן און קרעכצן; געזוכט פאַרשיידענע מיטלען ווי אַזוי אים אָפּווענדן פון דעם שרעקלעכן שריט, זייערע האָפענונגען צו האָבן אַ גוטן געטרייען זון האָט מיט איין שלעכטן שפּאַן אין לעבן אַלץ פאַרווישט!

זיינע עלטערן האָבן געהאַט גענוג ביישפּילן פון אַנדערע פאַמיליעס וועמענס גאַנצער לעבן איז איינגעהילט אין טרויער. די אַלטע ריווטשע האָט געוווסט צו דערציילן פון אירער אַן אַלטער יוגנט־חברטע, וועמענס זון האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסטלעך מיידל; און אַזוי ווי דער זון איז געווען ביי איר דאָס איינציקע פאַרמעגן נאָך איר מאַנס טויט, האָט זי געמוזט שלום מאַכן מיטן געדאַנק און נאָכגעבן דעם פינסטערן שיקזאַל. און חיה לאה האָט אַזוי דערציילט וועגן איר צעשטערט לעבן.

די „מחותנסטע" אירע האָט אין איינעם אַ שיינעם טאָג איר איינגעלאַדן אויף אַ שפּאַציר, און נישט וועלנדיק פאַרשאַפן איר זון קיין עגמת־נפש, האָט זי די איינלאַדונג אָנגענומען. ווען זיי זיינען פאַרביי־געגאַנגען אַ קלויסטער, און די גלעקער האָבן זיך צעקלונגען, איז ווי אַ

בייזער שאָטן וואָלט זיך אָוועקגעשטעלט צווישן זיי. אויף חיה לאהן האָט אַ ציטער געטאָן די הויט; ווי אַ גרויל וואָלט איר אַריבער איבערן לייב. איר קריסטלעכע מחותנתטע האָט איר איינגעלאַדן אַריינגיין אין קלויסטער זיך מתוודה זיין און זאָגן אַ תפילה פאַר דער הייליקער מאַריע. דער אַלטער חיה לאהן האָבן זיך טרערן געשטעלט אין די אויגן, אָן אויפגערעגטע האָט זי געזאָגט: „ווער עס האָט געזינדיקט קעגן גאָט און מיין פאָלק איז מיין זון! איך האָב נישט געזינדיקט און איך האָב זיך נישט פאַרוואָס מתוודה צו זיין! אויב איר ווילט אַריינגיין וועל איך צוואַרטן אויף אייך.״ — איר מחותנתטע האָט איר מיט אַ רחמנות־בליק אָפּגעמאָסטן פון אונטן אַרויף, זיך איבערגעצלמט, פאַרדעקט דעם קאָפּ מיט אַ שוואַרץ טיכל און אַריין אין קלויסטער. עישו׳ס בלוט האָט אַ שטראָם געטאָן איבער איר גאַנצן לייב, און מיט צאָרן אין זיך אַריינגערעדט — אָט אַ שעלמע! אונדזער גאָט געהרגעט און וויל אים אפילו קיין מחילה נישט בעטן!

דער מאָמענט האָט חיה־לאהן מאָראַליש און פיזיש צעבראָכן, זי האָט גענומען דעם טראַמוויי און געקומען צו זיך אהיים. אַליין מיט זיך, האָט אַ טרערן־קוואַל ווי אַ האַרבסטיקער רעגן אַ שפּאַר געטאָן אין אירע אויסגעוויינטע אויגן; אַ גאַנצן נאָכמיטיק ביזן אָוונט האָט זי ביטער געוויינט און געקלאָגט אויף איר ביטערן מזל „בעסער וואָלט איך דאָרט אומגעקומען מיט די הייליקע מאַרטירער, איידער דאָ אין דער פרייער אַרגענטינע פאַרפלאָכטן ווערן אין אַ נעץ פון צלם־קעפּ.״

אין אָוונט איז אַריינגעקומען איר זון פערעס גאַרסיאַ — זי האָט שוין געוווסט זיין אמתן נאָמען... אָן אויפגערעגטע געשפּרייזט איבערן צימער הין און צוריק, פון גרויס אויפרעגונג קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסריידן. חיה־לאה האָט אויף אים געקוקט מיט אַ ציטער אין הארצן! אין דעם איינעם טאָג איז זי עלטער געוואָרן מיט 10 יאָר. גאַרסיאַ האָט זיך ביסלעכווייז באַרואיקט... אָט דער גאַרסיאַ וועלכער איז געווען אַזוי צאַרט צו זיין מאַמען און איר דאָך געוואָלט איבערצייגן אַז אַלע מענטשן זיינען גלייך... זי זאָל נישט זיין עקשנותדיק פאַנאַטיש, אויב זי וויל נישט אָנווערן איר איינציקן זון, האָט ער איר איצט „איידל אָנגעמערקט״:

„דו הערסט מאַמע, האָסט אַנדערש נישט געקאָנט ענטפערן מיין שוויגער!... לויט דיין ענטפער איז זי אַ זינדיקע! און דערצו זי אַזוי באַליידיקן און איר איבערגעלאָזט ווי אַ הונט אויפן גאַס!״

„זי האָט זיך אַליין אָפּגעריסן ווי אַ הונט אויפן שטריק!״ איר קול האָט געציטערט ווי בלעטער אין אַ שטורעם־ווינט! די טרערן האָבן זיך געקיילט אויף איר צעאַקערטן פנים זי האָט אויף בלויז אַ פּאָר ווערטער געענטפערט.

„אויב אונדזער גאָט איז אמת זאָל ער דיר באַצאָלן פאַר מיינע

ליידן! איך וואָלט דיר געהייסן שיבעה זיצן און קדיש זאָגן נאָך דיין מאַמען, נאָר וואָס פאַרשטייט אַ גוי אין אַזעלכע זאַכן!" — זי האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און מיט מער ציטער אין איר קול פאַרגעזעצט אירע לעצטע ווערטער צו איר געוועזענעם זון:

— יאָ, צו דער לעצטער סטאַנציע, אין מושב זקנים דאָרט וועל איך אָפּלעבן מיט מיין יידישן גלויבן פון קיינעם געשטערט!

פערעס גאַרסיאַ האָט אַ שפּרייז געטאָן צו דער טיר אָן אַ וואָרט אַרויסצורייידן אַרויס ווי אַ ווינט אויפן גאַס. חיה־לאה האָט אַראָגעצויגן די שיך פון אירע פיס, זי אַראָפּגעלאָזט אויף דער פּאָדלאָגע און מיט בלוטיקע טרערן אויסגעקרעכצט:

„מער ווי איין שעה שבעה האָט ער נישט פאַרדינט" ווי נאָך אַ שטורעם האָט זיך איר מוח אַ ביסל אויסגעלייטערט און זיך אַריינגע־טראַכט וועגן די סיבות פון איר פאַרלוירענעם זון.

יאָ, זי געדענקט ווי ערשט נעכטן איז דאָס געווען, ווען איר מאַן איז קראַנק געוואָרן, געווען כמעט נישט פעיק פאַרצוזעצן זיין פיזישע אַרבעט. געמוזט דינגען אַ צימער אין דער באַוווסטער קאָנווענטיזשע אויף פּאַסאָ און סאַרמיענטאָ, וווּ מען האָט זיך געשטיקט אין רויך און אין טשאַד פון די רינדערנע פלייש אין די בראָטאייזנס. גרעגאָריאָ איז דאַמאָלט צען יאָר אַלט געוואָרן און שוין געמוזט אַרויסהעלפן אין דער פּרנסה. איר מאַן איז כסדר געווען פאַרנומען ביי געזעלשאַפטלעכע אַר־בעטן, געהאָלפן רייניקן די פאַרפעסטעטע לופט אויף דער יידישער גאַס. יאָ זי געדענקט עס איז געווען אין יענער צייט ווען איר מאַן האָט גע־האָלפן גרינדן די ערשטע יידישע מאָדערנע באָראָכאָוו־שולע. עס האָט אָבער אויסגעפעלט עטלעכע פעזעס פאַרן שכר־לימוד. מען האָט אויך פון דער אַרבעט נישט געקאָנט אָפּרייסן, ס'וואָלט אפילו אויף קיין ברויט נישט געווען. אַ סך מאָל זיינען שולדיק די אומשטענדן, וואָס מען קאָן נישט געבן די קינדער קיין יידישע דערציונג — האָט זיך חיה־לאה געוואָלט טרייסטן — וואָלט ער געקאָנט כאָטש אַביסל יידישע געשיכטע, וואָלט ער זיכער אין קיין פרעמדן גאָרטן נישט געקראָכן! וואָלט ער גע־ווסט אַביסל וועגן יידישע פּאָגראָמען, וואָלט ער פאַרשטאַנען דעם אונטערשייד פאַרוואָס אַלע מענטשן זיינען נישט גלייך... צו שטאַרקן דעם גלויבן און זיך אַליין, מוז מען קאָנען די געשיכטע פון אייגענעם פּאָלק! פאַרשפּאָרט מען אויפצוהאָדעווען אַ שונא־ישראל פון אייגן בלוט און פלייש! וויל איז צו דיר בערנאַרדאָ, וואָס דו האָסט נישט דערלעבט דעם גרויסן אומגליק, וואָלסט במילא פון צער און ווייטיק אַוועק פון דער וועלט.

נאָך חיה־לאהן איז קיינער קיין שבעה ניש געזעסן, בלויז עטלעכע פרעמדע טרערן זיינען געפאַלן נעבן איר פרעמדן בעט: בלויז איין קדיש

האָט דער שמש געזאָגט איבער איר פרישן קבר, בלויז האַרבסטיקע ווינטן האָבן אויפגעכאַפּט דעם יתגדל און דערמיט אַלע אירע צרות פאַרווישט.

גריגאָריאָ האָט געוווּסט אַז ביים אָפענעם קבר בעט מען די טויטע זיי זאָלן מוחל זיין די לעבעדיקע, ער איז געווען איבערצייגט אַז אים וועט זיין מאַמע נישט מוחל זיין, ער האָט דאָס געפילט אויף זיין געוויסן און לייב און לעבן! די ערשטע צייט נאָך זיין מוטערס טויט איז ער אַרומגעגאַנגען אַ דערשלאָגענער, אַ פאַרבענקטער געזוכט ערגעץ אַ טרייסט־וואָרט פון אַ מאַמען, אָבער ביי קיינעם נישט געפונען.

ווען די בעסטיאַלישע היטלער־אידעאָלאָגיע האָט זיך אויף שוואַרצע פליגל פאַרשפּרייט האָט זי אויך זיין סביבה נישט אויסגעמיטן, איז אים ענג געוואָרן אין זיין אייגענער היים. הגם אַ געבוירענער אין אַרגענטינע, האָט מען אויף אים געקוקט ווי אויף אַ „כודיאָ פּאָדרידאָ”. דעם איינציקן טרייסט האָט ער געהאַט אין זיין פרוי מיט זיינע 2 קינדער וועמען ער האָט ליב געהאַט און רעספּעקטירט. זיין פרוי זאַוועלינאַ דע פּערעס גאַרסיאַ האָט אים מיטגעפילט און פאַרשטאַנען, אַ מאַמע אים געוואָלט זיין, אָבער נישט געקאָנט...

ווען ס'איז אָנגעקומען דער טאָג פון די טויטע איז זאַוועלינאַן אַ גליקלעכער געדאַנק אַרויפגעקומען. זי האָט געוווּסט אַז חיה־לאה איז באַערדיקט געוואָרן אויף טאַבלאַדע. האָט זי גריגאָריען צאַרט און פאַרזיכטיק פאָרגעלייגט אַז אין טאָג פון די טויטע זאָלן זיי אַוועקלייגן אויף דער מאַמעס קבר בלומען און זאָגן אַ תפילה פאַר איר נשמה וועגן. גריגאָריאָ האָט געוואָרפן אַ שטרענגן בליק אויף איר און מיט ציטער אַרויסגערעדט:

— אָבער נישט קיין קלויסטער־תפילה. זאַוועלינאַ האָט אים ווייך אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און געזאָגט:

— אין אַזאַ פאַל אויף וועלכן לשון מען זאָל אַ תפילה זאָגן איז דאָס נישט מער ווי אַ טרייסט פאַר די נשמהס וואָס שוועבן אין די הימלען, פון וועלכן גלויבן זיי זאָלן נישט זיין. דאָרט איז פאַראַן בלויז איין גלויבן און מען איז זיך מוחל דאָס שלעכטס, וואָס איינער דעם אַנדערן האָט געטאָן אויף דער זינדיקער ערד.

אַזוי ווי דער ערשטער טאָג פון די טויטע, איז געווען שבת, האָט פּערעס גאַרסיאַ באַשלאָסן נישט צו גיין צו דער אַרבעט און גלייך אינדערפרי פאָרן צום בית עולם פון טאַבלאַדע. ווען זיי זיינען צוגעקומען צום טויער איז אַלץ געווען געשלאָסן, קיין איין לעבעדיקער מענטש. אַרום האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. זאַוועלינאַ האָט שטיל געזאָגט, ווי זי וואָלט נישט געוואָלט שטערן די רו פון די טויטע:

— אַ גליקלעך פאָלק זענט איר! אפילו די טויטע האָבן ביי אייך

אַ רו־טאָג. זי האָט אויפגעהויבן די האַנט און געמאַכט אַ באַוועגונג זיך איבערצוצלמען. גריגאָריע האָט איר פאַרהאַלטן די האַנט... זי האָט דערפילט דעם ציטער פון זיין קערפּער און אויפגעהויבן אירע בליקן צו אים. צוויי גרויסע טרערן האָבן זיך געקייקלט אויף גריגאָריעס פּנים. זאַוועלינאַ האָט מיט איר ווייכן און צאַרטן גלעטן אים אָפּגעווישט די טרערן. ווי נאָך אַ לויה זיינען זיי צעבראָכענע אָן אַ וואָרט אַרויסצורײדן געקומען צו זיך אין שטוב אריין.

פאַרשפּעטיקט

יעדער אַרבעטלאָזער פאַרנעמט זיין נאַכטלעגער מיט גוטע דער־וואַרטונגען. אפשר, אפשר, מאָרגן וועט דאָס גליק פון ברויט און אַ דאַך איבערן קאָפּ אויך ביי מיר אין טיר אַנקלאַפּן.

קיין „פאַדערונגען" אין די צייטונגען פעלן נישט, איז נישט פון איין פאַך איז פון אַ צווייטן, ס'קומט אַמאָל אימיצנס רייען... אָפּגע־לאָזנקייט הייסט ווערן אַ „בירגער" אין נייעם פּאָרט און כל זמן מען איז אַ מענטש און נישט קיין „בירגער"... טאָר מען דעם באַגינען נישט פאַרשלאָפן! וואַך זיין ווי אַ מאַמע ביים בעט פון איר קראַנק קינד אַזוי פאַדערט די קראַנקע צייט פון אונדז.

אָט מיט אַזעלכע שווערע געדאַנקען האָט בערנאַרדאָ נישט ביי איין נאַכט אויסגעבאָרגט אַ פּאָר שעה שלאָפן ביז ער האָט אין אַ שיינעם באַגינען, בלעטערנדיק די צייטונגען געפונען אַ פאָדערונג פון זיין פאַך, ביי זיין גאַנצער אָנשטרענגונג צו זיין דער ערשטער איז ער געקומען דער דריטער. נישט קוקנדיק וואָס די נאַכט האָט נאָך זאָרגלאָז געוואַנ־דערט איבער דער פאַרשלאָפענער שטאָט און די נאַכט־לאַמטערנעס האָבן נאָך שארף באַלויכטן די גאַסן, איז ער דאָך געקומען צו זיין שטוינען דער דריטער...

בערנאַרדאָ האָט דערזען זיין דורכפאַל, דאָך איז דער אפשר נישט אָפּגעטראָטן פון זיין געדאַנק ווי די נאַכט פון די אָנגעשלאָפענע הייזער. דער פּאָליצמאַן האָט אים אַ שלעפּערדיקער אָפּגעמאָסטן. בערנאַרדאָ האָט פאַרקירצט די טריט, נישט צו שטערן דעם פּאָליצמאַנס דרימל...

ער האָט באַגריסט זיינע חברים, וואָס זיינען געשטאַנען לעבן טויער מיט גוטע דערוואַרטונגען. דער ערשטער האָט אים געענטפערט מיט אַ שמייכל ווי אַ זיגער... דער צווייטער האָט נישט געענטפערט אויף דער

באַגריסונג, נאָר אַ קוק געטאָן האָפענונגסלאָז אויף בערנאַרדאָן ווי איי־נער רעדט; שוין אַלע איינס, איינער מער, איינער ווייניקער, במילא פאַרשפּעטיקט...

אַלע דריי זיינען געשטאַנען שטום ווי די נאַכט, יעדער איינער איינ־געגראָבן מיט אַלע חושים אין דער אייגענער וועלטל. ווער ס'וועט קומען צו ווייב און קינדער מיט דער גוטער בשורה: געפונען!... ווער צו טאַטע־מאַמע מיט דער זעלבער נייעס. דער לעבנסנערוו האָט געקלאַפּט אָן אויפהער — אַלע דריי זיינען געקומען צום זעלבן פּונקט — אַרבעט, אַרבעט!

דער זאַרגלאָזער הימל האָט זיך גענומען צו זיין געוויינלעכן פּריש־טיק: געשלונגען איין שטערן נאָכן אַנדערן, רויט געוואָרן, ווי אַ זיגער איבער דער נאַכט, געשטראַלט מיט ליכט און פרייד. בערנאַרדאָס נער־וועזיטעט האָט געשפּרודלט ווי קאָכיקע לאַווע און זיך געהויבן פון מינוט צו מינוט. זיין רעכטע האַנט האָט זיך נישט ווילנדיק אויסגעצויגן און נערוועז אָנגעקלאַפּט אין טויער.

אַ מחנה וויאָלעטע, ווייסע, ראָב־פּינקלדיקע, באַפּעדערטע טויבן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט מיט צעשפּרייטע פליגל אויפן האַרטן ברוק, גענומען זוכן זייער פרישטיק, שרעקעוודיק געקלאַפּט מיט זייערע שנאָבעלעך אויף די האַרטע שטיינער. אַ פול געפּאַקטער אָמניבוס האָט זיך שרעק־קעוודיק אַ יאָג געטאָן אין דער הויך. דער גאַלאָן איז געבליבן דער לעצטער וואָס האָט ערשט אַזוי מאַיעסטעטיש זיך געבלאָזן, זיך געדרייט און געוואָרקעט, אויסזינגענדיק זיין פרימאָרגן־ליד, צו זיין אַרום, זיך אויך דערשראָקן פאַרן געיעג פון מאָדערנעם פויגל און דאָך זיך אויפ־געהויבן העכער פון די שרעק...

בערנאַרדאָ, אַ טיף גערירטער און פאַרטראַכטער האָט דאָס בילד אויפגענומען מיט אַ קלאָרן געדאַנק און ביידע פאַלן מקנא געווען. אויפן ערשטן פאַלן דעם מאָדערנעם פויגל וואָס האָט געיאָגט מיט די אַרבעטס־מענטשן צוזאַמענגעפּרעסט ווי הערינג אין אַ פּעסל, אַפילו נישט צו קיין געהויבענע ציִלן, נישט מער ווי ברויט צו פאַרדינען פאַר ווייב און קינדער, דאָס איז דאָך דער העכסטער פאַרלאַנג פון מענטש, וואָס לעבט אין אַזאַ צעטרייסלטער צייט.

נאָך מער איז בערנאַרדאָ מקנא געווען די קליינע באַשעפענישן, סליינטשינקע, שרעקעוודיקע גאָר איינפאַך מיט די פליגעלעך דערהייבן זיי זיך איבער אונדזערע קעפּ. בערנאַרדאָ האָט זיך אַליין געטרייסט: מיר זיינען דאָך אויך צוויי־פיסיקע חיות, מיר קענען זיך אויך דערהייבן צו אַ שענערער און בעסערער מדרגה ווי מיר געפינען זיך איצט און עס זאָל מער נישט פעלן ווי אויסצוזינגען אַ לויב דעם ניי־אויפגעקומענעם

טאָג! דאָס לעבן האָט דאָך אַזוי פיל שיינע און גוטע זייטן און פּאַלדן... נאָך מער פון דער צעאַקערטער ערד. אַזוי קומען אויף קלאַסן אָן האַר־מאָניע, אָן צוזאַמענלעבן, דעם דערשלאָגענעם פעלט מוט פאַר אייגענעם באַרוף! און אַזוי גלידערט מען אין אייגענער שרעק.

אַזוי פאַרזונקען אין דעם אומדערטרעגלעכן אַרום האָט דאָס מיטל־סטע טירל פון מעטאַלענעם טויער זיך אויפגעריגלט און אויפגעמאַכט, עטלעכע הויפנס הילצערנע ברעטער האָבן אַ גנענץ געטאָן אויפן גאַס אַרויס... אַ פאַרשלאָפענער, נאָך נישט קיין געוואַשענער פּנים מיט אַ צע־שויבערטן קאָפּ האָט זיך באַוויזן אין טירל. מיט אַ הייזעריקן, נישט קיין אויסגעהוסטן האַלדז האָט ער אַ פרעג געטאָן: „קיען עס על פּרימעראָ?״ דער ערשטער האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן אין אייזערנעם טירל... בערנאַרדאָ האָט אַ פאַרצווייפלטער אויסגעשריגן: „קאַבאַרדע! איך האָב אָנגעקלאַפּט אין טויער״... דער ערשטער האָט זיגעריש אָפּגעדראַנקט, און בערנאַרדאָ האָט ערשט איצט דערפילט אַז ער האָט פאַרשפּעטיקט.

צוריקגייענדיק מיט אַן אָנגעשפּיצטן בליק אין דער אויפגייענדיקער פרימאָרגן־זון האָט זיין האַרץ זיך אָנגעפילט מיט פרייד און האָפענונג. אַז נישט שטענדיק וועט די צייט ליגן אויף אַ גליענדיקן וואולקאַן און וועט אים און נאָך מיליאָנען מיטשלעפּן אין אָפּגרונט. ער האָט אויסגע־שטרעקט זיינע נישט פאַרקויפטע הענט צו דער אויפגייענדיקער זון און דאָך מיט אַ האַרטער פאַרביסנקייט געשאָלטן דעם טאָג מיט דער נאַכט; אָדער אייביק נאַכט. אָדער אייביק טאָג! וועט מען פאַרשפּאָרן צו יאָגן און פאַרשפּעטיקן!

די מילדקייט פון זומער־פרימאָרגן האָט אים באַזיגט. עס האָט זיך פון זיין בענקשאַפט און שטילער דערהויבנקייט מיט התלהבות אַרויס־געזונגען:

„העי דאַ הוכניעם, העי דאַ הוכניעם״!....

ווען פייגל שטאַרבן בענקענדיק...

(פון משה סטאָליאַרס טאָג־בוך)

— א —

א געוווינהייט האָט משה געהאַט, קומענדיק פון דער אַרבעט, פאַר־שאַרן די אַרבל ביז איבער די עלנבויגנס, זיך אַרומוואַשן און מיט אַ רואיקן געמיט זיך אַוועקזעצן ביים טיש, דורכשמועסן דעם טאַזשער־שטויב פון האַלדז מיט אַ זידיקער מאַטע. נאָכדעם פלעגט ער נעמען זיין אַכטיאָריקן גרעגאָריאַ אויף זיין שויס און אים דערציילן וואָס דער טאָג האָט אים געבראַכט.

מיט אַ ליבן פאָטערלעכן ערנסט האָט ער זיין זונעלע אין די בלויע אייגעלעך געקוקט, געוואָלט האָט משה אַז זיין זונעלע זאָל אים פאַר־שטיין און פילן מער ווי ער דערציילט אים, מיטפילן דעם סענטימענטאַלן צוק פון זיין נשמה וואָס קרעכצט מער אונטער ווי דערציילט...

נאָך איידער משה פלעגט פאַרטיק ווערן מיט זיין דערציילן האָט שוין גרעגאָריאַ געשנאָרכט ווי אַ זעלנער נאָך אַ שלאַכט... האָט משה אים אויף דער קאַטרע אַוועקגעלייגט, געקוקט אויף זיינע פאַרמאַכטע הערלעכע אויגעלעך און שמייכלענדיק אַ זאָג געטאָן:

— אָ, דו שקאָץ איינער, איך האָב אָבער געוווּסט אַז ביז איך וועל ענדיקן די דערציילונג וועסטו שוין שלאָפן ווי אַ הינדעלע.

משה האָט זיך איבערגעבויגן איבער זיין שלאָפנדיקן זונעלע, אים אָפּגעפּרעסט אַ פאַרזיכטיקן קוש, אַ מאַך געטאָן שטיפעריש מיטן פינגער און זיך צוריק געזעצט צום טיש. איז נאָר גרעגאָריעלע איינגעשלאָפן פלעגט משה די אויסדערציילטע מעשהלעך פאַרצייכענען אין זיין טאָג־בוך.

— דו געדענקסט דאָך גרעגאָריעלע אַז איך האָב דיר נעכטן דער־ציילט אַז אין גאַלפּאַן, ווו מיין וואַרשטאַט שטייט איז ביי די ברעגן פון בלעכערנעם דאָך צוגעקלאַפּט אַ הילצערנע רינע, האָבן זיך פייגעלעך געמאַכט אַ וועג דורך די אויבערשטע צעבראָכענע שויבן צו די היל־צערנע רינעס און דאָרטן זייערע נעסטן געבויט.

פאַרוואָס מיר נאַרישע מענטשן רופן דאָס נעסטן פאַרשטיי איך אַליין נישט. זאָל עס זיין דערפאַר וואָס זיי ווערן געבויט פון אַ לייכטן געבוי מאַטעריאַל? און בעטן נישט קיין דערלויבעניש ביים אייגנטימער פון די הילצערנע רינעס?... אויף וואָס מיר צוויי־פיסיקע קענען אַזוי ווייל גאָר ענטפערן מיט אַן אָפּגעהאַקטן ניין!... איבערהויפּט די וואָס קוקן מיט אַ לייכטן געמיט אויף די בוידער און שעפער און קענען נאָר באַפעלן ווי אַ גענעראַל זיין... מיליטער!

דו הערסט גרעגאָריעלע, ווי לייכט די פייגעלעך הייבן זיך אויף, אַזוי שווער אַרבעטן זיי איבער זייערע היימען, די מאַמע־פייגעלע ווי שווער און ליידנשאַפטלעך זי אַרבעט! דערפילט זי אַז זי באַדאַרף מוטער ווערן, צוערשט פון אַן אייעלע אויסוואַרעמען, אויספּיקן, ווידער וואַ־רעמען, אויסהאָדעווען, זיי אויפהייבן אויף די פיסעלעך, באַוועגן מיט די פליגעלעך, טוען אַ פּאָך, הייבן זיך אויף צוערשט נידעריקער פאַר דער מאַמען, נאָכדעם העכער און ווייטער ביז... דאָס אויג קען נישט דערגרייכן!

דאָס זיינען די גליקלעכע פייגעלעך וואָס דערלעבן און זען זייערע קלײדער, פון געלן פּוך אויף לייכטע פעדערלעך. פאַראַנען אָבער אַזעל־כע פאַרשייטע... ווי דו גרעגאָריעלע, נאָך איידער זיי בייטן זייער קלייד און קענען זיך נאָך העכער פון זיך נישט אויפהייבן, שאַרן זיך צו צום אַריינפלי פון זייערע היימען.

דו הערסט, גרעגאָריעלע, אַז דאָס אויג דערזעעט עס, טוט אַזאַ קלאַפּ אין האַרץ. ווען עס בלייבט ליגן מיט צעשפּרייטע פליגעלעך צווישן די שפּאַרעס פון אָנגעוואָרפענע ברעטער און פּיסטשעט מיט אַזאַ געבעט, דו הערסט גרעגאָריעלע, מען דאַרף גאָרנישט פאַרשטיין. עפּעס דערוועקט זיך אַזעלכעס אין דער נשמה, אַז די נערוון ווערן דערשיטערט און דו הערסט אין דעם פּושט, פּושט — ראַטעווע, ראַטעווע... זיינען אָבער מיינע הענט פאַרקויפט צו דער אַרבעט, מיטן ווילן אַליין קען מען גאָרנישט אויפטאָן!... די צייט מיין זונעלע, די שקלאַפּישע לעבנס צייט!...

איז די מאַמע פייגעלע געקומען, טראָגנט אין פּיסקעלע שפּייז פאַר די קינדער, פליט אַריין און אַרויס, שטעלט זיך אָפּ אויפן אייזערנעם שטאַנג וואָס האַלט אונטער דעם בלעכענעם דאָך, קוקט זיך אומרואיק אַרום אין אַלע זייטן, רופט בענקענדיק, ווערט פּלוצלינג פאַרצווייפלט ווי זי וואָלט ביטער געוויינט אויף איר פאַרלוירן קינד, פליט אַרויס,

ברענגט דעם טאַטן פייגעלע און ביידע פליען פון זייער געצעלט אַריין און אַרויס, ביידע רופן, ביידע זוכן; פּלוצלינג לאָזט זיך די מאַמע אַראָפּ צווישן די שפּאַרעס פון די ברעטער, זי האָט דערהערט דעם רוף פון איר קינד, פליט זי מיט העלדנמוט עס צו ראַטעווען. די מאַמע פייגעלע שרייט איבער דאָס האַרטע שניידן פון דעם זעג. דאָס פייפעריי פון די הובעלס, דאָס קלאַפּעריי פון די האַמערס, ראַנגלט זיך פון איין שפּאַרע אין דער צווייטער, פליט אַרויס, ברענגט אַ זערנע אין פּיסקעלע, שפּייז פאַר איר אומגליקלעך קינד, לאָזט זיך אַראָפּ צווישן די שפּאַרעס, הייבט זיך ווידער אויף, שטעלט זיך אויפן אייזערנעם שטאַנג, קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן, סוויזשעט עפּעס אַזוי בענקענדיק...

די געלע מאַמע רינגעלעך אַרום די קליינע שוואַרצע אייגעלעך, ווערן געלער... דער טאַטע זעלטן ווען ער קומט צו פליען, ווײנט זיך פייגלש אויס, פליט ווייטער אַוועק אויף אַ לאַנגע צייט.

די מאַמע, גרעגאַריעלע, אוי די מאַמע שטייט ווי צוגעשמידט צום אייזערנעם שטאַנג, דאָס קעפּעלע אַריינגעצויגן אין העלדזעלע, די פּע־דערלעך אויפגעבלאָזן, טויט פון צייט צו צייט אַ פויגלשן זיפץ און בלייבט ווידער שטיין אַזוי אומעטיק, אַזוי טרויעריק, לאָזט זיך ווען אַראָפּ אין די שפּאַרעס, קומט אַרויף מיט אַ שרעקלעך געוויין, בלייבט ווידער פאַרלאָזן אויפן אייזערנעם שטאַנג.

שטייט און טרויערט, האָט נישט וועמען צו האָדעווען... וועמען צו דערציען, עסט נישט אַליין, פאַרגעסן האָט די מאַמע אָן די גרינע ביימער, ווו זי פלעגט שטיפעריש פאַרברענגען, ווו יעדער שאָרך פון אַ צווייג פלעגט אַוועקפליען ערגעץ ווייט, ווייט...

און איצטער אַ העלדין געוואָרן, שרעקט זיך נישט פאַר דער קלאַ־פּעריי אין טאַזשער, און אויך נישט ווען די נערוועזע האַנט, ציט דאָס שטריקעלע פון טאַזשער גלייך. שוין אַ טאָג צייט ווי זי שטייט אַזוי ווי פאַרגליווערט, רירט זיך נישט פון אָרט. ווען נישט ווען הערט זיך אַ שוואַכער פייגלשער קרעכץ, וואַקלט זיך אויף די פיסלעך, פאַרהאַלט זיך אויפן אייזערנעם שטאַנג מיט אַ וואַכן טויטלעכן פאָך פון די פליגעלעך...

און... אָט לאָזט זיך די מאַמע אַראָפּ פון שטאַנג, פאַלט אַריין אין שפּאַרע, פאַרהאַלט זיך מיט צעשפּרייטע פליגעלעך. כ'האָב עס אָנגע־נומען פאַר די פליגעלעך, אַרויסגעשלעפּט פון דער שפּאַרע. עס האָט נאָך געפּרוווט אַ שוואַכן פאָך טאָן מיט די פליגעלעך און... אויסגעצויגן די פיסעלעך.

הערסט, גרעגאַריעלע, ווי אַזוי פייגעלעך שטאַרבן פון בענקשאַפט!

משהם ערשטער שטרייך

— ב —

— און אַט אַזוי מיין זונעלע, בלייבט מיין פעסטער באַשלוס דיר אַלץ איבערדערציילן וואָס שאַפט נייע האַרץ־קלעמעניש פאַר מיין צע־ווייטיקטער נשמה.

איין שיינער טאָג, מיין גרעגאַריעלע, האָט מיך פאַר אַ רעוואָלוציאָ־נער געמאַכט, נאָך אַזוי פיל יאָרן שווייגן און געדולדיק אַלץ איבערטראָגן איז היינט מיין פראָטעסט צום אויסדרוק געקומען.

איך ווייס אַז אַלע וועלן מיר איצט מוזן הונגערן און מעגלעך אַז אין גיכן וועט מען אַ צעטל אויף אונדזער טיר אַרויפקלעפן: אַ צעטל אָן גערעכטיקייט וואָס גיט נישט מער ווי צען טעג און נאָכדעם? — נאָכדעם מיין זונדעלע ליגט מען אויפן גאַס.

און אַט דער שרעקלעכער געדאַנק: אויפן גאַס צו ליגן לייגט זיך ווי בליי אויף מיינע געדאַנקען, יאָ מיין זונדעלע, בעסער צו שטאַרבן ווי מאַמע פייגעלע, איידער צו הערן די קינדיש־נאַיווע פראַגע: פאַרוואָס פאַפּיטאָ?... אַט דער פאַרוואָס מיין גרעגאַריעלע, פירט צו דער געזעל־שאַפטלעכער איבערבייטונג: אַט די לעבנסקלעפּ פון אומגערעכטער עקס־פּלאָטאַציע, שמידט דאָס האַרץ מיט אַ נייעם גלויבן פאַרן מאָרגן. ווי ליב איך האָב געהאַט די רו, די שטילקייט, די פאַרכשופטע פרילינגס־פרימאָרגנס.

ווען עס פּראַלן זיך די קנאָספּן אונטער לבנהס זילבערגלאַנץ, צו באַגריסן די אויפגעוואַכטע פרימאָרגן זון מיט אַ גרינטויאיקן גוטמאָרגן: ווען איך פלעג מיט אַ באַזונדער ליבשאַפט שלינגען די פרימאָרגן פריי־לינג־לופט אין מיינע פאַרשטויבטע לונגען.

די איצטיקע פרימאָרגנס — אַזעלכע בייזוויליקע, דריקט אַזוי שווער דאָס האַרץ, עקבערט דעם מוח: נאָר מיט „לאָ פּרענסאַ". אונדזער אַר־גענטינער מאַרק ווו מען קען זיך פאַרקויפן און שאַפן גליק פאַר יענעם און פאַר זיך... פאַר זיך, מיין זונדעלע, באַמערקט דער קאַפּאַטאַס אַ ציטער פון דער האַנט, וועדסטו צומאָרגנס אַ זייטיקער דורכגייער ביי דער פאַבריק ווו דו האָסט פאַר יענעם פּראָדוצירט און פאַר דיין שאַפן בלייבסטו אַ פרעמדער.

וואָס גייט אָן דעם באַלעבאָס די באַזונדערע נשמה־ווינקעלעך פון מענטשלעכע ליידן, זיין אויפגאַבע איז איינע: גרויסע טראָפּנס שווייס אויפן שטערן וואָס קייקלען זיך איבער די אויגן־דעקלעך און ער גיט דיר קיין צייט דיין אייגענעם שווייס אָפּצוטריקענען.

די גאַנצע צייט פון משהס דערציילונג האָט זיך גרעגאָריעלע גע־פלאָנטערט מיט זיינע הענטעלעך אין משהס צעשטויבערטע האָר, ווען ער איז אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן האָט זיך גרעגאָריעלע מיט באַוווּנדערונג אָפּגערופן:

— אוי, אוי פּאַפּיטאָ וויפל ווייסע קאָוועזשאָס!...

משה האָט שווער אָפּגעזיפצט, אָנגענומען זיין זונדעלעס הענטעלעך און נערוועז געקושט, געקושט זיינע צאַרטע פינגערלעך ביז... אויף משהס ציטערדיקע באַקן האָבן זיך טרערן גענומען קייקלען איינס נאָך דאָס אַנדערע...

גרעגאָריעלע, דערזעענדיק דעם טאַטנס טרערן, האָט אָנגעהויבן שטאַמלען, אָנווייזנדיק מיט זיינע פינגערלעך אויף משהס פאַרוויינטע אויגן:

— מירא, מירא פּאַפּיטאָ!

משה האָט אַ לייכטן ציטער געטאָן.

— ניין, ניין קינד מיינס! גרויסע מענטשן וויינען נישט! קינדער, שלעכטע קינדער וויינען, מיינע אויגן, כאַ, כאַ, כאַ... מיינע אויגן האָבן זיך צעטרערט פון קאָפּשמערצן... פאַרשטייסט זונדעלע פון קאָפּשמערצן!

דו האָסט דאָך ערשט געציילט מיינע ווייסע האָר מיט דיינע אומ־שולדיקע פינגערלעך, און צי ווייסטו וואָס דאָס איז מיין זונדעלע? דער קאָפּ איז די שפּאָר־קאַסע... פון מענטשלעכע לײַדן, ווו עס קלייבט זיך צונויף דאָס ביסל זילבער פאַרמעגן... דאָס גאָלד — דאָס גאָלד מיין יינגעלע, קלייבט מען פאַר אַנדערע! די וואָס שאַפן פאַר יענעם זילבער פון לײַדן, די וואָס געניסן פון גליק בלישטשעט מיט גאָלד, וואָס ווערט איבערגעלייטערט פאַר זיי פון אונדזער שוויים און אונטערגעטראָגן מיט אונדזער שווערער האַנט פאַר זייערע ווילד־צערייצטע אַפּעטיטן.

שולדיק, מיין קינד, זיינען מיר אַליין. מיר האַלטן זיך אַליין גע־שפּאַנט אין דעם יאָך: מיר האָבן נישט קיין מוט און מיר שרעקן זיך פאַרן מאָרגן. ווי שטאָלץ אָבער, מיין גרעגאָריעלע, איז דער מענטש ווען דער באַוווּסטזיין זיינער דערוואַכט, שווער זייער שווער איז דעם אמת אָנגעקומען צו באַקעמפן מיינע שקלאַפישע געדאַנקען, אַז די שעפער מוזן זיין ענדלעכע באַלעבאַטים איבער זייער שאַפן: צו שפּעט האָט דאָס לעבן אויפגעפּראַלט מיין הארצן־טירעלע פון גלויבן אין אייגענעם כוח, דאָס גאַנצע לעבן זיך געבאָדן אין אייגענעם שוויים, און איצט, איצט מיין קינד, ווי אַ צעלעכערטע שיף האַלט איך ביים אונטערגאַנג.

משה האָט אַ שווערן זיפץ געטאָן. צופּרעסנדיק גרעגאָריעלעס קע־פּעלע צו זיין ברוסט, ער האָט אים אָפּגעפּרעסט אַ לײַדנשאַפטלעכן קוש. גרעגאָריעלע איז איינגעשלאָפן אויף זיין ברוסט, משה האָט אים מיט

זיין שווערער האַנט פאַרזיכטיק געגלעט איבערן קעפּעלע און אים שטיל צוגעזונגען:

שלאָף מיין קליין יינגעלע
שלאָף דיך איצט אויס
ס׳וואַרטן שוין מאַשינדעלעך
וואַרטן אויף דיין גרויס...
מיט רעדעלעך וואָס דרייען זיך
יאָר נאָך יאָר באַנאַנד
שטייען זיי און וואַרטן שוין
וואַרטן אויף דיין האַנט!

משה האָט גרעגאָריעלען אין זיין קאַטרע אַריינגעלייגט, געריבן איין האַנט אָן דער אַנדערער און פריילעך מונטער אונטערגעברומט:

ס׳וואַרטן שוין מאַשינדעלעך
וואַרטן אויף דיין גרויס!

— אַט דאָס איז מיין איינציקע טרייסט אין לעבן, דו מיין יינגעלע וועסט אויסוואַקסן אַ רעוואָלוציאָנער און אויך פאַר מיינע אָפּגעשקלאָפּטע יאָרן קעמפן.

משה האָט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש, אַרויסגענומען זיין טאָג־ביכל, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן זיינע מאַזאָלירטע דלאָניעס און זיך אַ ווייל‌ע פאַרטראַכט. נאָך אַ קורצער פּויזע האָט זיך געזען אַ צופרידנקייט אין זיינע בלישטשענדיקע אויגן, פאַר זיין שווערן געמיט. ער האָט גענומען דעם בלייפעדער אין האַנט און זיך גענומען דיקטירן זיינע פאַר־צייכענונגען:

— ערלעכער עדעלשטאַט! וואָס פאַרא נאַרישקייט... האָט אַמאָל אַרויסגעזונגען פון דיין רעוואָלוציאָנערער נשמה, אַז אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס; וויפל טראָפּנס גאַל ליגט אין אונדזער לעבנס־בעכער, די זיס־קייט פון דער אַרבעט דערגרייכט נישט צו אונדז, שלאַנגען־צונגען פלאַס־קען זיך אין אונדזער שווייס פון דער אַרבעט און לאָזן פאַר אונדז דעם גיפט...

משה האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, געוואָרפן אַ בליק מיט אַ צו־פרידענעם שמייכל צו זיין גרעגאָריעלען און מיט שטאָלץ אויסגערופן: דער מאָרגן, זונדעלע! דער מאָרגן! — מוז זיין אונדזערער.

דאָס לעצטע בלעטל

— ג —

דאָס בלעטל פון זיינע לעצטע געציילטע טעג אין לעבן האָט משה זיין גרעגאָריעלען נישט געקענט איבערדערציילן, אפילו נישט

געקענט צערטלען און גלעטן אים מיט זיין שווערער אויסגעהאָרעוועטער האַנט.

גערעדט האָט ער צו זיין זונדעלען בלויז מיט די אויגן. אַזעלכע אויגן־שמועסן האָבן לאַנג נישט געקאָנט אָנהאַלטן. פון שרעקלעכע ליידן און יסורים האָבן זיך זיינע אויגן־דערקלעך אַמאָל האַסטיק, אַראָפּגעלאָזט אויף זיינע שיינען.

גרעגאָריעלע האָט נישט אָפּגעטראָטן פון זיין קראַנקן פאָטער, גע־האַלטן זיין אומבאַוועגלעכע האַנט אין זיינע הענטעלעך און געקושט אָן אויפהער, יענע שווערע שטאַרקע האַנט, וועלכע האָט יאָרנלאַנג געפירט דעם גרויסן מאַסיוון רובאַניק אויף די שטאַרקסטע האָלצן, איינגעשניטן די זעג אין די זעלבע ווי ער וואָלט זיך מיט זיינע ציינער איינגעגעסן אין דעם. די האַנט ליגט ווי געליימט, טויג שוין נישט פאַר יענעמס גליקן און אויך נישט פאַר זיין הונגער־לוין.

אין לעצטן טאָג פון זיין לעבן איז משהס קערפּער געוואָרן מער לעבעדיקער... קוים אַרויסגערעדט צו זיינע שטוב־מענטשן אַז מען זאָל איבערלייענען זיין זונעלע דאָס לעצטע בלעטל וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין מאָמענטן פון אוממענטשלעכע ליידן אין וויזשאַ־דעוואָטער תפיסה:

— אין דעם גן־עדן, גרעגאָריעלע, האָט מען מיך געבראַכט ווייל... איך בין אויף דער עלטער צו קלוג געוואָרן. איך האָב אָנגעהויבן באַ־נעמען די סיבות פון אונדזער אומדערטרעגלעכן הונגער־לעבן און... פאַר אַזעלכע חכמות זונדעלע צאַצקעט זיך מיט אונדז „די גערעכטיקייט", וועלכע האָט מיך טאַקע באַלוינט, מיך אויפגענומען ווי דעם ענגלישן פּרינץ: דער אונטערשייד איז בלויז געווען אַז אים האָט מען אָפּגעוואַרט ביז וואַנען ער וועט אויפשטיין און מיך האָט מען אויפגעהויבן פון בעט. אַרום אים האָבן געקלונגען אַ סך קייטלעך אָבער... נאָר פאַר אַנדערע אַז מען זאָל אים חלילה קיין גוט אויג נישט געבן... מיר האָט מען די קייטלעך אָנגעטאָן אויף די הענט אַרונטער, מיך אַריינגעפירט אין פּרעכ־טיקן וויזשאַ־דעוואָטער „פּאַלאַץ", מיר אָפּגעגעבן אַ באַזונדער שטיי־קאַבינעט, ווו די „גערעכטיקייט" האָט מיך אָפּגעהיט מיט איר שאַרפן שווערד און שפּיזן־אויג!

ווי לאַנג מען האָט מיך געהאַלטן אין שטיי־קאַבינעט האָט איך פאַרלוירן דעם חשבון, נאָר ווען מען האָט מיך אַרויסגענומען פון דאָרטן און מיך אַוועקגעלייגט אין אַלגעמיינעם „סאַלאָן" זיך אָפּצופרישן... אַביסל אויף די קאַלטע שטיינער האָב איך דערפילט אַז מיינע פאַר־שטויבטע לונגען ווערן לויזער ווי פאַרגליווערטע סמאָלע אויף די פונ־

דאַמענטן פון געביידעס, אַזוי האָבן זיך געצויגן שנירלעך פון האַלדז און אונטערגעבראָכן מיין לעבנס־פונדאַמענט!...

משה האָט שוין נישט געהערט די ווערטער פון זיין לעצטן אויפֿגעשריבענעם בלעטל... גרעגאָריעלע האָט שטאַרק געוויינט, נאָר מען האָט נישט געוווסט אויף וואָס: צי אויפֿן פאַרלוסט פון זיין ליבן געטרייען טאַטן צי אויף דער לעצטער דערציילטער מעשה פון משה דעם סטאָליאַר.

אַ צעשטערט לעבן

ווען שמעון איז מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק געקומען קיין בוענאָס־איירעס, ווי אַ גביר אַ יורד פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אָן פריינט, אָן געלט, אָן אַ פאַך און אָן באַקאַנטע, האָט ער זיך געפילט ווי ערב יום־כפּורדיק...

זיינע צוויי מיידלעך פון אַכט און צען יאָר זיינען אים געלעגן ווי אַ באַרג אויפן קאָפּ. זיין פרוי מיטן איינציקן זון זיינען פאַרשלונגען געוואָרן פון טייוול־אימפּעט; איז ער טאַקע געווען אויף גרויסע יידישע צרות!

יידן ווערן אָבער אין ערגעץ נישט פאַרפאַלן, יידן זיינען אַ פאָלק מיט אַ שטעקן אין דער האַנט. וווּ זיי זאָלן נישט קומען, גלייכט זיך אויס דער רוקן מיט דער הילף פון אַנדערע ברידער, וואָס האָבן געליטן פאַר זיי.

אָבער דערווייל ביז ווער, וואָס, ווען, ליגט מען אין אימיגראַנטן־הויז. דער קאָפּ אַרבעט... דאָס האַרץ קלאַפּט האַסטיק ווי ערב אַ שטורעם: אַ ברעג פאַר זיך און זיינע קינדער זעט ער נאָך נישט.

דעם איינציקן גוטן פריינט וואָס שמעון האָט געהאַט, איז געווען אַ שיפס־ברודער, אַ ברייט צעוואַקסענער 18־יאָריקער יאַט מיט אַ פליך אויפן קאָפּ. און שטאָלץ איז ער געווען דערמיט ווייל געוווּסט האָט ער אַז מענטשן זאָגן: יונגעלייט מיטן פליכן, וועלן זיין גרויסע אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן... אויף וועלכן געביט האָט ער נישט געוווּסט... געלערנט האָט ער נישט, קוים זיך געקענט אונטערשרייבן, פאַרטראַכטן זיך וועגן דעם געזאָגטן האָט אים די צייט נישט דערלויבט, ער איז אומגעלאָפן איבער בוענאָס־איירעס צו פאַרקויפן זיינע שטאַרקע הענט און ברייטע פּלייצעס. ער האָט געוואָלט אַרויסהעלפן שמעונען מיט זיינע צוויי קינ־

דער וואָס זיינען געווען אַזוי פאַרצווייפלט. און מיט זיין שטאַרקן ווילן האָט ער דאָך עפּעס דערגרייכט.

עס איז געווען אַ יאָר ווען די גאַס קאָריענטעס פון טשאַקאַריטאַ ביז לעאַנדראָ נ. אַלעם איז געשטאַנען מיט אָן אָפענעם בויך, וואָס אינ־זשעניערן האָבן נאָכהער פאַרנייט, פאַרגאָסן מיט שטאָל און צעמענט און אייזן און איצט פירט די גאַס אויף אירע אייזערנע רעלסן וואַגאָנעס אָנגעפּאַקט מיט מענטשן מיט אַלע זייערע אילוזיעס און פאַרלאַנגען, אַזויפיל וויפל די גאַנצע וועלט פאַרמאָגט...

אויך חצקלס פאַנטאַזיעס וואַלגערן זיך דאָרט, נאָך זינט דער צייט ווען ער האָט געהאַקט מיט דער פּיקע, געפירט אייזערנע טאַטשקעס מיט ערד, און, אין דער צייט פון אָפּרו געגעסן טרוקענעם ברויט מיט אַ שטיקל קעז. ווי די איטאַליענער פלעגן עס פון אים חוזק מאַכן ווען ער פלעגט פאַרטרונקען מיט אַ ביסל וואַסער פון דער ערדענער פלאַש! און זיי האָבן אָנגעקלאַפּט איין פלאַש ווייִן, אַ צווייטע און מיט אַ געלעכטער זיך געווענדט צו חצקלען: „סאַלוט גרינגאָ!” פּאָרקע מאַדאָנע ווינאָ, ווינאָ גרינגאָ!”

איצט זיצט חצקל געמיטלעך ביי פלעשער שאַמפּאַן מיט די בעסטע ליקאָרן און ווען ער ווערט אַ ביסל בגילופין גיט ער אַ בלעטער אין זיין זכרון, די פּאָר צענדליק פאַרגאַנגענע יאָר, און אַמאָל הייבט ער אָן פון ערשטן בלעטל... גיט אַ געזונטן גענייץ, ציט זיך אויס אין בעט צווישן זייד און סאַמעט און שנאָרכעט אויס מיט אַ פייף אויפן גאַנצן אָרום.

די האַרבע ווערטער פאַר זיין אויפפירונג, וואָס די פרוי פלעגט אין אים אַריינשפּיזן, האָט אים געוואַלדיק דענערווירט און ער פלעגט איר פאָרוואַרפן: ווען נישט איך, סערקעלע, וואָלט דערווייסט מער, ווי דו, ווו דיין שוועסטער, דיין טאַטע וואָלטן שוין אָנגעשפּאַרט! מיינע ערשטע פאַר־דינסטן אין דער סובטע איז געווען אייך צו ראַטעווען. און אום זי מער צו ערגערן פלעגט ער אויסשרייען: אמת, איך האָב דיך ליב געהאַט, אָבער... אין דער זעלבער צייט האָט מיך באַהערשט אַ רחמנות צו דיר כדי דיין טאַטן גרינגער צו מאַכן!...

— ווען מיך האָסטו זיך נישט וואָס צו זאָרגן, דו האָסט שוין אַ צוגעגרייטן פּלאַן ווי אַזוי צו צעברעכן מיין לעבן! מיט וואָס האָסטו מיין טאַטן גרינגער געמאַכט? אים געקויפט אַ קעסטל צו פאַרקויפן סיגאַרי־זשאָס? אויפשטיין פאַרטאָג זיך שלעפּן אויף זיינע אַלטע ביינער איבער גאַסן, געפרווירן צו ווערן! און אָפּעסן דעם טרוקענעם מיטאָג ביי מיין אָרעמער שוועסטער, ס'איז איר גענוג פינצטער און ביטער אָן אים! ווייל דיינע געהויבענע געסט, וואָס פאַרשיכורן דיך, קענען נישט זען אַ יידן מיט אַ באָרד. פאַרגעסט אַז ער איז אַ מענטש מיט וויסן און קען

דיך מיט דיינע „געהויבענע" געסט, וואָס זיינען אַזעלכע גראָבע יונגען ווי דו, אין גאַרטל פאַרשטעקן!

— אַט דאָ ליגט דער אומגליק, דו נעמסט אַן אַלטן שנאָרער און הייבסט אים אַריבער מיין קאָפּ!

סערקעלע איז אויפגעשפּרונגען פון בענקל מיט אַ שרעקלעכן ציטער איבער איר לייב:

— שווייג! פאַרמאַך דיין אָנגעפּרעסענעם פּיסקאַטש! ער האָט זיין לעבן איינגעשטעלט בכדי אונדז צו ראַטעווען און דו זוכסט מיין לעבן צו צעשטערן! אַנדערע קאָנסטו קויפן פאַר געלט, אָבער נישט מיך!

אַ ביטער גאַל האָט זיך געמערקט אויף אירע ליפּן. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן באַנק אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויףביידע הענט און זיך געפילט אַזוי דערשעפּט ווי נאָך אַ שווערער אַרבעט.

חצקל, דערזעענדיק דעם גלאַנץ פון איר גאַל געוואָרענעם געזיכט, וואָס איז געווען באַגאָסן מיט שווייס, האָט אויף זיך אַרויפגעצויגן דעם מאַנטל און אַוועק צו זיינע געשעפטן.

זיין סעקרעטאַרן איז געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט און געוואַרט אויף זיינע באַפעלן. איר שלאַנקער קערפּער האָט זיך אויפגעהויבן, אירע בלויע פינקלדיקע אויגן האָבן אַ גלעט געטאָן דעם צעוואַקסענעם קער־פּער פון איר בעל־הבית: ווי זונען־שטראַלן וואָלטן אים געגלעט... ער האָט איר ליבלעך באַגריסט און מיט אַ ברייטן, כיטרען שמייכל איר אָנגעוויזן מיט דער האַנט זיך צו זעצן.

— סעניאָריטאַ סילוואַ, איך האָב באַשלאָסן אייך צו געבן וואַקאַ־ציעס, איך מוז פאָרן קיין קאָרדאָבאַ וועגן געשעפט, אויב איר ווילט קענט איר פאָרן מיט מיר אויף מיין חשבון...

סילוואַ האָט זיך אַביסל פאַררויטלט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— איך וועל בלייבן אַ פּאָר טעג אין קאָרדאָבאַ, איר וועט פאָרן אין לאַ פאַלדאַ אין האָטעל „לאָס פּלאַזשעס" און איך וועל נאָכהער אונטערקומען.

פאַר דאָן כעראָנימאָ (אַזוי האָט שוין חצקל געהייסן ווען ער איז אַריין אין די פּעדערן) איז דאָס געווען אַ האָניק־חודש אָן אַ חתונה. דערפאַר פלעגט ער איז צאָלן 100 פּעזעס אַ חודש, וועלכע זיינען אין די ביכער נישט פאַרצייכנט געוואָרן.

חייקען, סערקעלעס שוועסטער, איז נישט גוט געגאַנגען. איר מאַן אַ ווילער יאַט, איז אָבער געווען אַ גרויסער שלים־מזל. צו וואָס ער האָט זיך נישט גענומען איז אים געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ. און דאָך האָט ער זיין שוואָגער געוואַלדיק רעספּעקטירט, ער פלעגט אים ביי יעדן שמועס צוגעבן:

— איך ווייס נישט, ווען איך זאָל זיין אַזוי רייך ווי אייער עלטע־

רער איידעם, צי וואָלט איך נישט געווען מער פּאַסקודניאַק. איר קענט בעסער פאַר מיר דאָס לעבן, ווייסט איר דאָך אַז אַ קבצן שלאָגט אויף איינעם וואָס קאָן שוין ערגער נישט זיין...

אַזוי האָבן חייקע מיט איר מאַן געוווינט אין איין צימער; דער אַלטער שמעון מיט זיין לאַנגער ווייסער באָרד איז געשלאָפן אין קיך; נאָך נאַכטמאָל אים אויפגעשטעלט די קאַטרע. מיט אַ זיפץ פלעגט חייקע אַרויס פון קיך, מיט אַ קללה אויף די ליפּן: אַזאַ לעבן אויף מיין שוואַ־גער דעם גביר!

מייז און זשוקעס פלעגן גאַנצע נעכט באַגלייטן דעם אַלטנס קרעכצן און זיפצן. ער האָט שלום געמאַכט מיטן גורל: בעסער אַן אָרעם שטיקל ברויט מיט טריישאַפט און ליבע, איידער אַ געבראָטענע הון מיט שפּיל־קעס!...

אין אַ שיינעם אָוונט איז דאָן כעראָנימאָ אַריין אין שטוב ווי אַ שטורעם־ווינט, באַפוילן צו גרייטן צום טיש. ביים עסן אַרויסגענומען פּאַפּירן, גערעכנט אַהער, געחשבונט אַהין, געשליידערט מיט די פּאַפּירן אויף אַלע זייטן און געברומט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. סערקעלע האָט שוין מער נישט געקאָנט אַריבערטראָגן און אים נערוועז אַ זאָג גע־טאָן: נו, און דאָס וואָס ווערט נישט פאַרשריבן אין די ביכער?

ער איז געבליבן ווי געפּלעפט: „פון וואַנען ווייסטו דערפון?"

— איך וועל דיר פאַרשפּאָרן די אַרבעט, איך ווייס אַלץ. נאָך ווייסטו נישט אַז ווענט האָב אויערן און גאַסן אויגן: בעסער צו עסן אַן אָרעם שטיקל ברויט ווי מיין שוועסטער מיט מיין טאַטן און פירן אַן ערלעכן אָרעמען לעבן, איידער אַ רייכן דאָפּלטן לעבן ווי דו פירסט!"

דאָן כעראָנימאָ האָט גאָרנישט געענטפערט, בלויז די אונטערשטע ליפּ האָט אים אַ ציטער געטאָן; ער האָט אויסגעטרונקען נאָך אַ גלאָז שאַמפּאַן, זיך אויסגעצויגן אין בעט און געשנאָרכעט מיט אַ פּייף אויפן גאַנצן אַרום.

צו מאָרגנס איז ער אויפגעשטאַנען אין זייער אַ שלעכטער שטימונג. נאָך פרישטיק איז ער צוגעגאַנגען צו זיין פרוי און מיט אַ ברייטן, קרומען שמייכל געזאָגט: „איצט קען איך דיר ענטפערן אויף דיינע נעכטיקע שפּילקעס: דעם וואָס בייסט זאָל זיך קראַצן!..." און ער איז מיט אימ־פּעט אַרויס פון שטוב.

סערקעלע האָט באַשלאָסן זיך צו זען מיט סילוואַן, דאָס לעבן איז שוין במילא צעשטערט, זאָל זי כאָטש האָבן אַ געווער אין האַנט, מיט וואָס אים צו שלאָגן. זי האָט איר אָפּגעוואַרט, ווען זי איז אַרויס פון דער אַרבעט, איר אָפּגעשטעלט, איר פריינטלעך באַגריסט... „אָ, סעניאָראַ איר דאָ?"

„אָט ווי איר זעט סעניאָריטאַ! געמאַכט מיט איר קורץ און שאַרף:

„ווי וואָגט איר אַ לעב טאָן מיטן אַ מאַן וואָס האָט אַ פרוי מיט דריי קינדער?" — „ווייסט איר צו וואָס דאָס קאָן פירן?"

סילוואַ איז אַ ווײַלע געבליבן ווי פאַרלוירן. אָבער באַלד געקומען צו זיך און אַן וואַקלעניש דרייסט געענטפערט:

— סעניאָראַ, איך נויטיק זיך נישט אין אײַערע עצות! איך קאָן שוין גיין אַרום פײַער מיט בלויזע הענט און זיך נישט אָפּבריען... אַדיאָס סעניאָראַ!

סערקעלע איז געבליבן פאַר פאַרגליווערט. הייסט עס אַז מיט זײַן כוח, וואָגט זי מיר צו שפּײַען אין פּנים אַרײַן!

אַ צעבראָכענע מיט גליווערנדיקן פיבער, האָט זי זיך אין בעט אַרײַנגעוואָרפן און אַנגסטלעך געזיפצט און געקרעכצט איבער איר צע־שטערטן לעבן. ווען חצקל איז אַרײַן אין שטוב, האָט ער געטראָפן די דריי קינדערלעך שטיין אַרום דער מאַמעס בעט פאַרווײַנטע. סערקעלע איז געלעגן אין אַ מין צעשויבערטן קאָשמאַר, געפּאַכעט אין דער לופטן מיט געביילטע פויסטן און מיט צוגעדריקטע ציין געמורמלט: „אַזוי, אַזוי וועל איך האַנדלען!"

די נאַכט איז געווען אַ שווידערלעכע. שוואַרצע שאָטנס האָבן גע־שוועבט אין די לוקסוס־צימערן, ווי שווערע וואָלקנס פאַר אַ שטורעם.

סערקעלעס רײַכע היים האָט זיך אָנגעהויבן אײַנצוברעכן ווי אַ קאָרטן־שטיבל: איר שיינער פּנים איז פאַרוואָלקנט געוואָרן, אירע אויגן זײַנען גרעסער געוואָרן, אויף אַלץ האָט זי געקוקט גלײַכגילטיק, אַפילו אויף אירע קינדער, וועלכע זי האָט אַזוי ליב געהאַט אינסטינקטיוו האָט זי געפילט אַז סילוואַ גרייט עפּעס צו פאַרשנעלערן דעם צוזאַמענ־ברוך.

אין אַ שיינעם טאָג האָט דאָן כּעראָנימאָ דערקלערט סערקעלען: אַז ער האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ יום־טוב פאַר זײַנע כּערעטנטעס מיט די הויפּט־אָנגעשטעלטע פון זײַנע פאַבריקן; ווען ער האָט איר געפרעגט איר מיינונג, האָט זי גלײַכגילטיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ... געפינטלט מיט די אויגן, אויפגעמאַכט און פאַרמאַכט ווי גליענדיקע קוילן וואָלטן געלעגן אויף זיי.

„ביסטו אײַנשטימיק?"

נאָך לאַנגע וואָכן נישט ריידן מיט אים האָט זי בלויז איין וואָרט אַרויסגעשטאַמלט: „ביי אַ דינסט פרעגט מען נישט!"

נישט צו פאַרשאַרפן איר מעלאַנכאָלישן צושטאַנד האָט ער אײַנ־געבויגן דעם קאָפּ און אַראָפּגעשלונגען דעם ביטערן פּיל...

איר אָרעמע שוועסטער און אַלטער פאָטער האָבן אַלץ געוווסט, גע־קרעכצט און געוואויקעט, געבראָכן די הענט; דער אַלטער שמעון איז נאָך מער פאַרצווייפלט געווען ווי די ערשטע טעג אין אימיגראַנטן־הויז; דאָן

זיינען די קינדער קליין געווען, און דעמאָלט איז נאָך האָפענונג געווען — מען קאָן זיך נאָך צו עפּעס דערשלאָגן: „נישטאָ קיין מזל, די גליק־לעכסטע פון אונדז איז נאָך מער אומגליקלעך ווי מיר!" זיין גוטער איידעם האָט אים באַרואיקט, פּשוט און פּראָסט, אויפריכטיק ווי ער איז געווען מיט פּשוטע ווערטער און געזאָגט: „מיר זיינען אָרעם ווי די נאַכט אָן אַ זונען־שטראַל, אָבער אָן ערלעכן לעבן לעבן מיר! דאָרט ווו פינף וועט זיין אַ זעקסטער. זי וועט מער הנאה האָבן פון דעם וואַסער־דיקן זופּ אין בלעכענע כלים, ווי פון זיינע זילבערנע כלים, וואָס האָט איר לעבן צעשטערט!"

דער יום־טוב איז צושטאַנד געקומען. חצקל האָט איר געבעטן זי זאָל זיך אָנטון און אויפנעמען פריינטלעך די געסט. זי האָט אַלץ געטאָן ווי דאָן כעראָנימאָ האָט פאַרלאַנגט אויסער פרייליכקייט; די גיפט־וואַ־סער וואָס ער האָט אין איר אַריינגעגאָסן וועט זיך שוין קיינמאָל נישט פאַרהיילן. זי האָט אינסטינקטיוו געפילט אַז דער היינטיקער יום־טוב איז דער לעצטער קלאַפּ פאַר איר שוין צעשטערטן לעבן!

די ערשטע האָט זיך אַריינגעשטעלט סילוואַ מיט אַ בוקעט בלומען אין די הענט. פון די רויטע בלומען איז סערקעלען געל געוואָרן אין די אויגן, פון די ווייסע־רויט... און פון די פיאָלעטע שוואַרץ! איר האַרץ האָט געקלאַפּט מיט אַ מאָדנע קלאַפּעריי... דער אָטעם איז איר קורצער געוואָרן. זי איז אַריינגעפאַלן צו זיך אין צימער זיך אָנגעריבן די שלייפן מיט שטאַרק שמעקענדיקן וואַסער און אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם.

חצקל האָט זיך באַוויזן אין צימער: איר געבעטן זי זאָל אַרויסגיין, אַלע געסט זיינען שוין פאַרזאַמלט: נישט אַרויסרייידנדיק קיין וואָרט האָט זי זיך אויפגעהויבן פון בעט און ווי אַ ליימענער גולם אים נאָכ־געגאַנגען. אַריינקומענדיק אין קאָמעדאָר, ווו אַלץ האָט געגלאַנצט און געבלישטשעט, האָט דער עולם זיך אויסגעשטעלט און איר אַפּלאָדירט. זי האָט אויטאָמאַטיש אַ נייג געטאָן מיטן קאָפּ... ווי אַ ליאַלקע וועמען מען דריקט פון אונטן.

זי האָט זיך באַמיט צו שטאַרקן, צוגעוואָרפן ווען נישט ווען אַן אַנגסטלעכן שמייכל, ווי פון איינער וואָס שטייט שוין פון יענער זייט טיר. סילוואַ האָט מיט איר ביטרען בליק באַמערקט דעם צושטאַנד פון איר באַלעבאָסטע און פעסט באַשלאָסן צו פירן איר שפּיל ביז צום סאָף.

ווען דאָס טאַנצן האָט זיך אָנגעהויבן נאָכן באַנקעט האָט סילוואַ געזוכט אַ געלעגנהייט ווען דאָן כעראָנימאָ וועט זיין נאָענט נעבן סער־קעלען. ער פון זיין זייט האָט געפילט די אָנגעשטרענגטקייט און געזוכט אויסצומיידן אַ סקאַנדאַל.

מיטאַמאָל האָט סילוואַ זיך באַוויזן מיט איר שלאַנקן עלעגאַנטן קערפּער, מיט איר טיף אויסגעשניטענער בלוזע ווו די אייבערשטע טיילן

פון אירע צאַפּלדיקע בריסטן האָבן זיך כמעט אָנגערירט אָן זיין צע־וואַקסענעם קערפּער... אויסגעצויגן אירע ווייסע בלויזע מאַרמאָר־הענט און זיך געווענדט מיט אַ שעלמישן שמייכל צו סערקעלען:

— מאַדאַם! אַ יאָ איר וועט מיר דערלויבן צו טאַנצן אַ וואַלץ מיטן באַלעבאָס?

אַ שוידער האָט זיך אַ גליטש געטאָן איבער איר גאַנצן לייב; זי איז געשטאַנען ווי אַ הילצערנע פיגור אָן באַוועגונג... און מיט פאַר־שפּיצטע בליקן געקוקט ווי איינער דעם צווייטן רעדט זיך אריין אין די אויערן...

ווען דער וואַלץ האָט זיך געענדיקט, האָט סילוואַ זיגעריש צוגעפירט איר באַגלייטער: „אָט דאָ האָט איר אייער מאַן: אַ יאָ איך האָב אים נישט אויפגעגעסן?" סערקעלע האָט זיי ביידן אָפּגערופן אָן אַ זייט און מיט אַ עקלדיקער גאַל ביידן אין פּנים געשפּיגן: און נישט פאַרלירנדיק קיין צייט דערלאַנגט סילוואַן אַ טראַסק אין דער מאָרדע. חצקל האָט זיך לינק באַהערשט און כדי צו פאַרטויבן דעם פּאַטש האָט ער אָנגעהויבן אַפּלאָדירן. דער עולם נישט וויסנדיק צוליב וואָס און פאַר וועמען, האָבן זיך אַלע אויגן געווענדט צו יענעם ווינקל און נאָכגעפּאַטשט...

סערקעלע איז רוּאיקער געוואָרן, זי האָט געפילט אַז איצט איז גע־קומען דער סוף פון איר פּאַיאַצן־לעבן.

ווען דער אַלטער שמעון האָט דערזען זיין טאָכטער מיט די דריי כמעט פאַריתומטע קינדער, איז ער געבליבן ווי צעטומלט: ער האָט אָנ־געגומען זיין לאַנגע, ווייסע באָרד אריינגענומען די שפּיצן אין מויל אריין און מיט זיין אַלטער ציטערדיקער שטימע געוואָלט באַרואיקן זיין טאָכטער:

— בעסער קינד מיינס, צו עסן אַן ערלעך טרוקן שטיקל ברויט איידער גאַל פון אַ זילבערנעם שיסל! ביסט נאָך יונג, דיין לעבן איז נאָך אינגאַנצן נישט צעשטערט!

אין בלומען־צימער...

(אין אָנדענק פון מיין מאַמען)

א לייכטער ווינטל האָט אריינגעיאָגט דורך דער אָפענער טיר, און מיט שלעפּערדיקער מידקייט געגלעט די בלומען אין צימער. לאַנגע דינע שאָטנס האָבן זיך געוויגט אויף די ווענט, פלעמלעך האָבן זיך אין זיג־זאַג געוואַקלט און געטריפט דעם חלב אויף די ניקעלנע לייכטער אַראָפּ.

שמעון האָט מיט וויינענדיקן קול איבערגעריסן די טויטע שטיל־קייט אין דער טרויעריקער נאַכט אריין. ער האָט אויסגעשלוכצט: יתגדל ויתקדש — דער שמש האָט מיט שרעק אויפגעהויבן דעם קאָפּ, וועלכער האָט זיך געוואַקלט אַ שלאָפערדיקער אויף זיין ברוסט און גענומען וועקן שמעונען: „יונגערמאַן ווען דער מת איז נאָך אין שטוב, זאָגט מען נישט קיין קדיש".

„אוי מיין ליבער ייִד" — האָט שמעון זיך גענומען רייבן די אויס־געוויינטע, פאַרשלאָפענע אויגן און שווער אָפּגעזיפצט — „איר גאַנץ לעבן איז געווען שבעה און קדיש! שווער און ביטער געלעבט און נאָך שווערער געשטאָרבן! נאָך 25 יאָר לעבן האָט 50 יאָר איר לעבן גע־וועלקט, נישט געוואָלט געבן אירע קינדער קיין שטיפמאַמן, קליידלעך פאַר פויערטעס גענייט און איר אַרבעט אויסגעביטן אויף טאָרבעלעך מעל. געקנאָטן דאָס מעל אין מולטער מיט טרערן פון אירע אויגן און זאָגן פלעגט זי אונדז דערביי — „אוי קינדערלעך זאָלט איר אויפגיין ווי דאָס ברויט איז אויפגעגאַנגען! אזוי קינדערלעך מיינע זאָלט איר אין לעבן געפינען ביי יעדן איינעם מיט ווען איר וועט קומען אין באַרירונג, ווי דאָס ברויט איז געשמאַק!"

פון שמעונס אויגן האָבן זיך טרערן געקייקלט ווי האַרבסטיקער רעגן אויפן שוי־פענצטער — ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און דער־פילט אַן אַנגסטיקן באַגער זיך אַראָפּצורײדן פון האַרצן. „יאָ מיין ליבער ייד צו עלף יאָר האָב איך געמוזט ווערן אַ זעלבסטשטענדיקער מענטשן! יעדן פרייטיק דער מאַמען אַ קערבל געבראַכט איז שוין אויך געווען פלייש און פיש אויף שבת... ווען איך בין אַ גרויסער געוואָרן"....

דאָס לידל מיט וועלכן זי פלעגט פאַרוויגן מיין קלענסטע שוועסטערל, ווען מיין טאַטע האָט זיך מיטן לעבן געשיידט (אינגאַנצן 1 יאָר איז זי דאַן אַלט געווען); ס'האָט זיך געדוכט אַז מען הערט די יאָמערלעכע תפילות אין די שפּאַנישע פאַרבאָרגענע קעלערס ווי די אַנוסים וואָלטן דעם הימל געוואָלט שפּאַלטן אַז דער וואָס לעבט אייביק זאָל מיט זיין געטלעכן בליק אַריינשיסן אַ פייל אין טאָרקוועמאַדאָס שמייכלדיקן רויטן מאַנטל!

שלאָף מיין קליין יתומהלע
שלאָף אין אונדזער צעל
וועט מאַמע קינד אַ קליידל נייען
פאַר אַ טאָרבע מעל!

„ווייסט איר מיין ליבער ייד ווי אַזוי מיין הערצעלע האָט דעמאָלסט געקלאַפּט! און געוויינט פון מיין מאַמעס טרויעריקן ניגון? מיין גוטע מאַמע האָט אויף מיר אַזוי צאַרט און ליב אָנגעשריגן, אַז איך האָב אויסגעווישט די טרערן און איינגעשלאָפן ווי אַ הינטעלע.

ווינטער זיינען פון מאַמעס מויל קללות געפאַלן אַזעלכע האַרטע, גליווערדיקע ווי דער ווינטער אַליין! און אַז די הרובע איז געווען אויס־געהייצט און אַ ליבע וואַרעמקייט האָט געשוועבט אין שטוב, פלעגט זי זיך אַליין פאַרוואָרפן:

— וואָס זיינען זיי שולדיק אַז איך האָב גאָרנישט?... מוז אויסטווישן מיין אַרבעט אויף אַ האַלבער טאָרבע מעל און אַ בינטל האָלץ צו דער־וואַרעמען אייערע יונגע ביינדעלעך? גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד, ער האָט טאַקע שלעכט איינגעטיילט! אייניקע האָבן אַ סך און אַ סאַך האָבן גאָרנישט!

דער שמש האָט אַלע ווײַלע אָנגעקלאַפּט מיט זיין שפּיציק בערדל אויף זיין ברוסט און שלעפּערדיק מער מיט דער נאָז ווי מיטן מויל אונטערגעפּאָנפּעט: — יאָ, יאָ איך הער... „ווייסט איר מיין ליבער ייד, דעם טייטש פון אַ דערנער־וועג? נויט, עלנט און הונגער! פּראָסט און פשוט דאָרט ווו דער דלות פייפט אומגעשטערט!

— ווען איך האָב קדיש געזאָגט נאָך מיין טאַטן בין איך דאָס גאַנצע יאָר אויסגעשטאַנען יציאת מצרים... דער שמש פלעגט מיר אָננעמען פאַר די אויערן, אַזוי מיך אַרויפשטעלן אויפן באַנק, ער האָט געזאָגט און

איך האָב נאָכגעכליפּעט, זיבן יאָריקע טרערן האָבן זיך געקייקלט איבער מיין איינגעפאַלן געלן פּנים, ווען דער שמש האָט געענדיקט האָט ער מיך אַ קניפּ געטאָן אין בעקל — דו הערסט דו שייגעץ דו, קיין שום מצווה קומט נישט אָן גרינג... אַ יתום דאַרף וויינען...

אזוי בין איך אריין מיט אַ געוויין אין שטוב צו דער מאַמען, זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון מאַשין, אירע רויטע נישט דערשלאָפענע אויגן האָבן געשטאַמלט... „וואָס וויינסטו, וואָס איז געשען מיין קינד?״ „דער שמש זאָגט אַז אַ יתום דאַרף וויינען״ — זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט — „איך וועל אים געבן אָט דעם שמשטשוק! — זי האָט זיך אָבער באַלד באַרואיקט — ווער וועט מיט דיר קדיש זאָגן, זאָג דעם שמש אַז די מאַמע וויינט שוין פאַר אייך אויך.״

דער טריט פון מאַשין האָט ווידער גענומען קלאַפּן, דעם טרויער־מאַרש פון עלנט און נויט און טרערן גרויסע זיינען געפאַלן אויפן קאַ־לירטן ציצענעם קלייד.

„איר ליכט בענטשן, אַזאַ ליכט בענטשן האָט איר נישט גע־הערט און נישט געזען. ווען זי פלעגט ארומגיין מיט אירע הענט די ברענענדיקע ליכט און צופרעסן אירע אויסגעהאָרעוועטע פינגער צום פּנים, האָט איר דערפילט אַז זי דריקט אַ ברענענדיק ליכט צו איר צע־ווייטיקט האַרץ, אַז די הייליקע פלעמלעך זאָלן פאַרלייכטערן איר לעבן! איר האָט נישט געהערט קיין געבעט־ווערטער, נאָר קרעכצן און זיפצן, אָבער צו טויבע אויערן... פונקט ווי מיר פאַרשטייען נישט די זיפצן און קרעכצן פון די בלומען ווען זיי הייבן אָן צו וועלקן.

„איר הערט מיין ליבער ייד, שבת צו נאַכט ווען שטערן האָבן זיך באַוויזן איז די מאַמע צוגעגאַנגען צום טיש״...

שמעון האָט זיך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צום טויטן־קאַסטן אָנגענומען ביים עק דעם שוואַרצן צודעק. דער שמש האָט זיך אויפגע־הויבן און שלעפּערדיק אים אַ צי געטאָן פאַר דער האַנט — „יונגערמאַן, דאָס טאָר מען נישט טאָן, איר קענט דערציילן, אָבער נישט שפּילן טעאַ־טער...״ — שמעון האָט אַ קנייטש געטאָן דעם שטערן און זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט — „איר זייט גערעכט רב ייד, אזוי האָב איך געהאָלפן אַראָפּנעמען דאָס ווייסע טישטוך פון טיש, איר נאָכגעגאַנגען איבערן צימער בשעת זי האָט געזאָגט „גאָט פון אברהם, פון יצחק און יעקב, דער שבת־קודש גייט אַוועק, אַ גוטע וואָך וועט קומען! אַ גוטע וואָך קינדערלעך. אַ גוטע וואָך!״

ווען דער האַרבסטיקער פרימאָרגן האָט אַ קלאַפּ געטאָן אויף טאָג, האָבן זיך שלעפּערדיקע, מידע פּנימער, ווי שאָטנס, אָן ווערטער זיך אַרומגעשטעלט ביים טיר און געוואָרפן לעצטע טרויער־בליקן אויף

א שטיק געשיכטע פון 75 יאָר וואָס לעבט שוין נישט מער! שמעון האָט זיך צוגעשאַרט צום אָרון, אַריינגענומען אַ בלימל אין האַנט און מיט אַ לײַדנשאַפטלעכן ציטער געדריקט און געשאָטן אויפן שוואַרצן צודעק, און געוואָלט האָט ער זאָגן: „ביים לעבן בלויז דערנער, און נאָכן לעבן!..."

האַרבסטיקע נעגל האָבן געדריקט זיין האַלדז, גרויסע טרערן זיינען געפאַלן איינס נאָכן אַנדערן אויף זיין פאַרגאַנגענהייט! ווי אַ שטומער באַקומט צוריק זיין לשון אַזוי האָט ער אַרויסגעשלוכצט: „מאַמע דו ביסט אין אַ בלומען־צימער!..."

אַ קאַשמאַר לעבן

נעווים האָט זיך פלאָרינדען נישט געחלומט אַז זי וועט דערגרייכן אַ יונגנמאַן וואָס וועט פאַרנעמען אַזאַ געזעלשאַפטלעכע הויך... ווען זי איז צוריק מיט עטלעכע יאָר געזעסן באַם שניידער־טיש און אַרויסגעהאָלפן איר טאַטן אין דער אַרבעט. איר סאָציאַלער און געזעלשאַפטלעכער פאַרשטאַנד איז געווען אַזוי טויב און טעמפּ ווי די מאַשינען ווען זיי האָבן נישט געקלאַפּט.

וואָס זי האָט יאָ געוווסט, אַפּהיטן איר אויסערלעכן אויסזען. אַ שיין פּנים, אַן אָנגענעמע פיגור. דעם הויפּט־אוצר וואָס אַ יונג מיידל דאַרף האָבן האָט זי פאַרמאָגט. זי האָט געקאָנט אַ בלענד טאָן מיט אירע בלויע שמייכלענדיקע אויגן אַזוי, אַז יונגעלייט זאָלן איר לאַנג, לאַנג נאָכקוקן אין גאַס און אַוועק מיט אַ צופרידענעם שמייכל... „קסע מאַראַווישזאַ"!

דער מזלדיקער בחור איז געווען אַן אָנגעשטעלטער אין דעם געשעפט ווו איר פאָטער פלעגט אַרבעט אַרויסנעמען, אַ ייִנגל וואָס האָט זיך געגרויסט מיט די עטלעכע טויזנט פּעזעס וואָס ער האָט פאַרמאָגט און זיך געגרייט אויפמאַכן אַן אייגן געשעפט, און געוווסט האָט ער אַז אין דער געזעלשאַפט שפּילט אַ גרעסערע ראָל דאָס אויסערלעכע אויסזען ווי דאָס געלט וואָס איינער פאַרמאָגט.

האָט ער זיך טאַקע פאַרליבט אין פלאָרינדען איבער די אויערן. ווען זי פלעגט קומען אין געשעפט, איר צוגעוואָרפן ליבע־ווערטער, זי פלעגט זיך פאַררויטלען אַראָפּלאָזן אירע בלויע פינקלדיקע אויגן און שמייכלען אַ צופרידענע אין זיך אַריין... אין אַ טאָג ווען ענריקע איז

נישט געווען שטארק פארנומען אין געשעפט האט ער איר צוגעווארפן אזעלכע ווערטער אז זי האט אים געמוזט ענטפערן:

„איר הערט סעניאריטא פלארינדע, ווען איך וואלט געהאט דעם כוח ארויסצורייסן עטלעכע שטראלן פון דער זון און אייך אין פנים אריין ווארפן, וואלט איך געווען דער גליקלעכסטער מענטש אויף אונדזער זינדיקער ערד!"

זי האט א רויטן שמייכל געטאן און אים שטיל און צארט געענטפערט:

„אזעלכע ווערטער ענריקע, זאגט מען ביים לבנה־שיין... ווערט דער מארגן מיט האפענונג!... היינטיקע נאכט וועט זיין א פולע לבנה וועט זי אויך אונדזער סוד פארהילן מיט איר פולן זילבער־פאן... טרעפן מיר זיך אין אוונט?"

זי האט פארדרויטלט א שאקל געטאן מיטן קאפ...

פלארינדאס עלטערן האבן זיך געפילט גליקלעך מיט דעם שידוך. א באלעבאטיש יינגל, א פעיקער סוחר, מיט א גוטע צוקונפט! זייענדיק שוין אזוי נאענט צו איר האט ער דערפילט איר רואיקייט אין געזעלשאפטלעכן לעבן, אפילו קיין צייטונגען נישט געקאנט לייענען, די אנפאנג־שולע נישט געענדיקט צוליב א קינדער־קראנקייט, פון א יידישער שול איז אפגערעדט. האט זיך ענריקע אונטערגעגארטלט איר אביסל אויסצומענטשן. איר אנגעהויבן צו פירן אין געזעלשאפט, איבערהויפט אין יידישער, ווייל ער אליין האט געהאט א גוטע יידישע דערציונג. געענדיקט די באראכאוו־שולע, א חוץ א פריוואטן העברעישן לערער. געווען באקאנט מיט דער יידישער געשיכטע, וואס דאס איז א זעלטנהייט ביי דער יידישער יוגנט. איבערהויפט האט אים געלאקט די שפאנישע אינקוויזיציע, וואס האט אים געמאכט קעמפן פארן יידישן לעבן.

ווען די דייטשישע נאצי־שלאנג האט זיך א ווארף געטאן מיט א גיפטיק־פייערדיקן אימפעט, איז שוין ענריקע געווען אן אנגעזעענע פערזענלעכקייט אין קאמערציעלן ווי אין געזעלשאפטלעכן לעבן. ווען דער שרעקלעכער גיהנום־אימפעט האט זיך א לאז געטאן מיט פלאם און פייער געטראגן פון די נאצי־בעסטיעס איבער ווארשע, האט ענריקעס פאנטאזיע אנגעהויבן צו בלאנדזשען... און געשטיגן ביז צו א לעגענדארן העלד!... ער האט געפילט אז עס הייבן אים אן צו וואקסן שמשונס דריי גילדערנע האר אויפן קאפ... נאר עס פעלט אים בלויז... זיין נעגטער צו אייראפע און אננעמען מיט זיינע שטארקע הענט די דריי זיילן: בערלין, רוים און טאקיא!... און אלץ איינוואלגערן צוזאמען מיט זיין לעבן!

זיין ארויפגעארבעטע פאזיציע און געזעלשאפטלעכער מצב האט האט אים דערלויבט זיך צו שטעלן אין דער ערשטער רייע ביי דער

רעטונגס־אַרבעט. די שווידערלעכע נייעסן האָבן אים אַזוי פֿאַרצווייפֿלט:
אויב דאָרטן קען מען אומקומען מעג מען דאָ זיין אַן אָרימאַן! זיינע
פֿאַמיליע־מענטשן האָבן געמוזט אונטערקומען כדי צו ראַטעווען זיינע
געשעפֿטן. אַלע זיינען געווען מסכּים אַז מען דאַרף עפּעס טאָן, מען מוז
ראַטעווען אָבער נישט אַזוי פּאַנאַטיש ווי ער טוט עס. זיין פֿרוי פֿלאַ־
רינדאַ פֿלעגט צו אים טענהען: אויב דו האָסט מיך אַמאָל געהאַלטן פֿאַר
אומוויסנדיק, ביסטו שוין באַלד אינגאַנצן פֿון זינען אַראָפּ! וואָס פֿאַראַ
גוטס וועסטו דערמיט אויפֿטאָן? דו ביסט שוין אין צושטאַנד אַז דו
קאָנסט זיך שוין אַליין נישט העלפֿן! און דו ווייסט עס גוט אַז אָן דיר
איז אויך מיין לעבן צעבראָכן.

די שרעקלעכע טעגלעכע גרויל־באַריכטן האָבן אים יעדן טאָג דער־
לאַנגט דונערדיקע קלעפּ איבער זיין פֿאַרשטאַנד. ווען די אוממענטשלעכע
נייעס וועגן די קאַלך־אויוונס האָבן צו אים דערגרייכט און ווען שפּע־
טער די נייעס וועגן גאַז־קאַמערן, האָט ער זיך שוין געפֿילט אינגאַנצן
צעשלאָגן! אַרומגעגאַנגען מיט געבײַלטע פֿויסטן אַ פֿאַרטראַכטער אין
זיך, צו קיינעם קיין וואָרט נישט גערעדט. ווען ער האָט זיך דערוווסט
פֿון דעם מאַקאַבייער־אויפֿשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ, האָט ער
אויפֿגעהויבן זיינע הענט מיט געבײַלטע פֿויסטן צום הימל און מיט אַן
אוממענטשלעכן קול אויסגערעוועט: שמע ישראל!

די בעסטע היילונג פֿאַר זיין פּסיכישער קראַנקהייט איז געווען, זיך
אַוועקלאָזן יעדן טאָג אויפֿן בית־עולם אין טאַבלאַדאַ און דאָרט אויס־
לאָדן זיין קראַנקן מוח און צעוויטיקט האַרץ מיט נביאישע קללות און
פּורעניות ביים גרונטשטיין פֿון מאָנומענט פֿאַר די געפֿאַלענע העלדן.
אָנשפּיזן זיינע מוטנע בליקן און קוקן אָן אַ זין, אָן אַ ציל. ווען נישט
ווען אויפֿגעהויבן די אויגן צום הימל און מיט געבײַלטע פֿויסטן מורמלען
אין זיך אַריין: יתגדל ויתקדש — און טרערן, גרויסע ווי האַרבסטיקער
רעגן האָבן זיך געיאָגט איינער נאָכן צווייטן אויף זיין פּנים.

און ווידער זיינען קאָשמאַרנע געדאַנקען אָנגעפֿלויגן מיט אָדלער־
פֿליגל און אָנגעפֿילט דאָס געמיט מיט צער. נישט נאָר פֿון יידישע ליידן.
ביי יעדן אויפֿריכטיקן מענטש איז דאָס האַרץ אָנגעפֿולט מיט צער און
ווייטיק. מיליאָנען קרעכצן האָבן געפֿיבערט אין זיין קראַנקן מוח! ער
האָט געזען ווי זיי גראָבן די אייגענע קברים מיט זייערע קנאָכיקע הענט!
ער האָט דערהערט דעם לעצטן ציטער פֿון זייערע נשמות! זיך אָנגע־
כאַפּט ביים האַרצן און מיטגעקרעכצט: שמע ישראל! אַ טויט די הענקער!
ביי די ווערטער האָט זיך אַ ברייטער קראַנקער שמייכל צעשפּרייט אויף
זיין אויסגעצערטן געזיכט. ער האָט געטאַפּט מיט זיינע קנאָכיקע פֿינגער
דעם קאַלטן שטיין פֿאַרן מאָנומענט, ווי ער וואָלט געשטאַנען ביי די

פרישע ברידער־קברים און מיט א שרעקלעכן ציטער פון פארצווייפלונג אויסגערופן:

— בלאנדע בעסטיעס! טארקוועמאדאס אייניקלעך! פרעה׳ס גיפ־טיקע שלענג! דערטרונקען ווערט אין יידישן בלוט! ווי פרעה׳ס קנעכט ווען משה האט די יידן באפרייט! זאל קיין פויגל אויף אייער ערד נישט קומען! ווילדע חזרים זאלן זיך ראיען אין אייערע נעסטן, איר זאלט וואנדערן פון לאנד צו לאנד און אין ערגעץ קיין רו נישט געפינען! קלאפן זאלט איר אין פארמאכטע טירן, רופן זאלט איר און קיינער זאל אייך נישט הערן! אייערע אויגן זאל א נאכט־פינצטערניש פארדעקן! זוכן און קיינמאל גארנישט געפינען! אייערע קערפערס זאלן באהאנגען ווערן מיט יידישער קנאביקייט, וועלכע זיינען געפאלן פון אייערע טייוול־הענט! אין אייערע אויערן זאלן קלאפן די קרעכצן פון פארפייניקטע קינדער!

ער האט א פארמאטערטער אפגעכאפט דעם אטעם, ארומגעווישט דעם ווייסן שוים ארום זיין מויל ווי די כוחות וואלטן אים פארלאזט האט ער שטיל פארגעזעצט: — זוכן זאלט איר די צעפוילטע גלידער פון אייערע מיליאנען קרבנות! נישט לעקן מיט אייערע ווילדע צונגען די צעפוילטקייט! נישט פארשוועכן זייער הייליקן אנדענק! נאר אויסטרי־קענען אייערע אויגן ווי זייערע זיינען שוין טרוקן און צעפוילט. אפשר וועט זיך דער גאט פון מענטשלעכקייט דערבארעמען איבער אייך?...

אין זיינע לעצטע מאמענטן פון זיין קאשמארן לעבן איז ענריקע ווי נייר־געבוירן געווארן... מיט א ווייכן געלן שמייכל געזאגט צו זיין פרוי פלארינדאן:

— א לבנה־נאכט האט אונדז פארבונדן און א חושכדיקע שבעה־נאכט וועט אונדז אויפבינדן...

פלארינדא האט מיט א שטילער, ציטערדיקער שטים פול מיט צער און ליבע אים בארואיקט:

— צו פליען אין די הימלען ווי דו, מיין ליבער, האסט געוואלט דארף מען האבן פליגל... איך האף אז דאס לעבן ווי דאס גאנצע אומ־גליקלעך יידיש לעבן וועט אונדז נאך א ווארעם טאן מיט דער ווארעמקייט פון דער זון אין מיטן טאג!

„אַ מענטש" מיט אַ ווייך האַרץ...

צוויי ברידער זיינען זיי געווען, גרינערהייט זיךביידע געמאַטערט פאַרן שטיקל ברויט: ביידע מיט פאַרשיידענע כאַראַקטערן, זייער עלטער איז געווען געררוקט מיט צוויי יאָר. דער עלטערער פּיוּוקע, מיט אַ חוש צו מסחר, דער יינגערער בערנאַרדאָ, אַן אינטעליגענט מיט אַ צאַרטער איידעלער נשמה, וואָס וואָלט זיך גיכער צוגעפּאַסט צו זיין אַ קאַבינעט־מענטש פאַר וויסנשאַפטלעכע צוועקן. פּיוּוקע, פּונקט דער היפּוך: ווילד ברוטאַל, אַ האַלבער אַנאַלפאַבעט: אים האָט גערופן די גאַס און מיט זיינע פאַרשפּיצטע פעסטע עלנבויגנס האָט ער זיינס דערגרייכט.

בערנאַרדאָ האָט זיך צו גאַרנישט געקענט צופּאַסן: געפּרווט געבן פּריוואַטע לעקציעס, אָבער קיין לעבן דערפון נישט געקאָנט מאַכן. אין קעגנטייל זיין ברודער פּיוּוקע האָט זיך פעסט אונטערגעגאַרטלט צו מאַכן אַמעריקע: צווישן די פּאַסאַזשירן איז ער געוואָרן דער העלד פון טאָג. אין אַ קורצער צייט באַוויזן צו אַרבעטן מיט 4 אייגענע „טעלאַרן": זיין קאָפּ איז אָבער ביי דער אַרבעט נישט געווען רואיק... שטענדיק גע־טראַכט ווי אַזוי צו פאַרגרעסערן זיינע געשעפטן, צו קענען אָנהייבן אַרבעטן מיט אייגענער סחורה און ווערן אַ פאַבריקאַנט מיט פאַברי־קאַנטן גלייך. און פּיוּוקע האָט זיין עקשנות דערפירט צום ציל. דער קאָפּ איז געווען צו שמאָל צו פירן זיינע געשעפטן און אינגאַנצן זיך פאַרלאָזן אויף פרעמדע מענטשן האָט אים עפּעס געשראָקן: ערשטנס דאַרף מען גוט באַצאָלן און צווייטנס האָט ער געוווסט אַז מיט פרעמדע הענט איז גוט פייער צו שאַרן: איז אים געקומען אויפן געדאַנק זיין ברודער בערנאַרדאָ: ער מאַטערט זיך דאָך ערגעץ אין אַ פאַרשטעטל פון בוענאָס איירעס, האָט שוין אַ פרוי מיט אַ קינד און פאַרדינט קוים אויפן לעבן: אין זיין ערלעכקייט צווייפלט ער דאָך נישט און אַרבעטן וועט ער דאָך ביליקער ווי אַן אַנדערער און וויפל ער, פּיוּוקע, זאָל אים נישט צאָלן וועט ער פאַרדינען מער ווי ביי לערעריי. אין זיינע פעיקייטן

האָט ער אויך נישט געצווייפלט: ער וועט דאָך אים קענען פירן די ביכער און האָבן אַ וואָך אויג אויפן פּערסאָנאַל.

בערנאַרדאָ האָט זיך מאַטעריעל געפילט באַקוועמער; עס האָט אים אפילו פאַרדראָסן, וואָס דער צווייטער אָנגעשטעלטער פאַרדינט מער פאַר אים און ער האָט אַ גרעסערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן צווייטן, אָבער זיין באַלעבאָס, זיין ברודער פּיוועקע, וואָס האָט זיך שוין גערופן דאָן פעליפּע, האָט אים געפרווט איבערצייגן אַז ער איז נאָך נישט געניט פּראַקטיש אין דער אַרבעט און אַז אַ ברודער מעג מען אַרויס־העלפן... „איך בין דאָך נאָך נישט קיין מיליאָנער און דיר פעלט איצט גאָרנישט, פאַרדינסט מער ווי ביי לערערייַ; איז דען נישט שענער צו זיצן אין אַ באַקוועמער עסקריטאָריע ווי אין אַן ענגן צימער און קנעלן מיט קינדער, אויסשטיין אַלע זייערע קאַפּריזן, אַמאָל אויך פון זייערע מאַמעס און פּטרן דאָס געזונט!"

ווען בערנאַרדאָ האָט דערהערט דאָס וואָרט „פּטרן דאָס געזונט", איז אַ קאַלטער שוידער אַריבער איבער זיין לייב, דאָס געשוויר וואָס האָט געוואַקסן אויף זיין לעבער האָט זיך געלאָזט דערפילן; די אַרבעט האָט אים אָבער פאַרשלונגען און ער האָט קיין צייט נישט געהאַט זיך צוהערן צו זיך אַליין, גראָד אין דעם ענגן צימער ווו ער פלעגט געבן קלאַסן האָט ער זיך געפילט אַ סך געזונטער ווי אין דער באַקוועמער עסקריטאָריע. ער פלעגט קומען יעדן פרימאָרגן מיט אַ שעה פריער אין שולע, זיך אַוועקזעצן אין קליינעם גאָרטן וועלכן זיינע שילער האָבן געפלאַנצט און איינאָטעמען אין זיך די פרישע לופט וואָס האָט אים לייכטער געמאַכט ווי אַלע רפואות: דער פייגל־געזאַנג און דאָס לייכטע זומערדיקע פרימאָרגן ווינטל האָט אים געמאַכט פאַרגעסן זיין פיזישן ווייטיק.

די פאַבריק האָט אים אויפגעגעסן אַ לעבעדיקן, דאָס קלאַפּערייַ פון פון די מאַשינען, די קלינגענדיקע יונגע געלעכטערס פון די מיידלעך ביי די מאַשינען, דאָס קלינגען יעדע סעקונדע פון די צוויי טעלעפאָנען, די פראַגעס פון אייניקע אַרבעטער ביים אויסצאָלן די „קינסענע": פאַרוואָס אייניקע האָבן אַ סך און אַ סך האָבן גאָרנישט: פאַרוואָס שטעלט מען נישט אַריין צו מאַרקס קאַפּיטאַל אָט די פּראַקטישע באַ־מערקונג, אפשר וואָלט מען געפונען אַ „לייזונג". דאָס אַלץ האָט אים געפרעסן ווי ווערים, ספּעציעל פון די אַרבעטער וואָס זיינען אַזוי צו־דרינגלעך וועגן זייערע לעבנס־פּראָבלעמען. זיי ווייסן נישט אַז אויפן פונדאַמענט וואָס אייניקע האָבן אַ סך און אַ סך האָבן גאָרנישט איז געבויט די סאָציאַליסטישע לערע.

פון זיין ברודערס פערדישן אַריינהירזשען אין טעלעפאָן צו זיינע קליענטן, ווו איין וואָרט צום צווייטן האָט זיך נישט געקלעפּט, פלעגט

זיין בלאַס געזיכט רויט ווערן פון בושה: ווען בערנאַרדאָ האָט צווישן זיך געמאַכט אַ באַמערקונג זיין ברודער אויף זיינע אומגעלומפּערטע רייד האָט דאָן פעליפּע וווּליונגעריש אַ שמייכל געטאָן:

— וואָס מיינסטו אַז איך נויטיק זיך אין דיין אינטעליגענץ? זיי פאַרשטייען שוין מיין לשון. זיי קוועלן אָן פון יעדן וואָרט מיינעם, ווייל זיי דאַרפן צו מיר און נישט איך צו זיי... דערפאַר בין איך איצט דער גדול! און דו מיט דיין וויסן און שיין־ריידעריי וואָס האָסטו אָפּ־געשפּאָרט אין אַרגענטינע? אַ קרענק און נישט מער!

באַ ענלעכע שמועסן פלעגט בערנאַרדאָ צוזאַמענברעכן און פעסט ביי זיך באַשלאָסן מיט אים מער וועגן אַזעלכע זאַכן נישט ריידן, ווייל פון אַ פערדישן עק קען מען קיין קוילישט נישט פלעכטן.

בערנאַרדאָ האָט טיף אָפּגעזיפצט אויס רחמנות צו זיין ברודער. אַז אַפילו אַזאַ אומוויסנדיקער מענטש ווייסט שוין פון קלאַסן־אונטער־שיד: ווען נישט די קלאַסן־צעטיילונג, ווי גליקלעך מענטשן וואָלטן גע־לעבט, דאָס לעבן וואָלט געווען אַ מין אידיליע, יעדעס האַרץ וואָלט געווען אַ קאַסטן מיט בלומען, ווען נישט די בייזע צוויי־פיסיקע בינען זאָלן נישט אויסזייגן דעם זאַפט נאָך איידער די בלימלעך ווערן רייף און וועלקן פאַר דער צייט! אַזוי האָט זיך בערנאַרדאָ פאָרגעשטעלט דאָס לעבן.

דער לעצטער מאָראַלישער קלאַפּ האָט בערנאַרדאָס שוואַכן געזונט־צושטאַנד צוגעקלעמט ווי מיט שטאָלענע צוואַנגען. די רעדע פון זיין ברודער דאָן פעליפּע אויף דעם לוקסוס־באַנקעט, וואָס ער האָט איינ־געאָרדנט אין זיין פּאַלאַץ, וועלכער איז געשטאַנען קעגנאיבער דער פּלאַסע באַראַנקע־בעלגראַנאָ, זיך געטונקען אין גרינס און זון און געשמייכלט מיט זיינע קאָליר־פאַרבן צו דעם באַרגיקן גאָרטן וווּ קינדער האָבן זיך געקייקלט באַרג אַראָפּ מיט זאַפטיקע קלינגענדיקע געלעכטערס. אָט דאָרט, אין דעם פּאַלאַץ האָט דאָן פעליפּע געהאַלטן זיין דרשה פאַר זיינע כע־רענטעס און איינגעלאַדענע „קאָלעגן"־פאַבריקאַנטן: ווען די נאַיווע קינ־דערלעך וואָלטן זיין דרשה געהערט וואָלטן זיי רויט געוואָרן פון בושה.

נאָך די קאָמפּלימענטן און שיינע ווערטער וואָס די געסט האָבן צוגעוואָרפן אויפן חשבון פון דאָן פעליפּען, האָט זיין פּנים געקוועלט ווי אַ באָקסער, געגלאַנצט ווי שוואַרצע בלאָטע נאָך אַ רעגן; זיינע גלע־זערנע נאַרישע אויגן האָבן געפינקלט ווי גאָלדענע פליגעלעך אין אַ זומער־נאַכט, די גרויסע לאַפּעס זיינע האָט ער געהאַלטן אויפן טיש, די דיקע קורצע פינגער האָבן געבלאַנדזשעט צווישן מעסערס, גאָפּלען און טעלער... זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. זיין האַרץ האָט גע־קוועלט פון נחת, יעדע ווייטע האָט זיך אויף זיין פאַרשוויצטן געזיכט באַוויזן אַ נאַרישער שמייכל ווי אַ פערדישער גענעץ: ער האָט פון גרויס

נחת זיך געדרייט אויפן בענקל ווי א בער אין א שטייג: ענדלעך האָט דאָן פעליפּע זיך אויפגעשטעלט צו באַדאַנקען די געסט פאַר די גרויסע שבחים. בערנאַרדאָ האָט אַריינגענומען זיין מידן קאָפּ אין די קנאָכיקע הענט נישט צו זען די ווילדע גרימאַסע פון זיין ברודער — דעם גרויסן פאַבריקאַנט:

„מיינע ליבע פריינט, אַ סך פון אייך האָבן אָנגעטאַפּט מיין דופּק טאַקע ווי אַ דאָקטער... נישט ווי אַנדערע וואָס בלאָנדזשען ווי אַ בעל־עגלה אין אַן אומבאַקאַנטן וואַלד. און איר מיינע פריינט, האָט נישט געבלאָנדזשעט. איך בין אַ מענטש מיט אַ ווייך האַרץ... איך האָב זיך דאָ אין אַרגענטינע אונטערגעגאַרטלט ווי אַ טרעגער מיט אַ שטריק, אַז דאָס זעקל, אָט די שווערע משא זאָל נישט אַרונטערפאַלן און מיט מיינע פאַרשפּיצטע עלנבויגנס דערטראָגן די משא ביז צו מיין לעבנס־שיף. איצט האָב איך שוין צו שווימען קעגן שטראָם... די וויאַסלעס זיינען מיינע דעפּאָזיטאָס אין די בענק און אויך אין די אַנשטאַלטן ציט מען פאַר מיר די היטל".

אייניקע תקיפים האָבן זיך אַריבערגעוואָרפן מיט ווערטער און גע־שמייכלט אין די הויפּנס אַריין: „דער פאַרשוין גרייט זיך ערגעץ לויפן אויף פּרעזידענט".

און דאָן פעליפּע האָט פאַרגעזעצט זיין דרשה: — „ווייסט איר פאַרוואָס איך בין אַזוי מעכטיק געוואָרן?... נישט ווי די אָט צעקראָכענע לעמעשקע — מיין ברודער — (בערנאַרדאָס געזיכט האָט אַ צוק געטאָן ווי פון אַן ערד־ציטערניש) — „מיינע ערשטע טריט אין אַרגענטינע האָב איך זיך גלייך צוגעפּאַסט צו זייערע זיטן... דאָס ערשטע אַ מאַטע קריאָזשע. געוואַרעמט דאָס פאַרויכערטע טשייניקל אויף אַ „בראַסעראָ" אַריינגעלייגט אַ שטיק איבערגעבערענטן צוקער און געטרונקען אויפן שטיי־גער פון די קריאָזשעס: און אַזוי בין איך געוואָרן אַ קריאָזשע... וועלכע נאָך באַווייזן ווילט איר — איר פאַרשטייט דאָך אַז מיט מיין שטאַרקן ווילן האָב איך אַלץ דורכגעבראָכן און איצט מאַטעט מען פון אַ זיל־בערנער מאַטע מיט אַ גאָלדענער באָמביזשע!

בערנאַרדאָ האָט מיט אַן אַנגסטלעכן קרעכץ איבערגעריסן דעם ברודערס רעדע און אַזוי אַרום פאַרשטערט די שמחה: מען האָט אים געמוזט אינטערנירן אין שפּיטאָל, זיין לעבן איז געשטאַנען מיט אַ פוס פון יענער זייט שוועל. זיין פרוי מיט די צוויי קינדער האָבן אין זיך פאַרגעסן, בלויז געזאָרגט וועגן בערנאַרדאָס געזונט, צו וועמען קען מען גיין נאָך הילף אויב נישט צו זיין רייכן ברודער? פאַר וועמען ער האָט אַזויפיל געלייסטעט פאַר זיין רייכטום; הגם זי האָט געוווּסט אַז עס וועט איר אָנקומען מיט שוועריקייטן עפּעס אַרויסבאַקומען פון אים, האָט זי דאָך קיין אַנדער אויסוועג נישט געהאַט. זי געדענקט דעם טאָג פון

דער פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל, ווען די יונגט איז דאָרט אָפּ־געגאַנגען מיט בלוט! נישט צו פאַרשפּילן דאָס קליינע געווינס, אויף וועלכן מען האָט געוואַרט צוויי טויזנט יאָר. האָט ער מיט שטאָלץ איבער־דערציילט ווי אַזוי ער האָט געקעמפּט... קעגן דער האַנדלונג פון פאַר־אייניקטן קאַמפּיין.

„אָט אַ חוצפה פון מענטשן — האָט דאָן פעליפּע איבערדערציילט ביי זיך אין שטוב זיין העלדנמוט — מיך נעמען זיי אויף זיכער, פּונקט ווי איך וואָלט געשטאַנען פאַר אַ געריכט, ווי גלייך זיי קענען מיך נישט... מיט וואָס איך באַשעפטיק זיך, וויפל איך פאַרדין, וויפל באַ־טרעפט מיין אומבאַוועגלעך פאַרמעגן, און מען האָט אָפּגעשאַצט אַז אַזויפיל און אַזויפיל טויזנטער מוז איך געבן — אָבער נישט באַ מאַ־טיען... איך האָב גאָרנישט געגעבן און זיי גוט אַריינגעזאָגט: וואָס מיינט איר וואָס? איך אַרבעט בכדי אויסצוהאַלטן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק? וויפל וואָלט איר געגעבן ווען מען דאַרף פאַר מיינעטוועגן צוזאַמענ־קליבן? זיי האָבן דערפילט אַז איך בין גערעכט; קיינער פון די משי־נאָווניקעס האָט מיר קיין וואָרט נישט געענטפערט און איך האָב מיינס אויסגעפירט” — ער האָט אַריינגענומען זיין קורצן גראָבן פינגער צווישן צייג־פינגער און מיטלסטן און מיט שטאָלץ אויסגעצויגן זיין לאַפּע — אָט דאָס האָב איך זיי געגעבן!...

די צאַרטע איידעלע פרוי האָט געוווּסט אַז זי גייט ריידן צו ווילדע טויבע אויערן, מעג דאָס זיין פאַר אַן אייגענעם ברודער, אפשר וועט זיין ווייך האַרץ דאָך אַביסל ווייכער ווערן?

ווען זיין שוועגערן האָט אַריבערגעשפּאַנט די שוועל פון דאָן פע־ליפּעס שטוב, האָט ער גלייך אַ מורמל געטאָן צו זיין פרוי: „מען איז שוין געקומען שלעפּן.” — אַ שווידער האָט אַ קלעם געטאָן אין גאַנצן לייב! דער גוט־אָוונט איז דערשטיקט געוואָרן אין איר האַלדז און זי איז געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטע. פעליפּעס פרוי האָט דערפילט אַז עפּעס אַ שטורעם רוקט זיך אָן און זי האָט געבעטן איר שוועגערן זיך צו זעצן. נאָך אַ קורצער ווײַלע האָט דאָן פעליפּע אויף זיין שטייגער אַ ברום געטאָן: „וואָס מאַכט בערנאַרדאַ?” די פרוי האָט מיט שטילן ווייטיק געענטפערט: „אָט צוליב דעם בין איך געקומען מיט אייך זיך דורכצו־ריידן” — „אָבער נישט פון טרויעריקע זאַכן — איר ווייסט דאָך אַז איך בין אַ מענטש מיט אַ ווייך האַרץ” האָט ער אונטערגעכאַפּט.

— איר פאַרשטייט דאָך, ליבער שוואָגער, — האָט בערנאַרדאָס פרוי געשטאַמלט פון אויפרעגונג — אַז קיין קאַפּיטאַל האָבן מיר נישט און אין שפּיטאָל איז נישט אַזוי פּויגלדיק: אויסער דעם וואָס עס פעלן אויס מעדיקאַמענטן האָט יעדער דאָקטאָר אַ פּאָר צענדליקער קראַנקע צו באַטראַכטן און פאַרביי יעדן קראַנקן לויפט ער דורך ווי אַ ווינט,

און ער, בערנאַרדאָ מוז האָבן גיכע הילף פון אַ ספּעציאַליסט. וואָלט אפשר מעגלעך געווען מיר זאָלן אים אַריינגעבן אין אַ סאַנאַטאָריע?

דער קאַלטער בליק פון אירע אויסגעוויינטע אויגן האָט געפּאַרשט זיין באַוועגונג. פעליפּעס אונטערשטע ליפּ האָט אַ ציטער געטאָן ווי ביי אַ פערד, אַ קריץ געטאָן מיט די ציין ווי ער וואָלט זאַמד געהאַלטן אין מויל; זיינע קורצע, דיקע פינגער האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט אויפן טיש ווי שטאָלענע מאַגנעטן. געקוקט האָט ער אויף זיין שווענערן מיט אַ בייזן גיפטיקן בליק ווי אויף איינעם וואָס איז אים געקומען אומ־ברענגען און אַ תּל מאַכן צו זיין גאַנצן פאַרמעגן. זיין שווענערן איז געזעסן אַ דערשלאָגענע פון זיין ווילדער האַלטונג. זיינע שפּיזיקע בליקן זיינען געלאָפן ווי אַ שאַרף פון אַ מעסער איבער איר לייב, מיט שטילן ווייטיק האָט זי דערוואַרט זיין ענטפער. דאָן פעליפּע האָט זיך נערוועז אויפגעשטעלט, אַריינגעשפּאַרט בײדע לאַפּעס אין די הויזן־קעשענעס און נערוועז אויסגעברומט:

— וואָס מיינט איר וואָס, אַז איך בין טאַקע אַזאַ גרויסער „מי־זשאַנאַריאַ"? אַריבערפירן אין אַ סאַנאַטאָריע צו אַ ספּעציאַליסט און אויב עס גייט נישט... ברענגען נאָך אַ גרעסערן קנאַקער פון נאָרד־אַמעריקע, באַצאָלן עטלעכע טויזנט דאָלאַרן פאַרן אָדלער וואָס וועט אים ברענגען און פירן צוריק, און נאָך עטלעכע מאָל אַזוי פיל פאַרן גרויסן קענער — איר ווילט דאָך מיך פּשוט אומברענגען!

פעליפּעס פרוי האָט שוין נישט געקאָנט פאַרטראָגן זיינע ליידן... אוועקגעלייגט דאָס פענדזל מיט וועלכן זי האָט געהאַלטן אין פּאָלירן אירע פאַרשפּיצטע נעגל, אַרויסגענומען דאָס ציגאַרעטל פון מויל און דורכגעזיפּצט צווישן אירע זעלבערציין:

— וואָס־זשע איר מיינט טאַקע אַז מיין מאַן איז אַ מעלקנדיקע קו?

די צעווייטיקטע בלאַסע פרוי האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל און מיט עקל זיי אָפּגעדאַנקט:

—די קו זענט איר און אייער מאַן איז נישט מער ווי אַ ווילדער אָקס! — און זי איז אַוועק מיט האַסטיקע טריט ווי פון אַן עיפּוש. ווען זי האָט פאַרהאַקט די טיר הינטער זיך, האָט פעליפּע פריי אָפּגעאָטעמט און איר נאָכגעשריען:

— זאָגט אים ער זאָל זיך נישט צואײַלן מיטן שטאַרבן — איך בין אַ מענטש מיט אַ ווייך האַרץ... און צווייטנס — איך האָב נישט קיין צייט צו גיין צו זיין לוויה.

נאָך פּריילינג

דער זומערדיקער טאָג האָט געשפּרודלט מיט אַלע קאָלירן און גע־זאַנגען, פייגל האָבן נישט געגלויבט אַז עס וועט נאָכאַמאָל קומען האַרבסט און ווינטער און מען וועט זיך מוזן איבערפּעקלען אין אַנדערע לענדער, אַזוי פאַרכישופט זיינען זיי געווען פון זומער גאָלד און גרינס, און מיט זייערע זאָרגלאָזע געזאַנגען זיך אַליין פאַרשיכורט.

אַזוי האָט קלאַריטאַ אויפגעכאַפּט דאָס לעבן בשעת כואַן האָט איר אָפּגעפּרעסט אַ ליבן ווייכן קוש... און איז אַוועק צו זיין אַרבעט. קו־מענדיק צום ראַנג האָט כואַן אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איר צוגעוואָרפן: „אַדיאָס רוסיטאַ״. אַ גרויל האָט קלאַריטאַן דורכגענומען פון דעם וואָרט רוסיטאַ און בשעת מעשה אַ טראַכט געטאָן: עס זאָל נאָך מיט דער צייט נישט ווערן פון דעם ליבן אויסדרוק „רוסאָ פאָדרי־דאָ!״ ווי איר טאַטע האָט איר פאַרזיכערט ווען זי האָט פאַרלאָזט די שטוב פון אירע עלטערן און איז אַוועק מיט כואַנסיטאָן ווען זי האָט פאַרגעטערט אַלס אידעאַליסט און מאַן! מיט זיין שוואַרץ־סאַמעט קאָפּ וואָס האָט צוגעגעבן אַזויפיל רייץ צו זיין ברוין־קריאָזשע געזיכט מיט זיינע פינקלדיקע פלוימען־אויגן, וועלכע האָבן איר פאַרכישופט און איינגעוויגט אין טויזנטער זיסע חלומות און איר אַוועקגעריסן פון איר שטאָם.

איר פאָטער, ווען מען האָט אין רוסלאַנד אין די רעוואָלוציאָנערע רייען גערופן דער לויפער פאַר זיין געשיקטקייט צו פאַרשפּרייטן פּראָק־לאַמאַציעס אין די גאַסן, איז אין יאָר 1905 געקומען קיין אַרגענטינע אַ שטרענג רעליגיעזער ייד. דעם קאַמף קאָן ער קיינמאָל נישט פאַרגעסן וואָס ער האָט געפירט אין דער שפּיץ פון אַן אָפּטיילונג סאַמאָבאָראָנצעס קעגן נעכטיקע רוסישע חברים וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט באַנדעס

פאַגראַמשטשיקעס! ערשט נעכטן האָט זיך געהערט פון זייערע רעוואָלו־ציאָנערע מיילער נידער מיטן צאַר! האָט איצט פון זייערע ווילדע מיילער געפינעט מיט שוין ווי צעגליטע לאַווע: בעי זשידאָוו! אָט די שרעקלעכע בילדער האָבן אים אויסגעטאָן פון סאָציאַליזם, פאַריאָגט אין דער ווייטער אַרגענטינע און געוואָרן אַ שטרענג רעליגיעזער ייד און מער נישט געוואָלט וויסן פון יענע אידייען.

קלאַריטאַ איז אַריין אין צימער זיך אוועקגעזעצט באַם טיש און גענומען שטריקן די וואָלענע זעקעלעך פאַר איר נאָך נישט געבוירענעם קינד, און דערינערונגען האָבן זיך געבלעטערט איינער איבערן צווייטן: כּואַנסיטאַ איז אַ ווילער יאַט, זייער אַ גוטער, אַקטיוו אין די לינקע רייען ווו זיי האָבן זיך באַפריינדעט, זי וואַרט נאָר אויף אַ גינסטיקן מאָמענט אים צו קאָנען באַווייזן שלום מאַכן מיט אירע עלטערן. זי האָט גוט געוווסט די לעבנס־געשיכטע פון איר פאָטער: אָבער דאָ לעבן מיר דאָך אין אַ פריי לאַנד, נישטאָ קיין צאַריזם, נישטאָ קיין פּלאָץ און קיין סיבות אין דער פרייען אַרגענטינע פון היינט אויף מאָרגן ווערן אַן אויסוווּרף. אַ קליין קרעצעלע איז איר פאַרבליבן אין האַרץ... אַזוי בלע־טערנדיק אירע געדאַנקען האָט זי זיך דערמאָנט... אַז אין די יאָרן ווען די דייטשע בעסטיע האָט געטאַנצט איר טייוול־טאַנץ האָבן זיך דאָ אין אַרגענטינע באַוויזן אַפּישן אַף די ווענט מיט היטלער־לאָזונגען: אַ טויט צו די יידן! ווילסטו זיין אַ גוטער אַרגענטינער דאַרפסטו הרגענען אַ יידן! — קלאַריטאַ האָט זיך אַליין געפּרוווט טרייסטן: עס איז געווען אַן איבערלויף, אַ מאָדע אַזאַ געווען... וואָס האָט אָנגעשטעקט די גאַנצע וועלט מיט די קרעציקע געשרייען קעגן די יידן — אָבער זיך נישט גע־פּרוווט פאַרטראַכטן וואָס עפּעס דאָס גאַנצע שלעכטס אויף אַ יידן? ווען כּואַנסיטאָ זאָל זיין פון די לייכטזיניקע אידעאַליסטן ווי אַמאָל די רוסישע רעוואָלוציאָנערן. וואָס האָט אים געצווונגען זיך פאַרליבן אין אַ יידישער טאָכטער?... איז דען קאַרג דאָ אַרגענטינער פרויען? — זי האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט ווי זי וואָלט געוואָלט אָט די גע־דאַנקען פון זיך פאַרטרייבן און אונטערגעברומט אַ לידל איבער די וואָלענע זעקעלעך וואָס זי האַלט אין שטריקן פאַר איר נאָך נישט גע־בוירענעם קינד, און נישט געפילט אַז טרערן, גרויסע טרערן קייקלען זיך איבער איר געזיכט.

שוין צוויי יאָר ווי קלאַריטאַ האָט פאַרלאָזט איר טאַטע־מאַמע און געמוזט פאַרגעסן אין זיי. קיין אַנדער אויסוועג איז נישט געווען. זי האָט זיך מיט דער צייט צו ביסלעך אויסגעטשוכעט ווי פון אַ געפּער־לעכער אָפּיום־שיכּרות און דערפילט איר איינזאַמען לעבן אָן עלטערן, משפּחה און פריינט. זי האָט געוווּסט, אַז אַלע האַלטן איר פאַר אַ לעבעדיקן מת. זי האָט גוט געקענט איר רעליגיעזן טאַטן און די ברכות...

וואָס ער האָט איר מיטגעגעבן. ברעכט צו ביסלעך איין איר יונג לעבן.
די מאַמע איז שבעה געזעסן נאָך איר לעבעדיקן מת. דער טאַטע האָט מיט אַנגסט אַ יתגדל ויתקדש אויסגעוויינט, און געבעטן זיין פרוי זי זאָל זיך נישט נעמען צום הארצן... אין טויטע מוז מען פאַרגעסן און אַזאַ טויט אוודאי און אוודאי...

דאָס צימערל ווו קלאַריטאַ האָט געלעבט עטלעכע און צוואַנציק יאָר איז געשטאַנען ווי אַן אָפענער קבר פאַר זייערע אויגן. די מאַמע פלעגט יעדן יאָרצייט אָנצינדן צוויי ליכט באַם צוקאָפּן בעט און אויס־וויינען אירע אַלטע אויגן; דער אַלטער פלעגט זיך אַריינכאַפּן ווען די אַלטע האָט נישט געזען און זאָגן אַ קדיש איבער די ברענענדיקע ליכט. דער חלב האָט געטריפט איבער די ברענענדיקע ליכט, דעם אַלטנס טרערן האָבן זיך געקייקלט אַף זיין צעאַקערטער הויט. איינער פון צווייטן האָבן נישט געוווּסט... ווען די אַלטע צינדט אָן יאָרצייט־ליכט, און די אַלטע האָט נישט געוווּסט... ווען ער כאַפּט זיך אַריין אין אָפענעם קבר אומ־באַמערקט און כליפּעט אוים אַ שטילן קדיש איבער דעם לעבעדיקן טויט וואָס קאָן זיך אַזוי לייכט נישט פאַרגעסן!

די אַלטע רבקה האָט גענומען צוריידן איר מאַן אַז זיי זאָלן פאָרן קיין ארץ־ישראל אויסלעבן די עטלעכע יאָר וואָס זיי איז נאָך געבליבן צו לעבן אין אייגענעם לאַנד. דער אַלטער „לויפער" זיין יוגנט נאָמען וואָס איז אים שוין פאַרבליבן ביז אין זיין טיפער עלטער האָט אַ רייב געטאָן זיין צעאַקערטן שטערן ווי אַ קאַרע אויף אַן אַלטן בוים און מיט אַ ציטערדיקער שטימע איר געפּרוווט אַרויסשלאָגן דעם געדאַנק:

— איי רבקה, רבקה! מיינסט נאָך אַלץ אַז ס'איז צוריק מיט פערציק יאָר ווען דאָס לעבן האָט געשפּרודלט מיט יוגנט, כוח און מיט גוטן ווילן. אַלע שוועריקייטן געקאָנט בייקומען! איצט ביי די יאָרן איז פאַר אונדז אַ געפאַר צו גיין אויפן גאַס אין אַ שטאַרקן ווינט... אָפּגע־קלאַפּטע הושענות. יאָ, יאָר רבקה, אָפּגעקלאַפּטע הושענות. די לעצטע צוויי יאָר האָבן אונדז צום איבעריקן צעבראָכן; ווייסט דען אַליין נישט אַז אין אונדזער אייגן לאַנד דאַרף מען האָבן יונגע כוחות? מיר וועלן בלויז זיין אַ לאַסט פאַר דער רעגירונג, אָפּקרעכצן די לעצטע פאָר יאָר אָן נוצן פאַר אונדז און אָן נוצן פאַר קיינעם. דאָ האָבן מיר אַ פאַר־צווייגטע משפחה איז צום ווינציקסטן האָבן מיר ווער עס זאָל אונדז העלפן קרעכצן...

די אַלטע רבקה איז געזעסן צוזאַמענגעדריקט, געשאָקלט מיט איר ווייסן קאָפּ. טרערן האָבן זיך געקייקלט צווישן אירע פאַלדן און מיט אַ ציטערדיק קול אים געוואָלט טרייסטן: איי, ווען נישט דער גרויסער אומגליק וואָלט איך אפשר וועגן אַזעלכעס נישט געטראַכט.

דער אַלטער האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל אַרויפגעלייגט זיינע

ציטערדיקע הענט מיט אויפגעלאָפּענע בלויע אָדערן אַף איר ווייסן קאָפּ און שטיל פּאַטערלעך געדעדט ווי צו אַ קינד:

— וויפל מאָל האָב איך דיך געבעטן אַז אין טויט מוז מען פאַר־געסן...

זי האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול, אָנגעשפּאַרט איר ווייסן מידן קאָפּ אויף זיין אַקסל און, מיט אַ ציטער אין איר קול זיך געפּרוווט פאַר־ענטפערן פאַר אים ווי אַ פאַרזינדיקט קינד:

— נו שוין, האָב איך דיר גאָרנישט געזאָגט. און טאַקע אין דער אמתן, וואָס קאָנען אַלטע לייט דאָרט אויפטאָן, צוויי צעבראָכענע טשע־רעפּעס, וואָס אַ יידענע קאָן איינפאַלן! דו ווייסט דאָך אַז צום שלעכטן האָב איך נישט געמיינט. שוין פערציק יאָר אַז מיר לעבן דאָ אין לאַנד וועלן מיר שוין דערשלעפּן דאָס איבעריקע... — עפּעס אַן אינערלעכע פרייד האָט זיי באַהערשט און ביידע האָבן זיך צעשמייכלט ווי קינדער.

אין קלאַריטאַס לעבן איז געקומען אַן איבערברוך. דער הארבסט האָט זיך אריינגעשפּאַרט אין איר לעבן אומגעריכט. ווען זי האָט דער־פילט, אַז זי וועט אין גיכן מוטער ווערן איז איר אויפגעשוועמט אַ גליקלעכער געדאַנק... ווי אַזוי צו פאַרגיטיקן אירע עלטערן און עס זאָל אפשר אויך צו שלום קומען. שווער איז איר געוועון דעם געדאַנק פאַר־ברענגען פאַר כואַנסיטאָ, אָן זיין צושטימונג האָט דער געדאַנק קיין שום ווערט נישט, זי האָט אים געפּאַקט אין אַ גינסטיקן מאָמענט ווען זי האָט אים אָנגעזאָגט די בשורה אַז אין גיכן וועט ער ווערן אַ טאַטע. זיין פרייד האָט קיין גרענעץ נישט געהאַט ער האָט מיט פּאַטאָס אויס־גערופן:

— דאָס איז פרוכט פון פרייע מענטשן! נאָך אַ קעמפער אין די רייען!...

ער האָט איר אַרומגענומען, אָנגעשפּאַרט זיין סאַמעט־שוואַרצן קאָפּ אַף איר אַקסל און שטיל געמורמלט:

— מאַמעלע, האַרציקע מאַמעלע מיינס...

קלאַריטאַ האָט מיט אַ לייכטן ציטער דערפילט דעם מאָמענט אים אויפקלערן איר געדאַנק

— נו טאַטעלע האָסט זיך שוין באַרואיקט? קום זיץ אָט דאָ לעבן מיר וועלן מיר אַ שמועס טאָן וועגן אַ תכלית פאַר אונדזער נאָך נישט געבוירן קינד. יאָ, יאָ כואַנסיטאָ! טאַטע מאַמע דאַרפן זאָרגן באַצייטנס אַז דאָס קינד זאָל נישט אַוועק ווי אַ פייגעלע פון דער נעסט און פאַר־געסן אין טאַטע־מאַמע וואָס האָט עס געוואַרעמט, געקאַרמעט און דער־צויגן...

פון כואַנסיטאָס פּלוימען־אויגן האָבן אַ בליץ געטאָן צוויי דינע פאַר־דעכטיקע פייערלעך... און נערוועז איר אויפגעפאָדערט אויסלייגן איר

פלאַן. קלאַריטאַ האָט דערפילט אַז דער האַרבסט נעמט בלאָזן מיט נישט קיין אָנגענעמע ווינטן:

— דו, דו האָסט דאָך אויך נישט דאַקעגן — האָבן זיך די ווער־טער קוים אַרויסגעשפּאַרט פון איר האַלדז — אַז מיר זאָלן זיך איבער־בעטן מיט מיינע עלטערן. פאַרשטייסט, פאַרשטייסט דאָך אַליין ווי קען מען אַזוי לייכט איבעררייסן מיט טאַטע־מאַמע דאָס גאַנצע לעבן, ווי פון אַ שטיין געבוירן! שוין צייט עס זאָל ווערן שלום.

די פּייערלעך אין זיינע פלוימען־אויגן האָבן זיך מיט מער גלאַנץ צעפינקלט... ווי פאַר אַ אַ שטורעם! ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ איןביידע הענט און איר באַפוילן פאַרזעצן.

— איך מיין, איך מיין מיין ליבער כואַנסיטאָ — איר קול האָט געציטערט פאַר דעם קאַרדינאַלן געדאַנק — אַז איך וועל געבוירן אַ יינגל זאָלן מיר אים מל זיין. דאָס וועט זיין אַ באַוויז אַז מיר זיינען ווייט נישט אַוועק פון אונדזערע עלטערן און גיבן אַ מעגלעכקייט אויף שלום...

קלאַריטאַ האָט טיף אָפּגעאָטעמט ווי פון אַ שווערער פיזישער אַר־בעט און נאָך מער פאַר מאָראַלישער יידישער באַליידיקונג און לאַנג נישט געוואַרט אויף זיין ענטפער... כואַנסיטאָ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון צווישן זיינע פאַרביילטע פויסטן, זיין ברוינע הויט האָט זיך געצוקט פון נערוועזקייט. זי האָט דערפילט ווי פון זיינע פלוימען־אויגן שפּאַרן אַרויס צוויי בלאַנקע שפּיזן געצילט אין איר לייב! זיין קול האָט געציטערט ווי טרוקענע צווייגן אין אַ שטורעם־ווינט! זיין מאַטער קאָליר איז געוואָרן גרין און געל! עשוס בלוט האָט אַ שטראָם געטאָן פון אונטער זיין באַוווסטזיין און אַראָפּגעריסן די חברלעכע מאַסקע:

— דו פאַרלאַנגסט נישט מער פון מיר אַז איך זאָל אָנפלאַדיען כאַקאָביטאָס און זיי אָוועקשענקען אייער סעקטע, אַז עס זאָלן צוקומען נאָך פראָצענטניקעס!

קלאַריטאַ האָט זיך אַ הייב געטאָן פון בענקל — אין אים האָט דער־וואַכט עשוו אין איר אברהם און יעקב — און נערוועז אויסגעשריגן:

— נישט קיין סעקטע נאָר אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך! פרייהייטס ליבנדיקע מענטשן האָבן אונדז אומגעקערט דעם טויזנט־יאָריקן חוב, דאָס לאַנד ארץ־ישראל! און דו ווילסט נישט פאַרבייגן פון דיין אייגע־נעם איך צוליב מיינע עלטערן אַז זיי זאָלן אַזויפיל נישט ליידן אויף די עלטערע יאָרן!

כואַנסיטאָ האָט געביטן דעם טאָן און מיט געלאַסענע רייד גע־שליידערט גיפטיקע ווערטער אין קלאַריטאַס אויפגעוואַכטן יידנטום!

— זיי זיינען גאַנץ פיינע פּאָליטיקער די וועלט־פאַרזאָרגער! איר זייט צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע לענדער און איר פרעסט אַרויס

פון די פעלקער פּראָצענט פאַר פּראָצענט! טאָ נאָט אייך אַ לאַנד און לאָזט אונדז געמאַך. די אַראַבישע שייכן האָבן גענוג שקלאַפן פאַר אייער ווױלזײַן! דער גרעסטער זשעני פון דער וועלט, שעקספּיר, האָט אייך אונ־טערגעטראָגן דעם ריכטיקן אַדרעס; אייער גאַנצע סעקטע איז פאַרקער־פערט אין שײַלאָקן!

— אויב אַזוי ביסטו פון יענע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע מײַן טאַטע האָט באַגעגנט אין זײַן יוגנט! אַ שאָד וואָס מיר האָבן נישט געלעבט צוזאַמען אין 1919 ווען איר האָט דורכגעפירט דעם ברוטאַלן היסטאָ־רישן פּאָגראָם אויף דער יידישער באַפעלקערונג אין אייער פרייער אר־גענטינע! וואָלסטו גלייך אַראָפּגעוואָרפן די רויטע מאַסקע און געלאָזט דערקענען דײַן ברוטאַלן אונטערבאַוווסטזײַן! ווי אַזוי ביסטו אַ סאָציאַ־ליסט, אַז קאַרל מאַרקס שטאַמט אָפּ פון יידן? ביסט אויך אין דײַן היי־ליקן אידעאַל... אויך פאַרדאָרבן!

— —איך גלויב מער אין ענגעלסן ווי אין מאַרקסן... אָבער די אַלע דיסקוסיעס זײַנען איבעריק, דו וועסט געבוירן דאָס קינד אַ מיידל צי אַ ייִנגל און אויב דיר האָט זיך שטאַרק פאַרגלוסט צו פאַרבענקט קאָנסטו נאָכער גיין צו דײַנע כּודיאָס! איידל גערעדט צו דײַנע פאַרשיווע יידן!

קלאַריטאַ האָט פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ און מיט טיפן צער געשטאַמלט:

— יאָ כּואַנסיטאָ, דער פרילינג צווישן אונדז האָט זיך פאַרענדיקט! מען מוז געדולדיק דערוואַרטן דעם קאַלטן נאַסן האַרבסט!

דאָס לעצטע בלעטל

ווען דאָן פעליפּע האָט דערפילט זייטיקע בליקן וואָס האָבן אים געשטאָכן ווי מיט שפּילקעס, איז ער געקומען צום שכל: אַז... ווענט האָבן אויערן און גאַסן האָבן אויגן! און גענומען אַריינטראַכטן אין זיך אַריין, און דערפילט דעם נישט לאַנגסטיקן אָרימען מענטש און דעם איצטיקן גרויסן גביר מיט זיינע פאַרצווייגטע פאַבריקן כמעט איבערן גאַנצן לאַנד. געקומען איז ער צום שלום וועגן דעם אונטערשייד פון אָרימער ערלעכקייט און גבירישער פאַרדאָרבנקייט: אַז די מענטשלעכע פאַרדאָרבנקייט איז אַזוי זיג־זאַג ווי די אונטערערד־וועגן פון די מור־ראַשקעס... — אין דעם לעצטן בלעטל... גיט דאָן פעליפּע אַ קורצן איבערבליק... איבער זיך אַליין, אַזוי קלאָר אַז איר דערזעט דעם געוועזענעם אָרימען ערלעכן מענטש און דעם איצטיקן אַרגענטינער פאַרדאָרבענעם מיליאָנער וואָס האָט קיין גליכן צו זיך! זיין שווער איז אויף דעם אַלעמען אַ לעבעדיקער עדות...

פון אַ סך מיליאָנען ווערן איינזיקע אַזוי פאַרשיכורט ווי אַ שיכור פון שטאַרקן בראָנפן; זיין שווער דאָן פינקלשטיין דער מאָראַליש און פיזיש דערשלאָגענער פון זיין איידעמס פאַרדאָרבנקייט האָט אים אויסגעניכטערט!... אָבער... עס האָט אים געפעלט דער מאָראַלישער מענטשלעכער כוח זיך צו פאַרגיבן די גרויסע אוממענטשלעכע זינד וואָס ער איז באַגאַנגען! די שאַרפע ווערטער וועלכע זיין שווער פלעגט אים אַריינוואַרפן אין זיין געוויסן... ווי האַרטע פאַרשפּיצטע שטיינער, האָט אים נאָך מער צעטומלט. יעדער וואָרט פון זיין שווער האָט געמאַכט אַ שאַרפן קריץ אין זיין צעשויבערטן מוח, האָט אים איבערצייגט אַז דער אַלטער איז געקומען אויף די שפּורן פון דעם דאָפּלטן פאַרברעכן צווישן איידעם און שוויגער!...

זיין שווער אַ האַלבער אַנאַלפאַבעט, קוים געקאָנט לייענען און שרייבן, האָט ער אים באַשטימט אַלס אויפזעער אין זיינע פאַבריקן אין

די פראָווינץ־שטעט, אַלץ צוליב זיינע קרומע פאַרדאַרבענע וועגן, יעדן חודש אים געשיקט אין אַ צווייטער פראָווינץ, אים באַגלייט מיט זיין אויטאָ צום וואָקזאַל, אָנגעזאָגט ער זאָל גוט אַריינקוקן אין די ביכער... אַט די ווערטער זיינען געווען פאַרן אַלטן אביסל הארבער כריין אויף זיין נשמה! און זיך גענומען פאַרטיפן אַרום דער גאַנצער מיסטעריע וואָס האָט אים כמעט געמאַכט פאַר אַ היימלאָזן און כסדר געלעבט אונטער אַ פרעמדן דאַך.

זיין פרוי האָט אָנגעהויבן טראָגן פרעכטיקע קליידער, אין איר שאַפקע זיינען געשטאַנען פאַרשיידענע שמינקען, שמעקנדיקע וואַסער. זי פלעגט אָט די זאַכן קיינמאָל נישט נוצן, די קליידער האָבן ביי אים נישט גערופן קיין שום אויפמערקזאַמקייט. אַ רייכער אידעם, וואָס פאַר אַ ראָל שפּילט ביי אים אַ פּאָר טויזנט פּעזעס אַז זיין שוויגער זאָל חלילה נישט פאַרשעמען זיינע געהויבענע געסט... ווען זי קומט צו אים אין שטוב אַריין... נאָר דער שמינק, די פאַרפומען, די געפאַרבטע האָר אויף בלאָנד, ווו עס האָבן זיך שוין דורכגעוואָרפן היבשע בינטלעך ווייסע פעדעם פון אַ פרוי אין די קנאַפע פופציקער.

זי האָט פאַרמאָגט אַלע מעלות וואָס יעדע פרוי ווינטשט זיך. שלאַנק געבויט, מיט אויפגעהויבענע ברוסטן, בלויע העלע אויגן וואָס האָבן אַ מאָל אַ גלאַנץ געטאָן ווי בלויע געשליפענע שטיינער קעגן דער זון. זי האָט אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט צוליב איר פערזענלעכן פאַר־געניגן נישט רעכענענדיק זיך מיט די קאָנסעקווענצן וואָס די אַדער יענע טאַט קען ברענגען מיט זיך, אָט די פאַרפירערישע דילעמע איז געווען דער הויפּט־שטריך אין איר שוואַכן כאַראַקטער.

אָט, דער צעבאַלעווטער פאַרדאַרבענער מיליאָנער דאָן פעליפע, האָט גוט געקענט זיין שוויגערס אַלע שוואַכקייטן, זיך נאָכגעגעבן אַלע תאוות ער האָט גוט געוווסט אַז מיט געלט קען ער דערגרייכן וואָס זיין האַרץ גלוסט, די דילעמע אין זיין פאַרדאָרבענעם לעבן איז געווען די זעלבע ווי אין דער קאָמעדיע: נישטאָ קיין גרענעצן פאַרן קאַפּיטאַל!... זיין פאַרדאַרבענע לאָגיק האָט אים נישט געלאָזט נאָכדענקען אַז דאָס לעבן אַליין קען אַזעלכע מעשים באַצאָלן מיט פּראָצענט!

דער שווער זיינער אַ פּשוטער מענטש, און נישט גאָר איבערגע־שפּיצט, איז אים דאָך געוואָרן אויפפאַלנד און אומפאַרשטענדלעך די גאַנצע געשיכטע, די האַנדלונג פון זיין איידעם, וואָס שיקט אים יעדן חודש פון איין פאַבריק אין דער צווייטער... אַז ער זאָל אַריינקוקן אין די ביכער... אַז ער ווייסט נישט ווו מען הייבט אָן און ווו מען לאָזט אויס. עפּעס אַ פאַרדאַכט האָט זיך געגריבלט אין זיין נשמה, עס האָט אים אויסגעוויזן נישט גלאַטיק די גאַנצע געשיכטע, די דריי קינדער וואָס זיי האָבן שוין חתונה געמאַכט. איז דאָס אַ לעבן זיצן אין די שענסטע

האטעלן אויף זיין חשבון און די אלטע זאל דארט זיין אליין... א צעריסן לעבן אויף דער עלטער! און נישט געקאנט פארשטיין. און נישט געקאנט באנעמען די קאלטע באציונג פון זיין פרוי צו אים, ווי אן אלטער באקאנטער וואלט פון ערגעץ געקומען. שלום עליכם, וואס מאכסטו, און פאר־געזונט... ווי דאס לעבן אליין וואלט אים ארויסגעשטעקט א לאנגע נארישע צונג! ביסלעכווייז האט אים גענומען עגבערן אין זיין נשמה, וואס איז ער פאר זיין פרוי? פאר זיין היים, טאקע נישט מער ווי א פרעמדער, מיט דעם שטענדיקן פאר־געזונט... ער האט אנגעהויבן פילן אין דעם פאר־געזונט, שווערע מאראלישע קלעפ וואס האט אים ביסלעכווייז אויסגעניכטערט...

און באשלאסן האט סעניאר פינקלשטיין איבערבויען זיין היים! און פאריאגן די הארבסטיק־קאלטע ווינטן וואס מאכן גליווערן זיין שטוב ווען ער איז דא... יא, מען מוז איבערבויען! אבער אים האט זיך אלץ געחלומט און קיינער וואלט שוין פון זיין געדאנק נישט ארויסגעשלאגן, אז אזוי ווארעם ווי עס איז געווען אין די צייטן ווען מען האט זיך געמוטשעט אויפן שטיקל ברויט וועט שוין נישט זיין! סעניאר פינקלשטיין פילט אין זיין גאנצן וועזן אז ס'איז נישט גלאטיק... נאר ווי אזוי אנצוהייבן ברענגען צו זיך אין שטוב די אמאליקע ליבע ווארעמקייט האט ער נישט געוווסט. מען מוז זיך פארלאזן אויף גאט... האט ער ביי זיך געטראכט. ער האט געוווסט גוטס צי שלעכטס, ביידע זאכן קומען דורך א צופאל. דאך האט ער פארשטאנען אז מען מוז עפעס טאן, ווייל צופאלן קומען זעלטן... בלויז איין נוח האט געקאנט ראטעווען די וועלט פון אונטערגאנג. צו ראטעווען זיין פערזענלעכן אונטערגאנג מוז ער ווערן א שמשון הגיבור... דער גאנצער פלאן איז שוין פארטיק געווען ער האט נאר געדארפט צווארטן אז דער שטורעם זאל אויסברעכן... דער שטורעם פון זיין אייגענעם אונטערגאנג איז געקומען! נאר געראטעוועט האט זיין טאכטער נישט דער מאראליש דערשלאגענער דאן פינקלשטיין.

ווי יעדן חודש איז דאן פינקלשטיין געקומען אויף א פאר טעג אפרו... און ווי יעדן חודש האט אים זיין איידעם באגלייט מיט זיין אויטא צום וואקזאל: איך מוז אייך שווער איבערלאזן איר וועט שוין אליין צווארטן אויפן באן — אים א קלאפ געטאן איבער דער פלייצע און ווידער אויסגעזונגען דאס אלטע לידל: איר זאלט נישט פארגעסן גוט אריינקוקן אין די ביכער...

א שארפער בליץ האט דאן פינקלשטיינען דערשיטערט זיין גאנצן קערפער! אנשטאט צו נעמען די באן האט דאן פינקלשטיין גענומען א טאקסי און אפגעשטיגן אפן ראג פון קאריענטעס און פלארידא. צוליב

וואָס ער האָט דאָס געטאָן? ער האָט אַליין נישט געוווּסט; עפּעס אַ געהיימע האַנט האָט אים געשטופּט צו דעם.

איז געשטאַנען אַ מענטש אַפן גאַס זיך צוגעקוקט ווי אין יעדן ווינקעלע פון די גאַסן קלאַפּט דאָס לעבן מיט אימפּעטדיקער פרייִדיקייט! ווי די טויזנטער פאַרבייגייער און אויך דער אַספאַלט פון די גאַסן וואָלטן געהוזקט פון זיין אומעט... די עלעקטרישע שילדן האָבן געשניטן זיינע אויגן ווי שאַרפע בליצן! דער הו־הא האָט אים אינגאַנצן צעטומלט נישט וויסנדיק וועגן וואָס פריער צו טראַכטן. מיטאַמאָל איז ער נאָך מער צעטומלט געוואָרן! דערקענט זיין איידעמס אויטאָ וועלכער האָט זיך אָפּגעשטעלט קעגנאיבער אַן ערשטקלאַסיקער קאָנפּיטעריע פון וואַנען זיין פרוי?... מיטן איידעם זיינען אויסגעשטיגן. דער פאָרטיער, אַ שוואַרץ עלעגאַנטער יאַט מיט אַ בלויען אַנצוג, מיט פעסט געפּאַסעוועטע הויזן, מיט צוויי שורות מעשענע קנעפּ אַף זיין רעקל, מיט אַ קיילעכדיק מיצל אויפן קאָפּ, האָט זיך פאַרנויגט פאַר זיי און ברייט צעעפנט די טיר. זיין איידעם האָט אים עפּעס דערלאַנגט אין האַנט אריין אוןביידע זיינען פאַרשוווּנדן אין ראַשיקן זאַל.

דאָן פינקלשטיין האָט זיך געריבן די אויגן מיט זיינע ציטערדיקע הענט ווי די קעגנאיבערדיקע עלעקטרישע בליץ־שילדן וואָלטן אים אין די אויגן אריין! און נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. נאָר די באַנעמונג פונעם שוואַרצן יאַט ביי דער טיר האָט אים איבערצייגט אַז ווי זיינען דאָ אָפּטע געסט, און ער האָט זיך פאַרטראַכט... מיטאַמאָל האָט ער דערפילט אַ שווידערלעכן זשומען אין קאָפּ! ווי זיין טאַטנס ווינט־מיל, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ גרין בערגל לעבן דאָרף ווו זיי האָבן אַמאָל געוווינט אין דער אַלטער היים וואָלט זיך צעלאָזט מיט די פיר מעכטיקע פליגל. און די שטיינער האָבן געגרילצט און געפּרעסט זיין מוח! ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין אַ בוים, זיך צוגעהאַלטן מיט ביידע הענט נישט אומצופאַלן פון דעם שווערן דרוק... און אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. פון די טויזנטער פאַרבייגייער, יעדער איינער מיט זיין אייגענער „ווינט־מיל", האָט קיינער נישט באַמערקט אַז דאָ, לעבן דעם בוים שטייען צוויי וועלטן וואָס וועלן איינגיכן חרוב ווערן ווי דער ווייץ אונטערן דרוק פון די שווערע מיל־שטיינער פון זיין טאַטנס מיל!

אַרויסגייענדיק פון טומלדיקן זאַל, האָבן ביידע, דאָן פעליפּע מיט זיין שוויגער, זיך געוואַקלט ווי אויף שטרויענע פיס פון די איבערגעבאַפּטע קאָפּעטינעס. דער קאָלירטער פאָרטיער האָט זיי געמוזט העלפן איינשטייגן אין אויטאָ. דאָן פעליפּע האָט גענומען אַ טאַקסי און זיי זאָכגעפאָרן ער האָט אַליין נישט געוווּסט צוליב וואָס. ווי אַ געהיימער כוח וואָלט אים אונטערגעשטופּט און אריינגערעדט אין זיין גאַנצן איך:

פאַר פינקלשטיין, אָבער מיט שכל און גערולה, נישט באַגיין קיין איבער־געאײַלטע נאַרישקייט!...

ער האָט לאַנג געוואַרט קעגניבער זיין דעפּאַרטאַמענט... אויף דער שטילער גאַס וואָס איז געליגן אַ פאַרשלאָפענע אין חושך פון דער נאַכט, בלויז אין זיין דעפּאַרטאַמענט... האָט זיך מיט רעש אָנגעצונדן דאָס עלעקטרישע ליכט און אַריינגעבליצט אין דער פינצטערער נאַכט! מיט אמאָל האָט זיך דאָס ליכט אויסגעלאָשן און אַ רויט־גרינע מאַטע שיין פון נאַכט לעמפּל האָט געפּרווט פאַרדעקן דאָס עקלדיקסטע וואָס קומט דאָרט פאָר! יעדע ווײַלע איז איבערגעריסן געוואָרן די נאַכט־שטילקייט פון פלעשער און גלעזער קלאַנגען באַגלייט מיט תאווה פאַר־שיכורטע געלעכטערס!

ווען דאָן פעליפּע האָט זיך אַרויסגעוואַקלט און אַריינגעפאַלן אין זיין אויטאָ איז פינקלשטיין אַריין צו זיך... אין שטוב. ער האָט פאַר־דעקט דאָס נאַכט־לעמפּל מיט אַ צייטונג און זיך אוועקגעזעצט אויף אַ בענקל אין שאָטן. דאָניאַ קלאַראַ איז געליגן אין בעט אָנגעטאָן אין הוהם קליידער... געמורמלט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, אַ ווייסער־שוים פון שיכרות האָט באַדעקט דעם שמינק אף אירע ליפּן, מיטאַמאָל האָט זי זיך אויפגעהויבן פון בעט זיך אָנגענומען מיט ביידע הענט באַ די נאַקעטע ברוסטן און געמורמלט צווישן די ציין: קום אהער פעליפּע, קום! דער אַלטער איז שוין ווייט פון יענער זייט שטאָט...

זי האָט זיך קוים צוגעשאַרט צום בענקל וווּ פינקלשטיין איז געזעסן, מיט האַלב פאַרמאַכטע פאַרשיכורטע אויגן איך אַרומגענומען זיך אַ וואַקל געטאָן מיט איר גאַנצן נאַקעטן קערפּער אף אים און אויסגעשלי־קערצט: דער אַלטער איז שוין ווייט, פון יענער זייט שטאָט... און גע־פּרווט אים אַ קוש טאָן איבערן קאָפּ. זיין גאַנצער קערפּער האָט אַ ציטער געטאָן פון עקל און אויפרעגונג! דאָס געהיימע קול האָט ווידער אין אים אַריינגערעדט: פינקלשטיין מיט שכל, און נישט באַגיין קיין נאַרישקייטן...

זי האָט זיך צוריקגעצויגן מיט זיג־זאַג טריט ווי איינע וואָס האַלט אין פאַלן אין חלשות זיך אָנהאַלטנדיק באַ די ווענט זיך אַריינגעוואַל־גערט אין בעט אַריין און מיט אַ פרעכן קול ווי אַ סקריפּענדיקע טיר גערופן: קום אהער פעליפּע קום! און שלינג מיך איין אין גאַנצן! דער אַלטער איז שוין ווייט, ווייט פון יענער זייט שטאָט!... מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ שיכורער שנאָרכען און אָנגעוואָרפן אַ שרעק אין דעם גיהנום צימער.

דאָן פינקלשטיין איז שווער געקומען צו זיך, די שווערע מיל־שטיי־נער פון זיין טאַטנס מיל האָבן געפּרעסט זיין מוח! ער האָט בלויז געפילט אַ שרעקלעכן שווידער אין זיין גאַנצן קערפּער! די פיס האָבן

אים געציטערט ווי דינע צווייגן אין א שטורעם ווינט! ער אליין האט נישט געוווסט ווי לאנג ער איז געבליבן זיצן אין אט דעם צושטאנד. ויען ער איז ארויס אויפן גאס איז נאך געווען שטארק פינצטער, אפגע־באפט דעם אטעם אויף דער פרייער לופט, זיך איינגעריבן מיט די הענט די שלייפן און אויסגעקרעכצט: ערשט איצט הייבט זיך פאר מיר אן א לאנגע פינצטערע נאכט!

עטלעכע טעג זיינען אריבער און דאן פעליקס האט באקומען א בריוול פון זיין כערענטע פון דער פאבריק וווהין דאן פינקלשטיין האט געזאלט קומען מיט עטלעכע קורצע ווערטער: אייער שוועך איז נישט געקומען, מיר ווייסן נישט וואס איבערצוטראכטן...

א שווערער שפיציקער שטיין איז געפאלן אויף דאן פעליפעס הארץ. ער האט זיך געשראקן אויב דא האנדלט זיך נישט וועגן אויפדעקן זיין פארדארבענע לעבן! נישט פארלירנדיק קיין צייט איז ער גלייך אוועק צו זיין שוויגער... זי האט אים אויפגענומען מיט ביידע ארעמס... ער האט איר לייכט אפגעשטויסן פון זיך, און איר דערלאנגט דאס בריוול פון זיין כערענטע. זי איז געווארן בלאס און געל ווי דער טויט וואלט איר א דריק געטאן באם הארץ! דאן פעליפע האט נערוועז ארויסגע־שטאמלט:

— איך קאן דא לענגער נישט פארבלייבן, עס לויערט א געפאר! איך וועל מער אין דער שטוב נישט קומען!

דאניא קלארא האט זיך אריינגעווארפן אין בעט און געפאלן אין אנמאכט. ווי לאנג זי איז געבליבן פארחלשט, געדענקט זי נישט... ווי זי איז נאר געקומען צו זיך האט איר גענומען בליצן אין מוח פארשייד־דענע געדאנקען און זי האט זיך דערטראכט... אויב דער אלטער שפילט נישט שערלאק האלמס־שפיל... געקנייטשט דעם שטערן, געריבן די שלייפן, און ווי דורך א נעפל האט זיך דורכגעזיפט די נאכטיקע שפיל... איר איז געווארן אויפאלנד, ווען זי איז אראפ פון בעט אים געארעמט, געקושט גערופן צום לעבן... איז דאס נישט געווען דער אלטער ווען זי האט אפגעפרעסט א לעצטן קוש אויף זיין קאפ און געטוליעט איר נא־קעטן קערפער צו אים?... ביי אט, די געדאנקען האבן איר די נערוון דער־לאנגט אזא שרעקלעכן קלאפ איבער איר געוויסן... זי האט לאנג געוויינט און געקלאגט אין איר זינדיקן בעט.

דאן פינקלשטיין האט גארנישט נאכגעדענקט וועגן זיין צעשטערט לעבן. אליץ האט זיך געטאן אויטאמאטיש ווי עפעס א געהיימע האנט וואלט אים אונטערגעשטופט צו דעם, כדי נישט צו צעשטערן דאס גליק פון זיינע קינדער! געקויפט א לאנע, א שפעסנע פעל מיט וואל, געגאנגען ווייל ער איז געגאנגען... ביז ער איז אנגעקומען אונטערן בריק

אין פּאַלערמאָ־וואַלד, זיך איינגעבירגערט צווישן די דאַכלאָזע וואָס האָבן דאָרט געלעבט...

די קינדער האָבן זיך אָנגעשטרענגט אים אויפצוזוכן און נישט געקאָנט קומען אויף דער מינדסטער שפּור פון זיין פאַרשווינדן. דאָן פעליפּע האָט געפּרווווט שטערן אין דעם... ער האָט געטענהט: זיך נעמען דאָס לעבן האָט ער צו אַ שוואַכן כאַראַקטער... אַן אַקצידענט אָפּן באַן וואָלט מען אים דערקענט... נישט אַנדערש ער וואַלגערט זיך ערגעץ אין אַ ראַנטשע מיט אַ שוואַרצער... די קינדער האָבן זיך געפילט באַליידיקט און מיט עקל אים צוריקגעוואָרפן זיינע באַהויפּטונגען! די צייט איז זיך געגאַנגען איר וועג און ביסלעכווייז האָט מען פאַרגעסן אין דער טראַגעדיע.

דער איינציקער אָנצוג מיט די פּאָר שיך, וועלכע דאָן פינקלשטיין האָט געטראָגן אויף זיך זיינען ביסלעכווייז געוואָרן אָפּגעריבן און צעפליקט פון ווינט, רעגן, קעלט און היצן אויף גאָטס פרייער וועלט... דער קערפּער אָפּגעצערט פון הונגער, נויט און ליידן! פון זיין ביינערדיקן געזיכט האָבן בלויז די קינבאַקן אַרויסגעשטאַרט ווי זיי וואָלטן דערציילט, אַז אַמאָל איז דאָס אַ מענטשלעך געזיכט געווען! אַ קודלעוואַטע ווייס בערדל, וואָס האָט אויסגעזען פון דעם שמוץ ווי אַש־קאָליר, אויסגעווייקטע אויגן מיט רויט עטערדיקע רעדלעך איינגעפּאַסט אין בלוי־צעהויקערטע רעמלעך אַרום.

ווען דער געוועזענער דאָן פינקלשטיין האָט דערפילט ,אַז די כוחות הייבן אים אָן פאַרלאָזן האָט אים אויפגעבליצט אַ מענטשלעכער געדאַנק, ווייל די לעצטע פּאָר יאָר האָט ער געלעבט ווי אַן אורמענטש און פון אַלעמען פאַרגעסן און אַלע האָבן אין אים פאַרגעסן. די לעצטע צייט געלעבט ווי אַ הונט, נאָר שטאַרבן וויל ער ווי אַ מענטש... אַ סך טעג און נעכט נאָכגעטראַכט און דאָך זיך דערמאָנט דעם אַדרעס פון זיין טאָכטער, די גבירנטע.

די לאַנגע מיט דער שאַפּענער פעל, וואָס זיינען שוין געווען האַלב צעפוילטע, איבערגעלאָזט אַ מתנה זיינעם אַ קאַלעגע... און אַליין זיך געלאָזט אין וועג אַריין. נאָך אַ האַלבער נאַכט זיך דערשלעפּט צו דער שטוב וווּ זיין טאָכטער האָט געוווינט, זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן ווייסן מאַרמאָר אויף דער שוועל פון דער דרויסנדיקער טיר. אַ שוידער איז אַדורך איבער זיינע צעבראָכענע גלידער, ווי אַ שרעקלעכער פּאַל־שטורעם וואָלט אים געדריקט! באַלד האָבן אים אַ בליץ געטאָן אין געדאַנק אייניקע פאַרגאַנגענע בילדער... ער האָט זיך געקלאַמערט באַ דער וואַנט מיט זיינע קנאָכיקע פינגער זיך געפּרווווט אויפהייבן און ווידער פאַרשווונדן אין דער פאַרגעסנקייט! זיינע כוחות האָבן זיך פאַרעקשנט... און אים שוין נישט דערלויבט זיך אויפהייבן פון זיין לעצטן שפּאַציר!

ווי אַ שאַרף פֿון אַ מעסער וואָלט זיך אַריינגעשניטן אין זיינע געדאַנקען און איין סעקונדע מענטשלעך אַ טראַכט געטאָן: ווען דער טאָג וועט טירן צעפֿראַלן און די ליכטיקע זון וועט פֿאַר קיינעם איר וואַרעמקייט נישט שפּאָרן... שכנים און באַקאַנטע וועלן זיך באַגריסן און ווער וועט מיך דערקענען? ער האָט מיט אַנגסט פֿאַרשטעקט זיינע קנאָכיקע פֿינגער אין דער צעפּוילטער בוזעם־קעשענע און מיט אַנגסט אַרויסגעשלעפּט, ווי אַ שווערער שטיין וואָלט דאָרט געליגן, אַ פּעקעלע איינגעוויקלט אין עטלעכע שטיקלעך צייטונגס פּאַפּירלעך, און דאָס געהאַלטן אין זיין קנאָכיקער האַנט! מען האָט געקאָנט לייענען אויף זיינע האַלב טויטע ליפּן דאָס שעפּטשען: דו, שטום שטיקל פּאַפּיר, וועסט ריידעוודיק ווערן! און דערציילן ווער איך בין... אַ וואַקל געטאָן דעם קאָפּ אויף זיין רעכטן אַקסל און געכאַפּט אַ חלשות־דרימל.

אַזייגער אַכט אינדערפֿרי האָט אַ פֿולע זון געשאָטן איר ליכט פֿון די בלויע הויכקייטן איבער דער שטאָט! הינט זיינען אַרויס פֿון די שטובן אויף פּרימאָרגן־שפּאַציר, פֿאַרבייגעלאָפֿן דאָן פֿינקלשטיינען, אַ שמעק געטאָן און זיך צעבילט און ווייטער געלאָפֿן.

דאָן פֿעליפּע איז אַרויס צו זיינע געשעפֿטן, אויפֿגעשלאָסן די טיר דער דורכגאַנג איז אים געווען צו שמאָל... ער האָט אַ שטויס געטאָן דעם אַלטן מיטן פֿוס און זיך נערוועז צעבייזערט: אָט אַ חוצפּה פֿון אַ וואַגאַבונד! זיין טאָכטער סעניאָראַ ראַקעל איז אַרויס פֿון שטוב באַגלייט פֿון איר דינסט וועגן איניקע איינקויפֿן, באַמערקנדיק דעם אַלטן האָט איר פֿאַרקלעמט באַם האַרץ און שווער אָפּגעזיפֿצט: „פּאָברע האָמברע! ווער ווייסט זיין פֿאַרגאַנגענהייט? וועלכע שרעקלעכע אומשטענדן האָבן אים דערפֿירט צו דעם צושטאַנד! מסתמא אויך אַ טאַטע פֿון קינדער פּונקט ווי אונדזער פּאַפּאַ האָט אונדז צעבראָכן פֿון בענקשאַפֿט מיט זיין פֿאַרשווינדן". אַזוי האָט סעניאָראַ ראַקעל גערעדט צו איר דינסט און שווער אַרויסגעזיפֿצט: פּאָברע פּאַפּאַ! ווער ווייסט וואָס דיר איז געשען?

סעניאָראַ ראַקעל האָט באַמערקט אַז ביים וואַגאַבונד איז עפּעס אַרויסגעפֿאַלן פֿון דער האַנט איינגעוויקלט אין עטלעכע צייטונגס פּאַפּירלעך. זי האָט געבעטן דער דינסט דאָס פּעקעלע אויפֿהייבן, זי האָט נערוועז אַראָפּגעריסן די שמוציקע צייטונגס פּאַפּירלעך און דערזען פֿאַר זיך אַ דאָקומענט. זי האָט מיט ציטערדיקע פֿינגער אויפֿגעמאַכט די טאָוולען. דערזעענדיק דאָס פֿאָטאָגראַפֿישע בילד האָט סעניאָראַ ראַקעל אָנגעכאַפּט די דינסט בײַ ביידע אָרעמס און מיט ציטער אויסגעשריגן: ראַמאָנאַ, ראַמאָנאַ! איך ווער בלינד!

* * *

דאָן פינקלשטיין איז געלעגן אין אַ שיין געשניצט בעט... דאָס ווייס־קייט אַרום האָט שעמערירט. פון דער זויבערער קלאָרקייט האָט זיין געזיכט נאָך געלער אויסגעזען. זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט אייפער!... און דאַנקבאַרקייט! מען האָט געפילט אין זיינע האַלב־טויטע בליקן אַ שרעקלעכן געראַנגל אין זיין צעוויייטיקטער נשמה זיך אַראָפּריידן פון האַרץ. די כוחות האָבן אים שוין נישט דערלויבט! דאָן פעליפּע איז אַריין אין צימער אַ צעטומלטער... זיך איבערגעבויגן איבערן גוסס. נאָך איידער ער האָט אַ וואָרט אַרויסגערעדט האָט דער אַלטער זיך אָנגעשטרענגט און מיטן לעצן ביסל אָטעם וואָס ער האָט נאָך פאַרמאָגט אַרויסגעשעפּטשעט:

איך האָב אין לעצטן בלעטל פון דיין טאָג־בוך אויך אַריינגעקוקט!...

באַ די ווערטער האָט דאָן פינקלשטיין אויסגעהויכט זיין נשמה.

— 2 —

נאָך די אַלע מאָראַלישע און פיזישע ליידן וועלכע האָבן דאָן פינקלשטיינען איבערגעפירט אין זיין אייביקער רו, האָבן דאָניאַ קלאַראַ מיט איר איידעם, דאָן פעליפּע פרייער אָפּגעאָטעמט... דער וועג פון פאַרדאַרבנקייט איז געווען אָן שטער... און אָן מאָראַלישער פאַרפאַלגונג.

די ערשטע צייט האָבן ביידע געליטן, נישט אַזוי ער ווי זי. ער האָט בלויז געליטן פון די לעצטע ווערטער פון זיין שווער, וועלכע האָבן געשרפעט זיין גאַנצן קערפּער ווי מיט גיהנום־פייערן! אירע ליידן זיינען אין דעם מאָמענט געווען אַזוי אויפריכטיק ווי אַמאָל אין די יונגע יאָרן. ווייל איר צוזאַמענלעבן מיט פינקלשטיינען איז געקומען פון אויפריכטיקער ליבע, ווי עס איז אַמאָל געווען אין אַלע קליינע שטעטלעך אין רוסלאַנד. געהיימע סאָציאַליסטישע צוזאַמענטרעפן, די באַגעגענישן אויף די בירזשעס, און די אַלגעמיינע קאָנספּיראַטיווע אַרבעטן, האָבן זיי אַזוי צוזאַמענגעבונדן אַלס חברים ביז ביידנס הערצער האָבן זיך צעוואַרעמט און אַ בלי געטאָן מיט פרילינג אויפשפּראָץ. ווי בלומען אין פרילינג, אַזוי האָבן זייערע הערצער זיך צעעפנט און אויסגעזונגען דאָס ליד פון אייביקער טריישאַפט!

אָט די דערינערונגען און אומשטענדן, וועלכע האָבן זיי געהאַלטן געקניפּט און געבונדן מיט זיידענע פעדים כמעט דרייסיק יאָר, האָבן דאָניאַ קלאַראַן געבריט ביי דער נשמה ווי גליענדיקע קוילן!... זי האָט זיך אַזוי לייכט נישט געקאָנט פאַרגיבן אירע גרויל־האַנדלונגען, וועלכע האָבן אים אָפּגעווישט פון לעבן. צומאָל פלעגט זי גאַנץ ערנסט אַריינטראַכטן אין זיך, וועלכע זיינען די סיבות וואָס האָבן איר אַראָפּגעפירט פון וועג? איר איידעם איז דאָך מיט קיין געוואַלד נישט צוגעשטאַנען

צו איר. און געקומען איז זי צום שלום, אז... מעגלעך אין איר בלוט ליגט א יעקאַטערינע טראָפּן...

נאָך דער גאַנצער טראַגעדיע איז איין טרייסט געבליבן פאַר דאָניא קלאַראַן... וואָס דער שאָדן... האָט זיך אָפּגעזוכט און מען ווייסט דאָס באַשטימטע אָרט וווּ עס רוען זיין בינטל ביינער אין שפּלדיקע מאָמענטן ביי ווּעמען צו קאָנען בעטן מחילה... בלויז איין זאַך האָט דאָניא קלאַרא נישט געגומען פאַר ערנסט, דעם אַלטנס לעצטע ווערטער: איך האָב אין לעצטן בלעטל פון דיין טאָג־בוך אַריינגעקוקט... אָבער, זי האָט נישט פאַרשטאַנען דעם באַדייט פון די ווערטער, וועלכע האָבן זיך טיף איינגעקריצט אין לייב און לעבן פון איר טאָכטער ראַקעלן! זי האָט געזוכט מיט עקשנותדיקן אייפער אַן ענטפער אויף די גוסס־ווערטער פון איר פאָטער, וואָס האָבן איר געהאַלטן אין איין פאַרפּאָלגן, דורכצוברעכן דעם סוד פון יענער זייט פאָרהאַנג! אין דער זעלבער צייט האָט ווידער בא דאָניא קלאַראַן א שטראָם געטון יעקאַטערינעס בלוט... אין אירע אָדערן און גערופן צום לעבן...

דעם ענטפער אויף איר פאָטערס לעצטע ווערטער האָט ראַקעל געזוכט און געפאָרשט ביי איר אייגענער מאַמען. עס איז נישט געווען קיין לייכטע אַרבעט פאַר איר, אָבער... די גאָר ליבלעכע באַציונג צווישן איר מאַן און איר מאַמען האָבן גערופן איר אויפמערקזאַמקייט. פון אַ סך פאַלן האָט זי געוווּסט, אַז שוויגער און איידעם איז ווי אַ הונט מיט אַ קאַץ, און נאָך מער האָט איר איבערצייגט אַז זי מוז אָנהייבן זוכן אין דעם ווינקל אונטער וועמענס האַרץ זי איז געלעגן, און פון וועמענס טראַכט זי איז געבוירן געוואָרן! און נאָך מער האָט איר איבערצייגט פעליפּעס זשענטלמענקייט... יעדער באַקאַנטער דאַמע געקושט די האַנט און אויך דער שוויגער אָנגעטאָן דאָס פאַרגעניגן...

די לעצטע ווערטער פון איר פאָטער האָבן איר געפּייניקט, ווי די אָפּגעהאַקטע ווערטער וואָלטן אין איר אַריינגערעדט: „פאַרשווייג נישט קינד דעם גרויסן פאַרברעכן וואָס איז קעגן מיר באַגאַנגען געוואָרן! כדי אייערע יונגע לעבנס נישט צעשטערן בין איך אַוועק פון יענער זייט לעבן! אָבער אין גאַנצן פאַרשווייגן קינד מיינס, וואָלט געווען נאָך אַ גרעסערער פאַרברעכן!"

ווי איר פאָטערס ווערטער וואָלטן אין איר אַריינגעטייטשט: זאָל דאָס זיין אַ לעקציע פאַר אַנדערע שוואַכע כאַראַקטערן אַז קיין לעבנס איבער שוואַכזין זאָלן נישט צעשטערט ווערן! ראַקעל איז געווען גרייט איר אייגן לעבן צעשטערן אָבער דער פאַרברעכן מוז אויפגעקלערט ווערן. די אויפפירונג פון די פאַרדעכטיקע האָט איר גלייך געפירט אויף די שפּורן.

אין אַ שיינעם טאָג, שמועסנדיק מיט ראַקעלן האָט דאָניא קלאַרא

געמאכט א זויערע מינע און דערקלערט איר טאָכטער: מאָרגן דענק איך פאָרן אויפן בית עולם אין ליניערס פלאַנצן א ביימל אויפן קבר פון מיין אומפארגעסלעכן... מאַן און אייער ליבן פאָטער! — ראַקעל האָט דערפילט אַז איר מאַמע זאָגט נישט דעם אמת! א קרומער אנגסטלעכער שמייכל האָט זיך צעשפרייט אויף איר געזיכט, א הארבסטיקע גרויל־קעלט איז איר אריבער איבערן לייב! און מיט א ביטערער איראָניע געבעטן דער מוטער: מאַמע וועסט בעטן דעם חזן ער זאָל מאַכן א מלא און קדיש זאָגן אין מיין נאָמען. די אַלטע האָט אויסגעקרעכצט אַן ער־לעכן זיפץ פאר דער אַמאָליקער פארגאנגענהייט. ראַקעל האָט זיך גע־כאַפּט אַז זי מוז וויסן די שעה ווען זי פאָרט... און איר אריינגעפאַלן אין די רייד, זי שנעל א פרעג געטאָן: וועלכע שעה דענקסטו צו פאָרן? דאָניאַ קלאַראַ איז אַביסל צעטומלט געוואָרן און שטאַמלענדיק איר גע־ענטפערט: איך... איך דענק צען אַזייגער אינדערפרי... ראַקעל האָט איר געפאָרשט ווי א שטרענגער פּראָקוראָר און קיין אויג פון איר נישט אראָפּגענומען, נאָכגעקוקט איר יעדע באוועגונג. מיטאמאָל איז איר עפּעס נישט גוט געוואָרן ווי איר טאַטע וואָלט א גריבל געטאָן מיט זיינע קנאָ־כיקע פינגער איר הארץ! זי האָט זיך מיט אַלע כוחות באהערשט, אַז די שפּיל זאָל נישט דורכפאַלן.

פונקט ווי איר טאַטן דאָן פינקלשטיינען אַזוי האָט אויך ראַקעלן געשטופּט עפּעס א געהיימער כוח קיין איין געלעגנהייט נישט פארלירן! עס האָט געברויזט און געשטורעמט אין איר גאַנצן וועזן: זי מוז, זי מוז אויפהייבן דעם פאָרהאַנג ווי טייער עס זאָל איר נישט קאָסטן!

ווען איר מוטער איז צען אַזייגער אַרויס פון שטוב האָט ראַקעל זיך נאָכגעשאַרט ווי א שוואַרצער שאָטן צווישן הויכע בערג, זיך אָפּ־געהאַלטן אויף א געוויסער דיסטאַנץ, און איר הארץ האָט געקלאַפּט און געברויזט ווי ערב א ווולקאַל־אויסברוך! ווייל דער וואָס איר מוטער האָט גענומען איז נישט געווען קיין ליניערס! א שוידער איז אַדורך אַלע אירע גלידער. איר גאַנצער קערפּער איז פארשטיינערט געוואָרן.

צו איר גרויסער איבעראַשונג האָט זי באַמערקט ווי אויפן ראָג פון מאַנראָע און טריונווויראַטאַ איז געשטאַנען איר מאַן פעליפּע אָנגע־שפּאַרט אין קאָטש ווי ער וואָלט אויף עמיצן נערוועז געוואַרט... פונקט ווי איר פאָטער, וואָס איז געשטאַנען אויף קאָריענטעס און פלאָרידאַ אַזוי האָט אויך איר הארץ געקלאַפּט פון א צעשויבערטן ווייטיק און ווי א שאָטן זיך נאָכגעשלייכט אין אַלע געפאַרן כדי אויפצוקלערן דאָס פאר־ברעכן!

ווען ביידע זיינען אריין אין אויטאָ האָט ראַקעל נישט פארלוירן קיין צייט און גענומען א טאַקסי און זיי נאָכגעפאָרן! עס איז שווער געווען אונטערצושיידן וואָס עס קלאַפּט שטאַרקער דער מאָטאָר צי ראַ־

עלם הארץ! קאלטע טראָפּנס שוויס האָבן זיך געקייקלט אויף איר געזיכט ווי טראָפּנס הארבסטיקער רעגן אויף א דרויסנדיקער שויב. צו־קומענדיק צום ראָג באַרטאָלאָמע מיטרע און כואן כאורעס האָט זי באַפּוילן דעם שאָפער מיט א מאָדנעם ווילדן קוויטש ער זאָל אָפּשטעלן דעם אויטאָ! — פעליפּעס אויטאָ איז אַריין אין א ברייט צעעפנטן טויער פון וועלכן עס האָט אַראָפּגעקרעצט א שילד „קאסא אמועבלאדא"...

ווען דער שאָפער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו זיין פּאַסאַזשיר האָט ער באַמערקט אַז די פרוי ליגט אין חלשות. ער האָט שנעל אויפ־געמאַכט דאָס טירל פון הינטערשטן טייל קאָטש און די פרוי געבראַכט צו זיך און איר אייליק איבערגעשט א פרעג געטאָן צי וויל זי נישט ער זאָל זי פירן אין א נאָענטן שפּיטאָל? דאָניא ראַקעל האָט זיך פון די ווערטער אויסגעניכטערט... און געקומען צו זיך. אים באַדאַנקט פאַר זיין הילף, געבעטן ער זאָל זי פירן צו דעם אָרט וווּ ער האָט זי אויפגע־נומען. זי איז געבליבן שטיין א ווײַלע מיט ברייט צעעפנטע פייערדיקע אויגן ווי צוויי מיילער פון קאַנאָנען! אויף דעם אָרט ווו פעליפּעס אויטאָ איז געשטאַנען אויסגעגאָסן א ביסל ווייטיק פון איר נשמה! און זיך געוואַקלט צו זיך אין שטוב אַריין.

ווי א דונער פון הימל אַזוי האָט זיך ראַקעל אַריינגעוואָרפן אין בעט מיט א שרעקלעך געוויין! ווען איר דינסט ראַמאָנאַ איז אַן איר־בעראַשטע אַריין צו איר אין צימער און שטוינענדיק איר געפרעגט וואָס זי פאַרלאַנגט? — נישט אויפהייבנדיק דאָס פּנים פון קישן האָט זי גע־בעטן ביי איר אַביסל וואַסער. מיט א געמאַכטן רויקן טאָן דערקלערט דער דינסט:

— איך בין געווען אויף קבר אבות בא מיין טאַטן, א ביימל גע־פלאַנצט אויף זיין קבר... איז אַביסל אָנגעזאַלצן אויפן הארצן. פּאַפּאַ... מאַמאַ... דער באַלעבאָס... פאַרשטייסט ראַמאָנאַ, פאַרשטייסט!... ווי אַזוי מען קומט צעבראָכן פון אַזא וויזיט — און נאָך מיט מער היסטעריע זיך צעיאָמערט.

ביסלעכווייז איז זי געקומען צו זיך, זיך באַרויקט... און מיט טיפן צער א טראַכט געטאָן: אָט, דער פאַרדאָרבענער קרומער וועג האָט מיין פּאַפּאַ אַרויסגעשטויסן פון דער געזעלשאַפט און נאָכער אים איבערגע־פירט פון יענער זייט לעבן! נישט צו ברענגען קיין שאַנדע און אומגליק פאַר זיינע קינדער! גאָט מיינער ווי אַזוי איז דאָס געשען! — און מיט א טיפן זיפץ אויסגעקרעכצט: הייליקע אומגליקלעכע נשמה!

ראַקעל האָט ביי זיך פעסט באַשלאָסן ווי טייער עס זאָל איר נישט קאָסטן איז זי אויך גרייט איר אייגן לעבן צו צעשטערן! מיט איר שטאַרקן ווילן און אייזערנעם כאַראַקטער אַרויפגעצויגן א שטאָלענעם

פּאַנצער אויף איר האַרץ! ווי גליייך זי האָט גאָרנישט געזען. זי מוז אָנ־טאַפּן מיט דער האַנט!... נאָכער מעג אַלץ ווערן צו שטויב.

— 3 —

דאָן פעליפּע איז געווען פון די פאַרשווינען וואָס האָבן אַלץ און אַלעמען געוואָלט איבערשטייגן. אויסער דעם טשאַלעט וואָס ער האָט גע־האַט צווישן די קאָרדאָבער בערג, האָט ער זיך אויך געקויפט אַ טשאַ־לעט אין מאַר דעל פּלאַטאַ פון יענער זייט שטאָט, אין געגנט פּונטאַ מאָגאָטעס, איין קוואַרטאַל קעגניבער דעם ים־ברעג. אין זיין כאַראַקטער איז געלעגן יענע נאָכגיביקייט... וואָס ווייסט נישט פון קיין גרענעצן! אָט, דער טיף מענטש איז אויך גרייט געווען דורכמאַכן יעטווידער אוואַנ־טורע.

דאָס גרעסטע פאַרגעניגן זיינס, איז געווען אַרויספאָרן אויף אַ גאַנ־צער נאַכט מיט די פישער אין אַ מאָטאָר־שיף פאַנגען פיש. ער האָט אויך געהאַט זיין גאַנצן טואַלעט צו דער רייזע: אַ פּאָר גומענע שטיוול, לעדערנע הויזן, אַ לעדערן רעקל, אַ לעדערן היטל אין דער פאָרעם פון אַ סאָלדאַטסקע קאַסקע. נאָך מער פאַרגעניגן האָט ער געהאַט ווען מען האָט אָנגעבראַכט גאַנצע הויפנס קאַמאַראָנעס. באַם פּאָרט פון פיש־מסחר זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט רייען קאַטרעס ווי אין אַן עמיג־ראַנטן האָטעל, באַצויגן מיט שיטערע געפלאָכטענע דראָטן וווּ מען וואַרפט אַרויף די קאַמאַראָנעס צום וואַשן און סאָרטירן. די קליינע פאַלן דורך, די גרויסע בלייבן אַף די דראָטן, ווען די קליינע זיינען דורכגעפאַלן האָט זיך דאָן פעליפּע געריבן די הענט מיט אַ באַזונדערער הנאה...

ראַקעל האָט אויפגענומען זיין ספּאָרט־שפּיל, ווי ער האָט גערופן, ווי אַלע זיינע פאַרדאָרבענע ווילדע מעשים, ווייל אין דער ספּאָרט־שפּיל... האָט זי דערפילט אַן אומדערוואַרטע געפאַר: מענטשן צוליב פּרנסה זיינען אויסגעשטעלט אויף אַלע געפאַרן! מינען־קאַטאַסטראָפעס, ווו מויזנטער לעבנס ווערן דערשטיקט! שיפסברוכן, ווו הונדערטער לעבנס באַהעפטן זיך אין די טיפענישן פון די וואַסערן מיט זייערע הייפיש...

דאָן פעליפּע האָט זיך גענומען אַ גאַנצן חודש אָפּרו... צוויי נעכט געווען באַשעפטיקט באַם פיש־פאַנג, די איבעריקע נעכט ביי דער רו־לעטע. גאַנצע טעג האָט אים געשווינדלט פאַר די אויגן רויט און שוואַרץ... הויפנס מיט געלט וואָס האָבן צו אים נישט דערגרייכט, אַנ־דערע טעג האָט אים געשווינדלט פאַר די אויגן הייפיש און אַנדערע מי־נים קלענערע פיש. די מעכטיקע כוואַליעס, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין די ווענט פון דער שיף און צומאָל אַריבערגעשפּרונגען איבער דער

שיף! דער גראַנגל פון די מינים פיש אין די נעצן, דאָס ים־געזאַנג פון שטורעם און אויפברויז! און שטילע ווייכע רויקייט ווי די וואַסערן אַליין וואָלטן זיך צוגעהערט צום סוד פון זייער אָפּגרונט. אָט דער צויבער פון שטורעם און ווייכע רויקייט האָבן אים געמאַכט פאַר אַ שטיקל ים־מענטש...

דאָן פעליפּע איז געווען אַזוי פאַרטאָן אין דער רולעטע און אין ים־שפּאַצירן... אַז ער האָט פאַרגעסן אין זיינע סעקסועלע אַוואַנטורעס! האָט ער אַמאָל ביים מיטיק צוגעוואָרפן זיין שווינגער אַ פּאָר אומגעלומפּערטע... וויצן האָט ער דערפילט אַז פון ראַקעלס אויגן גליען ברענענדיקע פונקען ווי פון אונטער אַ באַרג אַש! האָט ער באַשלאָסן דעם יום־טובדיקן חודש פאַרשווענדן בלויז אויף די צוויי געביטן, דאָס איבעריקע וועט ער שוין דערגענצן... אין ב. איירעס, דאָס לעבן איז טאַקע קורץ, אָבער ער פילט זיך נאָך אין כוח צו דעריאָגן דאָס פאַרשפּעטיקטע...

ראַקעל האָט דערפילט אַז איר אויפדעקונגס־פּלאַן וועט זי אין מאַר דעל פּלאַטאַ נישט דערגרייכן. איר געזיכט האָט זיך אַביסל אויסגעלייטערט, ווי די זון נאָך אַ האַרבסטיקן רעגן... דערווייל איז איר אַביסל לייכטער געוואָרן אויף דער נשמה. זי האָט געפּרוווט האָבן נוצן פון אירע וואַקאַציעס... צו קאָנען מעגלעך איבערטראָגן גרעסערעליידן ווי זי האָט זיך פאַרגעשטעלט!

מיט דער גאַנצער רויקייט זיינען די נעכט פאַר ראַקעלן נישט געווען קיין גאָר רויקע. דאָך איז זי געווען צופרידן, וואָס זי האָט נישט נאָענט איר מאַן לעבן זיך... אָבער קיין איין נאַכט איז נישט אַריבער, אַז איר פּאָטער דאָן פינקלשטיין זאָל איר נישט אַ גראַבל טאָן מיט זיינע קנאָכיקע פינגער ביי דער נשמה... האָט ווידער אַ ברויז געטאָן אין איר מיט דער שרעקלעכער גרויל און זי וויל דערווייל פאַרגעסן. פונקט ווי נישט לאַנג איז זי געווען גרייט אַלץ און אַלעמען פאַרניכטן אויך איר אייגן לעבן צעברעכן, מיט דעם זעלבן אייפער געזוכט מיטלען זיך צו באַרויקן. זי האָט פאַרמאָגט פון יענע אייזערנע כאַראַקטערן ווי צום שלעכטן, אַזוי אויך צום גוטן זיך קאָנען באַהערשן!

פעליפּע האָט זיך געגרייט געזעגענען מיט זיינע פישער פריינט, אָנגעקויפט פון אַלעם גוטן פאַר אַ קריאָזשע אַסאַדע מיט אַ פּאָר פלעשער וויסקי. דאָס מאָל, פאַרן אַרויספאָרן, האָט ער זיך מיט זיין פרוי ראַקעלן מער וואַרעמער געזעגנט ווי אַלעמאָל. ראַקעל האָט דערפילט אַ נאָענטע געפּאַר און זיך געבעטן ביי אים נישט צו פאָרן. ער האָט איר אַנגענומען אונטערן אָרעם, איר אַרויסגעפירט אויפן באַלקאָן און אָנגעוויזן מיט דער האַנט צום ים:

— זעסט, אַ וווּנדערבאַרע נאַכט, דאָס וואַסער איז אַזוי רויק ווי אַ שפּיגל, מען קאָן אַלע שטערן איבערציילן אויפן וואַסער. פאַרן די נאַכט

מיט דער מאָטאָר שיף איז ווי זיך גליטשן אויפן אייז. בלויז די נאַכט, היינט איז פרייטיק, זונטיק פאָרן מיר שוין צוריק קיין ב. איירעס. איך וועל שוין דאַרפן וואַרטן אַ גאַנץ יאָר אויף דעם פאַרגעניגן, חוץ דעם מוז איך זיך געזעגענען מיט מיינע פריינט; גאַנץ ווילע מענטשן די אי־טאַליענער! איך גרייט פאַר זיי אַ גאַנץ פיינע פאַריזשאַדע; זיי האָבן עס פאַרדינט די יאַטן!

ראַקעל האָט געוווּסט אַז ער איז איינגעשפּאַרט... איז פאַראַן קנאַפּע אויסזיכטן אַז ער זאָל זיין נאָכגיביק. דאָך האָט זי געפּרוּווט אויף אים ווירקן:

— מען קאָן גאָרנישט וויסן פּעליפּע. פּונקט ווי עס איז אין איצ־טיקן מאָמענט רויק, שיין, לבנהדיק, אויסגעשטערנט, אַזוי קאָן אומגע־ויכט אויסברעכן אַ שטורעם! צום ים טאָר מען נישט האָבן קיין גרויסן צוטרוי. קיינער ווייסט נישט די סודות פון זיין גרונט. פון דעם שיינעם רויקן שפּיגל קאָן מיט אַ שעה שפּעטער ווערן בערג און טאָלן!

פּעליפּע האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר אַקסל און איר געבעטן זי זאָל נישט זאָגן קיין שוואַרצע נביאות:

— איך האָב באַשלאָסן און איך וועל פאָרן!

צען אַזייגער אין אָוונט זיינען אָפּגעשוווּמען עטלעכע מאָטאָר־שיפן באַהאָנגען פון ביידע זייטן ווענט מיט נעצן, שטריק און רעטונגס־בייגל. אַריינפּאָרנדיק אַ צוויי שעה אין ים האָט גענומען בלאָזן אַ לייכט ווינטל. די פּראַקטישע ים־מענטשן האָבן אַ קלאַפּ געטאָן פּעליפּען איבער דער פּלייצע:

— מוט און פאָרזיכטיק, פּאַיסאַנאָ! מיר וועלן באַלד האָבן אַ פיי־ןעם ים־שטורעם! לאָמיר דערווייל געניסן פון דער פאַריזשאַדע אַלאַ ב. איירעס און פאַרטרינקען מיט וויסקי אויפן ענגלישן שטייגער!

יעדער איינער האָט אַ זופּ געטאָן פון דער פלאַש, דער עלטסטער פון די פינף פישער האָט באַדאַנקט פּעליפּען: דו פּאַיסאַנאָ מעגסט גיבן נאָך עטלעכע זופּ; מיר ביי אונדזער אַרבעט טאָרן נישט איבערכאַפּן די מאָס, אונדזערס גייט נישט פאַרלוירן! די קאַפּעטינעס וואַרטן אויף אונ־דזער צוריקרייזע... כאַפּן מיר אַריין נאָך אַ פּאָר גלעזלעך.

מיטאַמאָל האָט אַ שניידנדיקער ווינט אַ שטויס געטאָן די שיף אויף עטלעכע מעטער ווי מעפּיסטאָ וואָלט אַ פייף געטאָן אַז אַלץ וואָס גע־פינט זיך אַף דער אויבערפלאַך פון ים! די שיף האָט זיך גענומען וואַקלען אויף אַלע זייטן, זיך אויפגעהויבן אויף אַ ריזן באַרג און זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ טיפן טאָל! בשעת די פישער זיינען געווען פאַר־נומען מיטן אַרויפציען די שווערע נעצן מיט די פיש איז פּעליפּע גע־

שטאַנען באַם ברעג פון שיף און זיך צוגעקוקט ווי די בראַווע איטאַליע־נער אַרבעטן! מיטאַמאָל האָט זיך אויפגעהויבן אַ ריזן כוואַליע און איין איין אויגנבליק איז פעליפּע געווען פון יענער זייט שיף! די איטאַליענער איז נישט מער געבליבן... אַראָפּנעמען די היטלען, זיך איבערצלמען און אים געווונטשן אַ ליכטיקן גן עדן.

צומאָרגנס אין דער געוויינלעכער שעה פון זיין צוריק שפּאַציר... איז פּעליפּע נישט געקומען. די פישער האָבן נישט געוווּסט ווו ער וווינט און נישט געקאָנט מעלדן זיין פאַמיליע אָדער באַקאַנטע וועגן דעם אומ־גליקס־פאַל, און איבערגעגעבן דעם טראַגישן פאַל דער פּאָליציי. זיי האָבן נאָר געוווּסט זיין נאָמען און נישט מער.

ראַקעל האָט נישט געוווּסט דעם נאָמען פון דער שיף מיט וועלכער ער פלעגט מאַכן זיינע שפּאַצירן. ראַקעל איז געפאַלן אויף אַ געדאַנק: אָנשטעלן די ראַדיאָ, אפשר איז אָן אומגליק געשען! און די טרויעריקע מעלדונג איז געקומען פון דער פּאָליציי דורך דער ראַדיאָ: אַ טוריסט פון ב. איירעס, מיר זיינען בלויז אינפאָרמירט פון די פישער טריפּולאַנטן אַז זיין נאָמען איז דאָן פעליפּע. די באַהערדן האָבן אָנגענומען אַלע מיטלען אים אויפזוכן אָן דערפאָלג! פאַמיליע־מענטשן אָדער פערזאָנען וואָס האָבן אים געקענט דאַרפן זיך מעלדן צו דער פּאָליציי.

ראַקעל האָט אויפגעזוכט די פישער פון דער מאָטאָר־שיף „דאָן פראַנסיסקאָ". די פינף איטאַליענער האָבן מיט געבויגענע קעפּ און גרעסטן רעספּעקט און דרך ארץ ראַקעלן געפירט מיט דער זעלבער שיף צום אומגליק־אָרט! איז געשטאַנען אַ שאָטן פאַרדעקט מיט אַ שוואַרצן שלייער געוואָרפן ווייסע בלומען אין וואַסער איינע נאָך דער צווייטער באַגלייט מיט גרויסע וויטיקלעכע טרערן, וואָס האָבן זיך געקייקלט אויף איר געזיכט!

צוריקוועגס האָבן די גוטע איטאַליענער איר באַרויקט... דאָס איז דער צווייטער אומגליקס־פאַל וואָס טרעפט אויף אונדזער שיף! דער ערשטער קרבן פאַר די שטורעמדיקע וואַסערן איז געווען אונדזער גאָט־זעליקער פאָטער! און מיר האָבן געענדערט דעם נאָמען פון דער שיף אויף זיין נאָמען „דאָן פראַנסיסקאָ"! און אייער גאָטזעליקער מאַן דער צווייטער קרבן! אַ ווילער יאַט געווען, זאָל גאָט הייליקן זיין נשמה און איר זאָלט מער פון קיין צער נישט וויסן! דער עלטסטער פון די פינף ברידער האָט אַרויסגעצויגן אַ קליין צלמל פון בוזים, וואָס איז געהאַנ־גען אויף אַ דין קייטעלע און דאָס אַ קוש געטאָן.

דאָניאַ ראַקעל איז אַ מידע און צעבראָכענע צוריקגעפאָרן קיין ב. איירעס, שוין מיט אַ פּאַרטיקן באַשלוס, ליקווידירן אַלע געשעפטן, זיך

באַזעצן אין אַ רויקן ווינקל אין בעלגראַנאָ־געגנט. יעדן פרימאָרגן ווי אַן ערלעכער ייד פאַרפעלט נישט צו גיין אין שיל אַריין אַזוי האָט דאָניאַ ראַקעל נישט פאַרפעלט יעדן פרימאָרגן קומען קיין ליניערס.

איז געשטאַנען אַ שוואַרץ געשטאַלט לעבן דאָן פינקלשטיינס קבר, שטאַר און קאַלט ווי דער שטיין פון דער מצבה! און שטיל געשעפּטשעט די טרויער־ווערטער וואָס האָבן געפירט צום אונטערגאַנג פון דער גאַנצער פאַמיליע: איך האָב אין אַלע בלעטלעך פון אונדזער טאָג־בוך... אַריינגעקוקט! און ווער ווייסט אין מיינעם?!

אַ גאָלדענע מצבה

צופאַלן טרעפן זיך אַ סך; אויך סאַוויצקין האָט אַן אומגעריכטער צופאַל פאַרטראָגן קיין אַרגענטינע, עפּעס זיינען בײַ אים ניט געווען אין אָרדענונג, האָט מען אים קיין נאָרדאַמעריקע ניט געוואָלט אַרײַנלאָזן, איז ער געפאָרן אין באַראָן הירשס מדינה... ווערן אַ קאָלאָניסט, וועגן דעם האָט ער ניט געטראַכט. גראָבן מיט דער נאָז די ערד דאָס איז פאַר יאָלדן... אַז מען וויל קאָן מען מאַכן אַמעריקע, ער איז שטאָלץ געווען מיט זיין פיזישן כוח, אַ יונג אַ דעמב! אַ פּלייצע ווי אַ קלאָטקע איבער אַ שמאָל טײַכל, מוסקולן ווי פון שטאָל געגאָסן! אין אַרגענטינע קאָן מען אויך מאַכן אַמעריקע, אַזוי האָט סאַוויצקי געטראַכט. דער קאָפּ זיינער אַביסל שווערלעך ווי מיט זעגעכץ אָנגעשטאָפּט, וועגן זיין שווערן קאָפּ האָט ער אַ מאָל געטאָן מיט זיין בערן לאַפּע אַז ס'איז דאָ געלט קען אַזאַ קאָפּ ווי מיינער אויך ווערן אַ מיניסטער־קאָפּ... און אַלץ קאָן זיך קייקלען אַף מיין ברייטער פלאַכער האַנט. אָט מיט דעם געדאַנק האָט ער אין די ערשטע יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט געשטעלט זיינע ערשטע טריט אויף דער אַרגענטינער ערד.

ער האָט באַלד דערשנאָפּט אַז עס פעלן הענט אויסצולאָדן און אָנצולאָדן די שיפן ווו לענדער טוישן זיך מיט זייערע פּראָדוקטן. סאַוויצקי האָט אַ פּרווו געטאָן זיין כוח, אַ נעם געטאָן אַ זאַק ווי אַ שטרוי אויפן פינגער... אַן אויפזעער האָט דאָס באַמערקט און אים אַ קלאַפּ געטאָן איבער זיין קלאָטקע פּלייצע און גוט־ברודעריש געפרעגט צי וויל ער אַרבעטן — ער האָט פאַרשטאַנען אין ווונק וואָס דער גוי מיינט, און סאַוויצקי איז געוואָרן אַ מענטש...

קיין בוידעם־שטיבלעך איז אין בוענאָס אײַרעס אין יענע יאָרן נישט געווען. די מערסטע שטובן נידעריקע מיט נאַסע קעלערס און קאָנווענטיזשאָס פאַר ערשט אָנגעקומענע וואָס האָבן קיין פאַמיליע און פריינט נישט געהאַט זיינען דאָס געווען די ערשטע פּאַלאַצן, נאָסקייט,

פינצטערניש ווי א בלינדע נאכט אין א שטורעם. קומענדיק פון זיין פּאַרט אַרבעט האָט ער אַ טרייסל געטאָן פון זיך דעם שטויב ווי אַ פערד מיט דער גריווע ווען מען שפּאַנט דאָס אויס פון וואָגן. זיך צוגעלייגט אַ צופרידענער אויף זיין קאַטרע בעטל, זיך נישט געמאַכט קיין וועזן פון דער נעץ און פינצטערניש, זיינע געשוואָלענע קעשענעס האָבן אים ד׳ערהויבן צו די הויכקייטן פון זון און שטראַלן... און אַזוי איז ער געוואָרן אַ גאַנצער דזשענטלמאַן... אַ פיינעם אָנצוג, אַ געקוויי־טלטן שרייענדיקן שניפּס. זיינע שוואַרצע גערדיכטע קוילן האָר גלאַט זיך פאַרקעמט מיט גאָמינאַ און שמעקנדיקע וואַסער, זיין אויסזען איז גע־ויען אַזאַ אַז זיינע שיפס־ברידער האָבן אים גערופן: גראַף פּאָטאָצקי. איבערגעלאָזט דעם היסטאָרישן קעלער אויף אַנדעם און לאַוואַזשע ווו עם האָבן זיך געוואַלגערט בענקשאַפט און פאַרצווייפלונג פון די ערשט אָנגעקומענע ווו סאַוויצקי פלעגט דאָרט אַראָפּשלינגען אַ באָרשט מיט אַ מאַרך ביין און אַ געפילטע קישקע מיט קאַשע. זיינע באַקאַנטע פלעגן זיך צושפּאָרן מיט די פלייצעס צו דער וואַנט אַז זיי זאָלן נישט כאַפּן אַ גלעט פון זיין לאַפּע, אַז די ביינער זאָלן קנאַקן. וועגן גרויסע זאַכן האָט ער נישט געוווסט און קליינע נישט געקאָנט באַנעמען אָבער אַ יאַט מיט ביינער איז ער געווען.

אין עטלעכע יאָר אַרום איז אונדזער סאַוויצקי געוואָרן אַן אָנגע־זעענער מענטש... אין אַ שיינעם זומער־פרימאָרגן האָט זיך אין סאַ־וויצקים געשעפט אַריינגעשטעלט אַן עלטערער מאַן מיט אַ יונג מיידל, אירע פינקלדיקע קאַרשן־אויגן האָבן גערעדט פאַר איר, איר גאָלדענע קרוין אויפן קאָפּ האָט אויפגעריסן מענער־אויגן! אירע אויפגעהויבענע יונגע קנאָספּן האָבן זיך מיט פאַרשפּיצטן כוח ווי פאַרבישופטע עפּל אין אַ זומער־פרימאָרגן פון איר ענגער אָפּגעטראָגענער בלוזקע זיך גע־שפּאַרט און באַוויגן ווי אין אַ טיפער בלויער נאַכט, די שטערן אין הימל געגלעט און געשמייכלט... סאַוויצקי האָט גערעדט מיטן פאָטער און קיין אויג נישט אַראָפּגענומען פון באַצויבערנדן מיידל: איר געדענקט דאָך סאַוויצקי האָט זיך דער פאָטער געווענדעט צו אים. נישט סאַוויצקי נאָר סעניאָר סאַוויצקי! און אַ שמייכל געטאָן אין זיך אַריין... זיך דערמאָנט ווי דער אַלטער פלעגט אים אויף דער שיף גראַגערן אין זיינע מויבע אויערן אַריין וועגן מאָראַל, און פראָלעטאַרישער דערהויבנקייט, וועגן קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל, ביי דעם וואָרט האָט ער אַ זאַפּ־טיקן שמייכל געטאָן ווי אַמאָל פון דער געפילטער קישקע מיט קאַשע, און אַ פרעג געטאָן זיין שיפס־ברודער וואָס ער פאַרלאַנגט: איר האָט אָנגענומען אין די צייטונגען בין איך געקומען בעטן אַרבעט פאַר מיין טאָכטער — האָט דעם אַלטנס קול געציטערט פון אויפרעגונג. איך פאַרשטייט סאַוויצקי, אַנטשולדיקט, סעניאָר סאַוויצקי... מיין באַשקעלע

כיוז ארבעטן. פון מיין שניידעריי קלעקט נישט פאר מיין פאמיליע, איך געדענק זי נאך, א פיצל קינד געווען אויף דער שיף. „יא איך געדענק זי". א דינער געלעכטער נאכלעסיק פון זיין מויל געפאלן אויפן שרייב־טיש, קוקנדיק אויף באשקעלעס געטאקטע הענט. „זי האט גאנץ פיינע דינע פינגערלעך... אט אזעלכע דארף איך האבן ביי דער קאסע זיי זאלן נאר נישט קיין קלעפיקע"... טאטע און טאכטער זיינען געווארן פאר־שטארט פון דעם שווערן ווארט! סאוויצקי האט דאס באמערקט און מיט א פעטן שמייכל זיי בארויקט; איר דארפט זיך נישט באליידיקן, עס איז א סוחרישער... אויסדרוק — ער האט צוגערופן א מיידל; דו! פאר־שרייב איר נאמען און אדרעס און דו באשקעלע מארגן אכט אזייגער קום צו דער ארבעט.

טאטע און טאכטער זיינען ארויס פון געשעפט, זי א צו־פרידענע וועט קאנען מיט אירע פארדינסטן העלפן אין שטוב, דער פאטער אן אויפגערעגטער פון סאוויצקיס באנעם — איך האב געמיינט אז מען ווערט רייך ווערט מען אויך א גאנצער מענטש... דער זעלבער גראבער טרעגער ווי געווען! א שניידער קדחת זאל אייך טרעפן ווי מיר אין די לאנגע שלאפלאזע נעכט ביי דער מאשין! וויפל איך האב אין אים נישט ארייגעפויקט אויף דער שיף איז ער געבליבן די זעלבע ;לידניע!

באשקעלע האט מיטגעבראכט אין געשעפט אכטונג און ליבע צו זיך. ווי זי וואלט דערצויגן געווארן אין א רייכער אריסטאקראטישער שטוב, און אט דאס בילד שיין מיידל האט געשטויסן סאוויצקין זיך ערנסט פארטראכטן וועגן א תכלית... ער איז אבער פארבליבן דער זעלבער ציניקער וואס האט זיך אנקווארטירט נאך פון די ווויל יונגערישע יארן פון זיין שטעטל, די ציניזשע איינבילדונג איז אים געבליבן שטעקן ווי ביי א הונט א ביין אין האלדז. פרויען זיינען ווי פעדערן־פליקן, מען קאן אפפליקן א פולן איבערבעט און עס זאל נאך בלייבן... צו זיינע אנגעשטעלטע איז ער געבליבן דער זעלבער קאנאליע ווי זיינע מענטשן פלעגן אים אין דער שטיל רופן. געווען שטרענג ווי א בייזע שטיפמאמע צו די סוחרים מיט וועמען ער האט געהאנדלט, געווען מילד ווי א קע־צעלע צו וועמען ער האט באדארפט אנקומען, צו די וואס האבן צו אים באדארפט אנקומען האט זיין שטימע געדונערט ווי א טעמפע האק איבער א קלאץ! די אנגעשטעלטע אין סאוויצקיס געשעפט האבן זיך איבערגע־ווארפן מיט סודותפולע ווערטער — ווי אזוי וועט אזא איידעלע נשמה זיך איינלעבן אין זיין אקסענער־פעל?

סאוויצקיס שטוב האט אויסגעזען ווי א פאלאץ, פיינע געשניצטע נאגאל־מעבל, לויטן ראקאקא־סטיל, זילבער, קרישטאל, פארצעלייי אין יעדן ווינקעלע, פאר באשקעלען א פיינע עלעגאנטע סאלע מיט א קאנ־

צערט פּיאַנאָ. דער עק פון דער פּיאַנאָ איז געשטאַנען אַריינגעשפּיצט אין אַ ווינקל וואַנט, אירע לאַנגע דינע פינגער האָבן קינדיש געטאַנצט איבער די ווייסע און שוואַרצע טעקלאַס, יעדע ווײַלע פאַרוואָרפן אַ גאָל־דענעם לאַך וואָס איז געפאַלן מיט אַ גאָלדן שטיפעריי אויף איר ראָזן ליכטיק פּנים.

ווען דער פּראָפעסאָר האָט באַשקעלען אויסגעלערנט שפּילן פון זכרון האָט סאַוויצקי איינגעלאַדן אַלע זיינע גוטע פריינט מיט די דאַמען, גרויסע ספּעציאַליסטן פון פּאָקער־שפּילן... פאַרצושטעלן זיין קאָנצערטיסטן. דער בוכפּירער פון זיינע געשעפטן איז כסדר געווען דער ערשטער צווישן די געסט... ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן מבין און אויך פּיאַנאָ געשפּילט. ער פלעגט דעמאָלט באַשקעלען צווייזן און איר אַרויסהעלפן אין די לעקציעס, סאַוויצקיס אָקסן־אויגן האָבן אָנגעהויבן קוקן קרום צו יענעם ווינקל וווּ די פּיאַנאָ איז געשטאַנען... זיין ברוסטקאַסטן האָט געקלאַפּט ווי די קייטן אויפן שיף ווען ער פלעגט אַרויפציען און אַראָפּ־לאָזן די זעקלעך אין אונטערגרונד! זיין בוכפירער מיט באַשקעלען האָבן אויסגעשפּילט אַ פּיעסע אויף פיר הענט, זיין צעוואַקסענער קערפּער האָט זיך אויסגעצויגן און אויסגעזען ווי אַ ריזיקער שאָטן פון אַ דעמבן בוים! זיינע אָקסענע אויגן האָבן געפלאַקערט ווי צוויי ברענענדיקע שטורקאַצן זיי צו פאַרצוקן! עס האָט פון אים אַ דונער געטאָן:

— סעניאָר בערנאַרדאָ!

ביידע האָבן אויסגעדרייט די קעפּ און דערזען פאַר זיך אַן אומגע־לומפּערטן שאָטן, מיט צעבליצטע אָקסן־אויגן, מיט פאַרלייגטע הענט אויפן קלאַפּנדיקן ברוסטקאַסטן, וועלכער האָט זיי געפרעסן מיט זיינע צוויי שטורקאַצן ווי אַ קאַניבאַל.

— זיצט! גענוג געשפּילט אין פינגער־פלעכטעניש — האָט ער זיך צעדונערט.

— איצט, סעניאָר סאַוויצקי בין איך אייער גאַסט און פאָלג נישט קיין באַפעלן. איר קאָנט זאָגן וואָס איר האָט צו זאָגן — האָט בערנאַרדאָ זיך אָנגערופן.

סאַוויצקי איז געוואָרן ווי צעטומלט און גענומען זוכן אין די קע־שענעס, צעשרייענדיק זיך מיט באַנומענע קולות:

— איר הערט, איר הערט! צוויי טשעקן זיינען צוריקגעקומען... איר קענט אים נישט דעם פּאַסקודניאַק! ווי דערלויבט איר זיך אָנצונעמען זיין אונטערשריפט?

— וועמען מיינט איר, סעניאָר סאַוויצקי? — האָט בערנאַרדאָ גע־ציטערט פון אויפרעגונג.

— דער טייוול ווייסט אים! איך געדענק שוין נישט זיין נאָמען — האָט סאַוויצקי גענומען פאַרעדן די ציין.

בערנאַרדאָ האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס איז נישט מער ווי אַן אויסרייד אויף פּטור צו ווערן פון אים.

— און נאָך איין זאַך, גאָספּאָדין פּיסאַטעל מיינער — איז סאַוויצקי אַרויס מיט קלאָרע ווערטער — איר האָט גאַנץ פיינע פינגער ציפּערן צו שרייבן, אָבער ביי דער פּיאַנאָ זיינען זיי נאָך לעננער!

זיין שווערע לאַפּע איז געפאַלן אויפן טיש מיט אַ טראַסק, אַז אַלץ האָט זיך אַזש אַ טרייסל געטון

בערנאַרדאָס פויסטן האָבן זיך געביילט. ער האָט זיך באַמיט צו באַהערשן זיך און אים געענטפערט:

— אויב איך האָב, סעניאָר סאַוויצקי, צו לאַנגע פינגער און די מעשה מיט די טשעקן וואָס איר האָט צוגעטראַכט אַז זיי האָבן פּיסעלעך און זיינען צוריקגעקומען... קאָנען מיר אונדזער קאָנטראַקט צערייסן און איר וועט זיך זוכן איינעם וואָס האָט לענגערע פינגער ער זאָל אייך אַביסל צעקראַצן אייער טעמפּן מוח! בערנאַרדאָ האָט אויפגעעפנט די טיר און איז אַוועק אָן אַ זיי־געזונט.

— און דו מיין ליב פייגעלע... האָסט אַראָפּגעלאָזט דיינע שיינע אויגע־לעך, און דיינע לאַנגע דינע פינגערלעך האָבן זיך פאַרקרימט ווי אין קדחת! דיר געטראָפן נעבעך אין דיין ווייך הערצעלע.

באַשקעלע האָט זיך אויפגעהויבן פון דער פּיאַנאָ אַ נערוועזע, די הענט אָנגעשפּאַרט אויפן טיש און מיט שפּיזלדיקע בליקן אים געשטאָכן:

— האָסט נאָך עפּעס וואָס צו זאָגן סעניאָר סאַוויצקי? — האָט איר שטימע געציטערט פון אויפרעגונג, און איר שיין פּנים האָט באַקומען אַ בלאַס לבנה־שיין.

— כאַ־כאַ־כאַ, האָט זיך געקייקלט פון סאַוויצקים האַלדז ווי שווערע שטיינער באַרג אַראָפּ. אַז דו רופסט מיר שוין אויך סעניאָר סאַוויצקי, בין איך טאַקע אַ גרויסער מענטש!...

באַשקעלע האָט געפרוווט אויסגיסן איר ביטער האַרץ וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין די פּאָר יאָר פון זייער צוזאַמענלעבן... און איינמאָל פאַר אַלע מאָל מיט אים פאַרענדיקן:

— מיט דיין ברוטאַלער באַנעמונג צו מיר האָסטו מיך געוואָלט מאַכן פאַר אַ שקלאַף ווי אַלע אַנדערע זיינען דיינע שקלאַפן! דיין האַרץ איז ווי אַ צעפוילטער קלאָץ, דיין נשמה איז אַ צוזאַמענגעדרייטע שלאַנג וואָס נישט יעדן קאָן זי בייסן. דו האָסט צו דיין איינענע פרוי די זעלבע באַציונג! אין דיין נאַרישער פאַנטאַזיע נאָך אָנפליקן אַביסל פעדערן צו דערשיטן דיין איבערבעט! עס איז מיר ליבער צו לעבן אָן אָרעם לעבן ביי'מיין טאַטן, ווו עס איז יאָ באַציונג צו מענטשן! איידער אין דיין רייכן פּאַלאַץ וואָס שמעקט מיר ווי אַן אָקסן־שטאַל!

באשקעלעס ערלעכע ווערטער האבן אים געשמיסן ווי א נאסע בייטש אויף זיין נאקעטן לייב.

— איך ווייס אז דו האסט מיר נישט וואס צו ענט־פערן ווען מען רעדט צו דיר וועגן א שיין ערלעך מענטשלעך לעבן! דו האסט זיך שוין איבערצייגט אז מיין יונג לעבן וועסטו נישט פארשלינגען, דיין ברייטער האלדז איז צו שמאל מיך צו קאנען פאר־שלינגען! ד׳ ברילן וואס דו האסט געקויפט פאר מיין טאטן, און ביי יעדער געלעגנהייט מיר פארגעווארפן עס זאלן אים עטוואס ליכט־ מאכן זיינע אויסגעהארעוועטע אויגן, האב איך דיר באצאלט מיט מיין קינדיש לעבן! דאס צווייטע ווייב אויב זי וועט קאנען אריין אין דיין פעל וועט דיר שטעלן א גאלדענע מצבה.

דער דיכטער האָט זיך אימפּאָנירט...

(צום אָנדענק פון יעקב אייזנשטיין)

אומדערוואַרט, האָט זיך פאַרן דיכטערס האַרבסטיקן לעבן אַ יונגער פרימאָרגן־פרילינג באַוויזן... מיטאַמאָל זיינען דעם דיכטערס קאָלעגן, די וואָס האָבן אים אומברחמנותדיק אויף טריט און שריט פאַרפאָלגט, גע־וואָרן זיינע בעסטע פריינט און פאַרערער... די פאַרפאָלגונג איז געווען אָן אַ גרענעץ. אַזוי איז די דערהויבונג געשטיגן מיט אַ פאַנאַטישן ברען ווי אַרום שבתאי צבי...

אַלע זיינע פריינט און באַקאַנטע האָבן זיך געחידושט: עטלעכע יאָר געווען איזאָלירט פון געדרוקטן וואָרט און מיט אַמאָל זיינען אַלע צייטונ־גען אָנגעפּיקעוועט וועגן זיין טאַלענט און פּערזענלעכקייט... אפילו זיין בילד ווערט געגעבן אויפן שענסטן אָרט, אויך די יידישע ראַדיאָ זינגט אים צווישן אירע אָנאָנסן אַ לויב־ליד, מיט פּאַטאָס שרייט דער ספּיקער אַריין אין שטאָלענעם מיקראָפאָן צו זיינע חשובע צוהערער.... — אַז מען מוז זאַמלען אַ שורה צו אַ שורה, אַ בלעטל צו אַ בלעטל און אַרויסגעבן דעם דיכטערס ווערק!

דאָס דערוואַרטעטע איז געקומען! אַ פּרעכטיקער זאַמלבוך איז דער־שינען, דער יום־טוב איז געווען אימפּאָזאַנט... רעדנער האָבן זיך געשליפן די צינגלעך, געלייענט... געטראַכט... און זיך פאַרטראַכט... זיך אומגע־טראָגן אין די בוזים־קעשענעס מיט טעזיסן פאַר זייערע רעפעראַטן. אומ־דערוואַרטעט פאַר די וואָרטזאָגער האָט זיך אויפגעשטעלט אַ יונגערמאַן פון פאָלק און געבעטן אַ וואָרט. נייגעריקע בליקן פון די פאַרזאַמלטע מענטשן האָבן זיך געשטופּט מיט די אויגן איבער קעפּ און בענקלעך אָנ־צוקוקן דעם וואָס וואָגט... דער יונגערמאַן האָט דאָס באַמערקט און רואיק אָנגעהויבן:

— חידושט אייך נישט חברים און פריינט, דער לייענער האָט מער רעכט צו זאָגן ווען שרייבער ווי דער שרייבער אַליין, דער דיכטער שרייבט פאַרן לייענער און נישט פאַרן שרייבער, ווייל איין שרייבער ליידט נישט דעם אַנדערן... און נאָך ווינציקער האָבן צייטונגס־מענטשן דאָס רעכט צו ריידן ווען אַ שרייבער! דער דיכטער, ווען ער פאַרטראַכט אַ טעמע, וואַרעמט ער זי אויס אין זיין האַרץ און זיין נשמה. די געשטאַלטן וועלכע ער שילדערט וואַקסן אויס אין זיין פאַנטאַזיע לעבעדיקע פון בלוט און פלייש! רעכנט זיך נישט וואָס איינער אָדער אַ צווייטער וועט זאָגן, ,,אַזוי האָט ער פאַרשטאַנען, אַזוי האָט ער אויפגעפאַסט און אַזוי האָט ער פאַר־צייכנט! אַנדערש איז מיט צייטונגס־שרייבער: מעג אַזאַ איינער שרייבן ווען וועלט־פּראָבלעמען, האָט ער בלויז אין זינען דעם הויפּט־מאָטיוו פון דער צייטונגס־פאַבריק: געשעפט, געשעפט און געשעפט!

דאָס מאָדערנע צייטונגס־וועזן איז נישט מער ווי אַ פאַבריקל גלייך מיט אַלע אַנדערע פאַבריקן. קריטיקער מיט אייגענע סטענדערס קאָנען דעם דיכטער דערהייבן און קאָנען אים אַרונטערוואַרפן... דאָס טוט זיך לויט פערזענלעכער סימפּאַטיע... נאָר גראָד איצטער האָבן חברים און פריינט, האָבן אַלע צייטונגס־מענטשן די בעסטע מיינונג ווען דיכטער, זיין ליכטיק געשטאַלט שטראַלט איצט אין זאַל... איך וועל אייך ברענגען אייניקע ציטאַטן פון בוך וואָס ליגט פאַר מיינע אויגן, שטריכן און גע־דאַנקען פון דער פאַררעדע אויפגעצייכנט פון דיכטער אַליין:

,,פאַרטראַכט זיך דער דיכטער איבער דעם מענטשלעכן ברוויזנדיקן לעבן, קומט ער צו אַזאַ שלום: אַ שלאַנגען־גיפט דערהרגעט איר קרבן מיטן ערשטן ביס, די מענטשן־גיפט מאַטערט דעם שוואַכערן, דאָס גאַנצע לעבן זיינס!"

,,ווי איז צו דעם, חברים, וואָס האָט נישט קיין פאַרשפּיצטע עלנ־בויגנס, ווי גרויס זיין טאַלענט זאָל נישט זיין, איז ער נישט מער ווי אַ ווייטער צושויער פון די וואָרטזאָגער; איין טרייסט באַגיינסטיקט דעם אויפריכטיקן מענטשן, ער קאָן נישט און וועט נישט זיין קיין געצנדינער!"

,,די באַפרידיקונג האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. דאָס צעווילדעוועטע ברוויזנדיקע לעבן לאָזן דעם דיכטער נישט רוען. ער שרייבט נישט זיין ליד אָדער דערציילונג צוליב קאָנוועניענץ, ער שרייבט ווייל די לעבעדיקע כוחות פון קאָלעקטיוו ברויזן אין זיין נשמה! ער קאָן נישט בלייבן גלייכ־גילטיק צו דעם אומקום פון די פעלקער און לענדער! ווען דער שטורעם פאַלט אָפּ ווי דאָס צופּלום "וואַסער אויפן טייך, דאַן קלייבט ער אויף די פּערל פון אָפּפאַל וואָס בלייבט אויפן גרונט!... שליפט זיי מיטן ריינסטן הויך פון זיין נשמה און באַשיינט ווידער דאָס לעבן מיט אַ ביסל שימער!"

,,מען דאַרף נישט זיין קיין גרויסער ליטעראַטור־קענער צו פאַרשטיין און פילן דעם דיכטער, איך וועל זאָגן ווי דער נביא עמוס האָט געזאָגט צו

די פאַלשע הערשער: שלעכטס און עוולות מוזן געמשפּעט און באַשטראָפט ווערן, דאָס גוטע מוז באַלוינט ווערן! מיינט נישט, חברים, אַז דער דיק־טער מעסט בלויז אויף זיך דאָס צעקנייטשטע לעבן, דאָס איז אַ סך־הכל פון די לעבנס־קלעפּ וועלכע זיינען אָנגעמאָסטן אויף יעדן פון אונדז. מיר דאַרפן נאָר לייענען און וועלן פאַרשן! איך וועל אייך ברענגען אייניקע שטעלעס פון זיין וווּנדערבאַרער דערציילונג „דעם פּרעזידענטס טאָכטער".

„אַן אַרויפגעאַרבעטער שניידער, זיין געלט פאַרנעמט אַן אָנגעזען אָרט אין דער געזעלשאַפט, איז ער שוין אַזוי צעבאַלעוועט פון זיין פאַר־מעגן אַז ער דרייט זיך אַרום מיט די הענט אין די קעשענעס און גיט באַפעלן צו די שניידערס וואָס זיינען געקומען אַרויסנעמען אַרבעט ביי אים: — העי, שניידערוקעס! שטייט נישט מיט פאַרלייגטע הענט, ביז דער צושניידער וועט אייך געבן די אַרבעט. טראָגט אַרויס די קאַסטנס אין פאָנדע! נישטאָ קיין ברירה (ער איז דאָך אויך פּרעזידענט פון דער באַנק ווו זיי זיינען אַקציאָנערן) מען דאַרף דאָך אַמאָל אַ טובהלע; דערפאַר ערב די וואַלן ווערט ער גאָר אַן אַנדער מענטש... פּראַוועט פאַר זיינע מענטשן אַ סעודה „אַ לאַ קריאַזשאָ" לויטן קאַודיזשאָ־שטייגער... רופט זיי „חברים יאַטן", קנאַקט צו מיט די פינגער, קלאַפּט צו מיט די פּיס. לעבעדיק, לעבעדיק אָט אַזוי חי־געלעבט. וואָס נאָך דאַרף אַ שניידער?... זיין בילד מיט ווייב און קינדער גייען איבער אין צייטונגס־פאַבריק... באַ־גלייט מיט פעטן גרויסן שריפט — דער גרויסער געזעלשאַפטלעכער טוער האָט באַערט זיינע מענטשן מיט אַ באַנקעט!... מנדב געווען אויף די און די אַנשטאַלטן, מיט אַזעלכע און אַזעלכע סומעס, דאָס איז אַ מענטש מיט אַ גוט הארץ... און מיט ליידנשאַפטלעכער איבערגעגעבנקייט פאַר געזעל־שאַפטלעכער אַרבעט!..."

„דערביי פאַרגעסן די צייטונגס־מענטשן וואָס באַדויערן נעבעך אויך דעם אַרבעטער... אַז זיין פאַרמעגן איז פון צעבראָכענע גלידער און נישט דערשלאָפענע אויגן! ווען דער פאַרשאָלטענער זייגער קלינגט צוויי פאַר־טאָג, נעמט זיך דער שניידער קראַצן אין דער פּאָטיליציע — וואָס ס'איז שוין טאַקע נאָך צען? ער מוז זיך אַליין די אויגן פאַרשטעלן צו קענען אויספּאַרטיקן די אַרבעט: ער דאַרף דאָך אויך פאַר דער אַסאַדע באַצאָלן, דירעקט פון דער קעשענע נעמט ער נישט אַרויס... די אַרבעט פאַרשפּאָרט אים שוין דער געזעלשאַפטלעכער פאַרזאָרגער"...

חברים און פריינט, ס'איז איבעריק אייך צו דערציילן וואָס די „קריטיק" האָט געשריבן וועגן דער דערציילונג, ווייל די ליבעסווירדיקע פּרוי וואָס געפינט זיך דאָ אין זאַל האָט געדולדיק איבערגעטראָגן די ליידן צוזאַמען מיט איר מאַן דעם דיכטער, איז זייער דערשיטערט און נערוועז, וועל איך איבערגיין צו אַ צווייטן קאַפּיטל פון דער זעלבער דערציילונג „איכה דעל גראַן פאַלגע" — ווי אַלע אַרויפגעאַרבעטע האָט

אויך דער ייד געהאט די שוואכקייט צו האָבן געבילדעטע קינדער... זיין יינגסטע טאָכטער האָט זיך איינגעעקשנט צו לערנען ענגליש, און זיך פאַרשריבן אויף אַ באַנאַכטיקן קורס. דער ראַדיאָ ביי זיי האָט שוין קיין טאַנגאָס און מילאָנגאָס נישט געקענט שפּילן... אַז ענגליש זאָל זיין ענגליש, די ענגלישע פּאָקסטראָטס האָבן פאַרטויבט די שטוב, סאַריטאַ האָט אונטערגעזונגען אַלע ניגונים און אונטערגעקלאַפּט מיט אירע הויכע קאָרקעס צום טאַקט. די יונגע, גלוסטיקע פאַרשפּיצטע ברוסטלעך האָבן זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ, ווי געטריבן פון אַ שטורעם־ווינט... זי האָט אפילו איר טאַטן נישט דערלויבט צו הערן די יידישע שעה, ווי אַזוי ער האָט זיך ביי איר נישט געבעטן. „היינט טאָכטער מיינע, ווען מען ריידן וועגן מיר אין ראַדיאָ, איך האָב דאָרט אונטערגעשמירט די רעדלעך, ס'וועט זיין אַ כבוד פאַר דיר און חוץ דעם האָב איך ליב אויסצוהערן די יידישע ניגונים. סאַריטאַ האָט זיך געבייזערט „בייסט באַסטאַ וויעכאַ! מיט דיין יידיש שמידיש."

אין אַ שיינעם טאָג איז סאַריטאַ געקומען נישט אינגאַנצן אין אָרדענונג. אפילו נישט אַ שמעק געטאָן צום ראַדיאָ. ווען זי האָט דער־הערט די יידישע לידלעך, איז זי אויפגעשפּרונגען צוגעלאָפן ווי אַ שטור־רעם־ווינט און מיט אַ נערוועזן קוויטש פאַרמאַכט דעם ראַדיאָ.

„איך האָב היינט גענוג געהאַט פון דיינע יידעלעך" — אירע הויכע פאַרשפּיצטע בריסטלעך זיינען שטום געוואָרן... אירע פאַרשייטע בלויע אויגלעך האָבן מער נישט געשמייכלט מיט מיידלשן חן... ווי אַ וואָלקן וואָלט זיך אויף איר אַראָפּגעלאָזט מיט זיין גרויער גליטשיקייט. דער פאָטער האָט אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ איןביידע הענט און טרויעריק אַ פרעג געטאָן: וואָסזשע, וואָסזשע טאָכטער איז פאָרט געשען וואָס דו, ביסט אַזוי ווי קיינמאָל נישט געווען?

„איך האָב דאָך דיר דערציילט וועגן דעם ענגלישן סטודענט מיט וועלכן איך האָב זיך באַקאַנט. היינט האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיט אונדזער שטוב בכדי מיט דיר זיך דורכריידן און בעטן מיין האַנט. איך האָב אים געוואָלט אָנציען, און אים דיך פאָרגעשטעלט אַזוי ס'זאָל זיין אומפאַרשטענדלעך פאַר אים בכדי ער זאָל באַקומען מער אינטע־רעס און אַ זאָג געטאָן: „מי פּאַפּאַ עס און גראַן פּאַלגע"... דער ענגלענ־דער האָט אַ שמייכל געטאָן און מיר אַ זאָג געטאָן אין יידיש — „אַזאַ גרויסער שניידער איז אייער טאַטע?"...

ער האָט מיך פּשוט באַליידיקט אַט דער „סינוועגוענסאַ", זיינע טשאַפּלין־וואָנסעלעך האָבן פאַרשטעלט זיין יידישן נאָז...

דער פאָטער האָט זיך צעלאַכט און איר געטרייסט, וואָס האָט נאָך סאַריטאַן מער אויפגערעגט פון אַזעלכע טרייסט־ווערטער: „טאָכטער מיינע אַזאַ ענגליש האָט מען אויך ביי אונדז אין שטעטל גערעדט און נישט

געגאַנגען אין די קלאַסן... חוץ דעם קינד מיינס ביסטו נאָך נישט קיין סוחר ווייסטו דען נישט אַז סחורות זיינען פאַראַן „לעכיטימע" און איר־מיטאַציעס." סאַריטאַ האָט זיך נערוועז צעשריען: באַסטאַ, באַסטאַ וויעכאָ! און זיך גענומען אויפשרויפן די פּאַטינעס אויף אירע פיס...

דער פאַרזאַמלטער עולם אין זאַל האָט זיך צעלאַכט, די פרוי וועלכע איז געזעסן אין דער ערשטער רייע איינגעהילט אין אַ שוואַרצן שלייער האָט פאַרביטערט אַ זאָג געטאָן: „ווי איר האָט דאָס דרך־ארץ פאַרן טויט... נאָכן טויט איז ער פאַר אייך געוואָרן דער אויבערשטער פון שטייסל!" דער יונגערמאַן האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, האָבן אָבער די פריערדיקע רעדנער אויפגעשטעלט די קעלנער און ווי שאָטנס זיך אַרויסגעשאַרט פון זאַל...

אינהאַלט

פאָרוואָרט — 5
שלומהקעם טרויער־מאַרש — 7
א דאַך איבערן קאָפּ — 29
פערנאַנדאָ — 33
סאָולס טאָג־בוך — 41
דער יידישער גאָוטש — 79
דאָן וואַדיסלאַוו — 87
אין טאָג פון די טויטע — 97
פּאַרשפּעטיקט — 103
ווען פייגל שטאַרבן בענקענדיק — 107
א צעשטערט לעבן — 115
אין בלומען־צימער — 123
א קאָשמאַר לעבן — 127
א „מענטש" מיט א ווייך האַרץ — 131
נאָך פרילינג — 137
דאָס לעצטע בלעטל — 143
א גאָלדענע מצבה — 161
דער דיכטער האָט זיך אימפּאָנירט — 167

Se terminó de imprimir el día 12
de agosto de 1953, en los Talleres
Gráficos OPTIMUS, S. R. L., calle
Valentín Gómez 2715-19 - Bs. As.